STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00303

# GEZAMELTE SHRIFTEN FUN YONAH ROZENFELD

Yonah Rozenfeld

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Lawrence W. White, M.D.*
*in memory of*
*Gertrude (Gitsel) Rabinowitz (of Toronto & Galicia)*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# געזאַמעלטע שריפטען

פון יונה ראָזענפעלד

צווייטער

באַנד

ארויסגעגעבען פון דער
יונה ראָזענפעלד קאָמיטע
ניו יאָרק :: 1924

Copyright by
Yona Rosenfeld
1924

# אין שאָטענס פון טויט.

# :אינהאַלט


| | זייט. |
|---|---|
| אין דער פינסטער | 7—14 |
| א פאַרשטערטע חתונה | 15—19 |
| פייגעלע | 21—26 |
| אויפ'ן בית עולם | 27—16 |
| דעם אַלטענס טויט | 37—44 |
| מורא | 45—51 |
| ביינאַכט | 53—57 |
| ארייגעצויגען אין שבת | 59—72 |
| אויף דער עלטער | 73—79 |
| די לעצטע מינוטען | 81—87 |
| פאַרהיט פון א גנבה | 89—95 |
| אין א פריה־מאָרגען | 97—104 |
| איבערגעשראָקען | 105—119 |
| רייזעלע | 121—126 |
| אַ שטילער טויט | 127—133 |
| אין איינזאמקייט | 135—140 |
| דער ליידיג־געהער | 141—148 |
| פאר פסח | 149—154 |
| אַ פארדרעהעניש | 155—166 |
| פיינדשאַפט | 167—173 |
| נאָך דער חתונה | 175—180 |
| דוד'ל | 181—188 |
| אונטערוועגס | 189—193 |
| א מיספארשטענדניש | 195—200 |
| א טעמע | 201—205 |

זייט.


א רעטעניש — — — — — — — — — — — 207—212
חלומות — — — — — — — — — — — 213—218
א צו להכעיס — — — — — — — — — — 219—227
א נאַכט אין צוג — — — — — — — — — — — 229—234
זעלבסטמאָרד — — — — — — — — — — — — 235—245
ביי דער נאַכט אַרבייט — — — — — — — — 247—252
טויט און לעבען — — — — — — — — — 253—262
אַ באַגעגעניש — — — — — — — — — — — — 263—270
אין א שטורעם נאכט — — — — — — — — 271—279
צוויי — — — — — — — — — — — — 281—286

# אין דער פינסטער.

צו נאכט איז נאָך ווייט, נאָר אין שטוב לעגט זיך א גראָהע פינסטערקייט. יעטוועדער ווינקעל שטעהט פארזאָגט און קוקט אין שטוב אריין מיט א טרויעריגער פארטראכטקייט, און אין דער גאנצער שטוב פיהלט זיך נאכט מיט קעלט. מען פיהלט, ווי זי קריכט, גנב'עט זיך ווי פון הינטער דער פאָדלאָגע ארויס. און נישט־באמערקטערהייד וואקסט זי אליץ העכער און העכער, הויבט זיך ארויף, ארויף, פארגיסענדיג פריהער קליינע זאכען, נאָכדעם — גרעסערע און גרעסערע. אָט גיסען זיך צונויף די פיסלעך פונ'ם טיש, און נאָך עטליכע מינוט זעהט מען פון איהם נאָר א שאָטען, און ענדליך פארגעהט ער אינגאנצען. אליץ ווערט צונויפגעגאָסען אין איין שטיק פינסטערניש.

— מאמע, ס'איז פינסטער! — הערט זיך א טרויעריגער קינדערשער קול.

— מאמע, צינד אָן א לאָמפּ! — הערט זיך א צווייטער קינדערשער קול.

די מוטער ליגט אויפ'ן בעט א פארזאָרגטע:

דער מאַן איהרער ארבייט אין א פאבריק, פיער וויאָרסט הינטער דער שטאָדט... ווי אזוי וועט ער קומען א היים א נאקע־טער?...

— מאמע, ס'איז מיר אזוי קאַלט!

— מיר אויך!

— קומט אהער אין בעט.

— דו ביסט שוין אויסגעטאָן, מאמע?

— ניין, אָנגעטאָן.

— אָנגעטאָן?

— מאמע, דו ליעגסט אָנגעטאָן?
די קינדער שפּרינגען אריין אין בעט.
— נעהם מיך ארום, מאמע.
— מיך אויך!
— א טייערע מאמעטשקע!
— אָי, קינדער, דערקוטשעט מיך נישט! — בעט זי זיך מיט א טרויעריגען טאָן.

זי זיפצט שווער אָפּ און פארטראכט זיך ווייטער. וועה איז מיר, ווי אזוי איז ער געגאנגען גאנץ פריה אין אזא זאווירוכע! אז זי איז גאָר געשלאָפען, — ווערט זי בייז אויף זיך — אזוי וואָלט זי איהם דעם האלז מיט עפּיס ארומגעוויקעלט... גאנץ פריה פונ'ם געלעגער... ער האָט זיך געוויס צוגעקיהלט... פון דער פאבריק געהט ער ארויס א פארשוויצטער.. ער וועט זיך געוויס צוקיהלען... אזא ווינט!...

— מאמע, זעה נאָר ווי די פענסטער זיינען פארפראָרען!...
— אָי, יאָ, יאָ! זעה נאָר, מאמע!
— ס'געהט ארום א ווינט אין שטוב...
— וואָס, מאמע, א ווינט אין שטוב?...
— אָי, קינדער, לאָזט מיך רוהען!
— לאָז דער מאמען רוהען...
א פּאָר מינוט שטיל.
— מאמע, עפּיס האָט א קלאפּ געטאָן...
— עפּיס האָט א קלאפּ געטאָן...
— די קאַץ אודאי...
— די קאַץ?
— אָי, יאָ, יאָ — אָט איז זי אויף מיר!
— א קאָטא, אין דער ערד!
— א קאָטא!
— א קאָטא!... זי וויל נישט אראָפּ! א קאָטא! זי האָט זיך פארטשעפּעט מיט די נעגעל אין דער קאָלדרע! א קאָטא!
— גיב איהר א זעץ!

— א קאַטאַ!
— אָי, איך האָב מורא! מ'זאָגט, אז זי קאָן דערווערגען...
— וואו איז זי?
— שוין אוועק...

עס ווערט שטיל. די מוטער פארטראכט זיך ווידער: אָט זעהט זי די פאבריק — א לאנגער הויכער קוימען, עס זעצט פון איהם א שטארקער רויך; אינווייניג קאָכט די ארבייט, מאשינעס דרעהען זיך, ביי יעדע מאשין שטעהט א שווארצע פיגור, און די פיגורען ווארפען זיך, בויגען זיך, דרעהען זיך, ארבייטען מיט אלע איברים — און עס איז שטיל, איינער מיט'ן צווייטען רעדט קיין וואָרט נישט... נאָר אָט דערהערט זיך א „הודאָק"! די מאַשינעס בלייבען שטיל, נאָר דערפאר ווערט שוין פון די „פיגורען" א רעש — דער לויפט אהער, דער אהין; דער טוט א פאלטאָ, דער — א היטעל; עס ווערט אן איילעניש, א כאפעניש — איינער פארבינדט זיך, דער צווייטער פארוויקעלט זיך. נאָר דער מאן איהרער כאפט זיך גלייך ארויס אין דרויסען, און דער ווינט גיט איהם א שמייס אין פנים... ער קומט אהיים, הוסט... עס שטעכט איהם אין א זייט, נאָר ער זאָגט נישט. זי דערקענט אָבער און פרעגט איהם גלייך: אין וואָס פאר א זייט שטעכט דיר? ער ענטפערט נישט, נאָר ווייזט אָן; בעט זי איהם, ער זאָל עפּיס עסען — וויל ער נישט, ער ווארפט זיך אריין אין בעט... ביי־נאכט כאפט זי זיך אויף, געהט שטיל צו צו איהם און גיט א טאפ דעם קאָפּ... היץ... דאָס גאנצע לייב איין שטיק פייער, דער דופק קלאפט שטארק... רופט מען א דאָקטאָר...

— מאמע, דו שלאָפסט?
— הא?... ניין, איך שלאָף נישט..
— ליעגסט אזוי?
— איך ליעג אזוי...
— פארוואָס ליעגסטו אזוי?
— אָי, קינדער, דערקוטשעט מיך נישט.
— וואָס איז דיר, מאמע?

— גאָרנישט...

— דער קאָפּ טוט דיר וועה?

— ניין...

— וואָס־זשע דען ליעגסט דו אזוי?

— ווי אזוי דען זאָל איך ליגען?

— רעד עפּיס!

— וואָס זאָל איך רעדען?

— דערצעהל עפּיס.

— וואָס זאָל איך דערצעהלען?

— דערצעהל פון גזלנים...

„גזלנים" — טראכט זי איבער — אפשר האָט מען דעם מאַן אויפ'ן וועג גע'הרג'עט...

— מאמע, פארוואָס צינדסטו די לאָמפּ נישט אָן? איך האָב מורא אין דער פינסטער...

— איך האָב אויך מורא...

— נישטאָ קיין נאפט, קינדערלעך. דער טאטע וועט קומען, וועט ער ברייגגען געלד, וועלען מיר קויפען נאפט...

— דער טאטע וועט באלד קומען?

זי קאָן נישט ענטפערן, אז יאָ... דאָס קינד פיהלט... עס האָט עפּיס דערפיהלט... ווער ווייסט, צי וועט ער שוין קומען!... ער וואָלט שוין באדארפט זיין... וויפיעל קאָן איצט זיין דער זייגער? דאכט זיך, שפּעט... ער וואָלט שוין באדארפט זיין... און ער איז נאָך נישטאָ, נאָך נישטאָ... פארוואָס איז ער נאָך נישטאָ?...

עס ווארפט איהר אין קעלט, זי ציטערט מיט'ן גאנצען קערפּער... עפּיס האָט געטראָפען... עס האָט עפּיס געטראָפען...

— מאמע, וואָס ציטערסטו?

— דיר איז קאלט, מאמע?

— מאמע, דיר איז קאַלט?

— אָט דאָ אין די פּלייטשקעלעך, א יאָ, מאמע, דיר איז קאלט אין די פּלייטשקעלעך?

— ניין, דער מאמען איז קאַלט אין די פיסעלעך...
— מאמע, דיר איז קאַלט אין די פיסעלעך?
— דער מאמען איז קאַלט אין די הענטעלעך...
— מאמע, דיר איז קאַלט אין די הענטעלעך?
— גיב אהער, וועל איך זיי דיר אָנהוכקען.
— גיב אהער, וועל איך זיי דיר אָנהויכען.
— מאַמע, איך האָב דיך אַזוי ליב!...
— איך אויך!

זי וויל עפּעס ענטפערען די קינדער, נאָר זי קאָן ניט... דאָס האַרץ קלעמט און ציהט... אַ קאַלטער שוויס באַדעקט איהר דעם שטערן. און ער איז אַלץ ניטאָ... זי קלערט שוין איצט גאָרניט, זי ווייסט שוין ניט וואָס צו קלערען. זי וויל קלערען, און קאָן ניט.

— קינדער!...
— וואָס, מאַמע?
— ...אַ?... איך האָב געמיינט איהר שלאָפט... איהר שלאָפט ניט?... איהר ווילט ניט שלאָפען?

זי וויל ווייטער עפּעס רעדען, נאָר עס פאַרהאַקט זיך דאָרט ביי איהר עפּעס אינוועניג. איהר כאַפּט אָן אַ שטאַרקער פאַר־לאַנג — דריקען די קינדער צום האַרצען, דריקען שטאַרק, פעסט... נאָר זי האָט מורא דאָס צו טאָן... זי האָט מורא, די קינדער וועלען דערפיהלען...

— קינדער!...
— וואָס, מאַמע?
— ...איהר שלאָפט ניט?... איך האָב געמיינט איהר שלאָפט.
— ניין, מאַמע, מיר שלאָפען ניט... מיר האָבען מורא צו שלאָפען אין דער פינסטער...
— ...מורא?...
— מיר האָבען מורא!...

אַ פּאָר מינוט שטיל.

— מאַמע, מען זאָגט, אַז ביינאַכט, אין דער פינסטער, גייען אַרום מתים...

— ... „מתים"...

— און ס'גייען אַרום „ניט־גוטע"...

— ... „ניט־גוטע"...

— מאַמע, עפּעס גייט אַרום אין שטוב...

— ס'איז דער ווינט...

— מאַמע, וואו איז די קאַץ?

— מאַמע, האָסט געזעהן?...

— מאַמע, ס'קלאַפּט אין לאָדען!...

— מאַמעלע, ס'פייפט...

— איך האָב מורא!...

— איך האָב מורא!...

— ... קינדער!...

— האָסט אויך מורא, מאַמע?

— הער אויף, די מאַמע האָט מורא!

ביידע קינדער נעמען אַרום דער מוטער און דריקען זי שטאַרק צו זיך. אין שטוב הערשט עטליכע מינוט אַ גרויזאַמע שטילקייט.

— מאַמע, איאָ, דו האָסט נאָך געהאַט אַ מיידעל? דו האָסט דערצעהלט, אַז דו האָסט געהאַט נאָך אַ מיידעל און ס'איז גע־שטאָרבען. פאַרוואָס איז עס געשטאָרבען, מאַמע?

— ס'איז געווען אַ שעהן מיידעלע?

— אַ יאָ, זי ליגט איצט אין אַ גרוב?...

— אין אַ גרוב?...

— איהר קעהר זיין אַזוי קאַלט!...

— דאָרטען איז אַזאַ ווינט!... בוימער...

— אַזוי פיל שניי!...

— מאַמע!...

— מאַמע, דו האָסט אַ טאַטען?

— די מאַמע האָט ניט קיין טאַטען!

— ער איז געשטאָרבען?

— און א מאַמען ?
— אוועק, דו ! וואָלטען מיר דאָך געהאַט א באָבע.
— מאַמע... נו, און ?...
— הער אויף, די מאַמע שלאָפט...
— די מאַמע שלאָפט...
— שלאָפסט ?
— מאַמע, דו שלאָפסט ?
— זי שלאָפט ! איך האָב מורא !...
— איך האָב מורא !
די קינדער הויבען אָן וויינען, פריהער מיט אַן איינגעהאַל־טענעם שטילען קול, נאָכדעם העכער און העכער. און זעהענדיג, אז די מוטער שווייגט אלץ, הויבען זיי איהר אָן צו טאַרקען, שרייענדיג דערביי : „מאַמע ! מאַמע !״ נאָר מיט אַמאָל זיינען זיי שטיל געבליבען — ביי די פענסטער האָבען זיך דערהערט טריט.
— עמיצער געהט !...
— ס'געהט עמיצער...
די טריט הערען זיך דייטליכער.
— דער טאַטע געהט, מאַמע !
— מאַמע, דער טאַטע געהט !...
עס הערט זיך, ווי מען פאַרעט זיך ביי דער טיר, און אין א פאָר מינוט ארום עפענט זי זיך. א שטאַרקער ווינט גיט זיך א יאָג אריין אין שטוב.
— טאַטע ?
— יאָ, דער טאַטע. וואָס איז עפּעס פינסטער ?
— מאַמע, דער טאַטע ! דער טאַטע איז געקומען !
— וואו איז דען די מאַמע ?
— די מאַמע שלאָפט דאָ אין בעט.
— שלאָפסט ?... גאָלדע !... קינדער, ווייסט איהר ניט, וואו די שוועבעלאַך ?
— ניין, טאַטע. פרעג דער מאַמען.

— גאָלדע! אוי, גוואלד, האָסט ניט געקאָנט לייהען ערגעץ עטליכע קאָפּיקעס, און ניט זיצען אין דער פינסטער? גער, זוך, טאַפּ די ווענט! קינדער, וועקט זי דאָרט אויף!

— מאמע! מאמע! מאמע?! דו ווייסט ניט, וואו די שוועבעלאך? דער טאטע איז שוין דאָ, ער זוכט די... די שווע־בעלאך...

— ס'איז רעכט געשלאָפען!... גער, אז איך זעה ניט, וואו איך בין אין דער וועלט!

שטיל.

— גאָלדע! האָסט זיך ניט אויסגעשלאָפען ביינאכט, צי וואָס?

ער לאָזט זיך געהן צום בעט, מיט פאמעליכע טריט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין דער לופטען.

— וואו איז זי ערגעץ?... גאָלדע! ווי אזוי זשע לעגט מען זיך אזוי אוועק אין דער פינסטער. נו, א סוף! נו, שטעה אויף! וויפיל דאַרף מען דיך וועקען!

א מינוט שטיל.

— גאָלדע! גאָלדע! נא דיר געלט און נעם אריין נאַפט. ליג זשע ניט, אָן ענדע!

— מאמע!

— מאמע, מאמע!

— גאָלדע! גאָלדע! גאָלדע! גאָט מיינער, גאָלדע! וואָס איז דאָס מיט דיר, גאָלדע?! וואָס איז דאָס פאר א מין?... גאָלדע! ווינד איז צו מיר, גאָלדע! גוואלד, גאָלדע! גוואלד, אידען, ראטעוועט! זי איז קאַלט! ראטעוועט, זי חלש'ט!!!

# אַ פאַרשטערטע חתונה.

ווי איך האָב נאָך דערזעהן אריינקומען אברהם חיים דעם קברות־איד אויף דער חתונה, איז מיר טרויעריג געוואָרען אויפ'ן הארצען.

מיין פאָטער איז איהם גלייך אַנטקעגען געגאנגען, האָט איהם צוגעפיהרט גלייך צו מיר. ער האָט מיר געגעבען די האנד און געוואונשען „אין אַ גוטער מזל'דיגער שעה". נאָכדעם האָט ער זיך אַ בויג געטאָן צו מיין כלה און איהר געוואונשען דאָס זעלבע.

ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש, האָט זיך מיר געדאכט, אז אַלע, וועלכע זיינען ארום געזעסען, זיינען עפּעס אויך ווי אומעטיג געוואָרען. דער פאָטער האָט איהם אָנגעגאָסען דאָס ערשטע גלעזעלע בראָנפען, ער האָט אויסגעצויגען צו מיר די האנד און געטרונקען מיט מיר „לחיים", און ווי ער האָט נאָך ארויס־גערעדט דאָס וואָרט „לחיים", האָט זיך דאָס באַלד ביי מיר אי־בערגעקערט אויף „למות". מיט גרויסע שווארצע בוכשטאַבען האָט זיך מיר דאָס וואָרט אַוועקגעשטעלט. אויף מיר איז אַ שרעק אָנגעפאַלען, האַלטענדיג זיין גרויסע קאַלטע האנד, וועלכע האָט זיך געוויס נאָר־וואָס מיט אַ טויטען געפּאָרעט.

איך האָב איהם לייז געמאכט די האַנד, וועלענדיג דערמיט איהם געבען אָנצוהערען, אז ער מעג שוין מיינע באפרייען. נאָר ווי אויף צו להכעים האָט ער זי נאָך זעהר געדריקט, געוואָרפען מיט איהר אַרויף און אַראָפּ. ער האָט עפּעס גערעדט צו מיר, ווי עס ווייזט אויס געוואונשען, נאָר ו ו אָ ס — האָב איך נישט געהערט. איך האָב איהם אַפילו נישט געזעהן אויך. פאַר מיינע אויגען האָבען זיך מתים געדרעהט, געשטאָרבענע בילדער זיינען מיר אין די געדאנקען געקראָכען.

— ווער האָט איהם געבעטען אויף דער חתונה? — האָט מיר מיין כלה שטיל אַ פרעג געגעבען.

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, וועמען זי מיינט „איהם“. איך האָב איהר פאַרשפּאַרט צו פרעגען. און קוקענדיג אַ ווײַלע אויף איהר צאַרט, בלאַס געזיכט, האָב איך איהר געענטפערט מיט דעם זעלבען שטילען טרויעריגען טאָן, ווי זי האָט מיך גע־פרעגט:

— איך ווייס אויך נישט.

און ניט וועלענדיג, זי זאָל אויף מיר דערקענען, וואָס איך טראַכט, האָב איך איהר אַ שמייכעל געוויזען; נאָר באַלד האָב איך דערפיהלט, אַז דער שמייכעל איז נישט נאַטירליך. איך האָב דאָס באַמערקט אין איהרע אויגען, וועלכע האָבען זיך ברייט, דער־שראָקען אויף מיר אָוועקגעשטעלט. איך האָב איהר געוואָלט טרייסטען, זאָגען איהר אויפ'ן אויער: „זאָרג נישט, מיין לעבען, מיין גאָלד, איך וועל נישט שטאַרבען, מיר וועלען זיך עלטערען. לעבען לאַנגע, לאַנגע יאָהרען“.

די געסט האָבען זיך זייערס געטאָן. אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער אויסגעשריען: „לחיים, חתן! לחיים, חתן!“ נישט אַנגענעם איז דאָס מיר נאָר געווען צו הערען פון אברהם חיים'ען. זיין אָפט טרינקען מיט מיר לחיים און דאָס ווינשעווען „זיך עלטערען אין עושר און אין כבוד“ האָט ביי מיר פונקט דעם היפך אַרויסגערופען. אין זיין ווינשעווען „עלטערען זיך“ האָט געקלונגען, אַז ער ווייס שוין עפּעס און דערפאַר געפינט ער פאַר מיר קיין אַנדער ברכה נישט.

ענדליך, נישט קענעדיג פון זיך אָפּשטויסען די טרויעריגע געדאַנקען, האָב איך מיך זיי איינגאַנצען אונטערגעגעבען. איך האָב אָנגעהויבען קוקען אויף דער חתונה, ווי אויף אַ קינדער־שפּיל. מיט אַ ביטערען איראָנישען שמייכעל האָב איך אויף אַלעמען גע־קוקט און געטראַכט: ווי פאַרפיהרט, ווי נאַריש מענשען זיינען! ווי נאַריש איז דאָס גאַנצע לעבען!...

עס איז שוין געווען נאָך דער וועטשערע. די געסט האָבען זיך איינציגווייז פון די טישען אויפגעהויבען. אנדערע זיינען אוועק א היים, די כלי זמר האָבען פון דאָס ניי מוטיג און פרעהלאך אָנגעהויבען שפּילען און אָנגעפיהלט דעם גאַנצען זאַל מיט שטורמישע רוישענדע טענער. אַלע געסט, יונג און אַלט, האָבען צוזאַמען געטאַנצט, געטופּעט שטאַרק מיט די פיס, געפּליעסקעט מיט די הענד.

איך בין ארויס פון אויבען־אָן, זיך אָנגעשפּארט אָן א שפּיץ טיש און געקוקט אויף די טענצער. עס האָט מיר געעקעלט, זעהענדיג זייערע רויטע, זאַטע, פאַרשוויצטע פּנים׳ער. איך האָב געקוקט אויף זיי, ווי אויף משוגעים, ווי אויף ווילדע באַשעפענישען. איך האָב געוואָלט, אז דאָס „שפּיל“ זאָל זיך שוין וואָס גיכער ענדיגען און איך זאָל אַנטלויפען פון דאַנען, נישט פיהלען דעם ריח פון די צופּאַרטע, פאַרשוויצטע קערפּער, נישט אָנקוקען די יונגע לייט מיט די מיידלאַך, וועלכע האָבען זיך צובראָשעוועט, ווי ווילדע חיות און געקוקט איינס אויף דאָס אנדערע מיט ברענענדיגע, פלאַמענדיגע אויגען...

אברהם חיים איז מיר אַלע מאָל ארויסגעשוואומען פון די טענצער. ער האָט זיך מיר מעהר פון אַלע געוואָרפען אין די אויגען אריין, און מיר האָט זיך געדאַכט, אז דער טויט טאַנצט נאָך די טענצער... און די אַלע, וועלכע פרעהען זיך דאָ, וועלען סוף כל סוף אריינפאַלען צו איהם אין די הענד. „און אז איך וועל נישט שטאַרבען אין גיכען, האָב איך וועגען זיך געטראַכט, וועל איך שטאַרבען שפּעטער מיט עטליכע יאָהר. אָבער אַלץ שטאַרבען, שטאַרבען וועט מען מוזען“.

אברהם חיים איז צו מיר אַלע מאָל צוגעשפּרונגען און מיך געשלעפּט אין ראָד אריין. איך האָב זיך ביי איהם געבעטען, אז ער זאָל מיך לאָזען צורוה.

דער בדחן האָט ענדליך אָנגעהויבען אויסרופען, מען זאָל געהן מיט דער כלה דעם „כשר־טאַנץ“.

די כלה מיינע איז געשטאַנען אין מיטען זאַל מיט א ווייס

טיכעלע אין דער האנד. אַלע מאָל איז צוגעקומען אַן אַנדער איד, אָנגענומען דאָס טיכעלע, זיך איבערגעדרעהט מיט איהר עטליכע מאָל, און אזוי איינער נאָכ'ן אַנדערען, ביז מען האָט אויסגערופען אברהם חיים'ען. און ער האָט, ווי די אַלע אידען, אָנגענומען דאָס טיכעלע, זיך געדרעהט מיט איהר, מיט קליינע פּאַמעליכע טריט. אָנקוקענדיג זיין לאַנגע געזונטע פיגור אין דער שווארצער אַטלעסענער קאַפּאָטע, האָט מיך אַ שרעק ארומגעכאַפּט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער טויט אַליין דרעהט זיך ארום מיין כלה, וועלכע איז איינגעוויקעלט אין ווייסען געוואַנט, ווי אין תכריכים; מיר האָט זיך שטארק פארגלוסט צולויפען און זי ארויסכאַפּען פון זיין האנט, און נישט קענענדיג דאָס טאָן, האָב איך צוגערופען מיין פאָטער און מיט אַ ברוגז'ן טאָן איהם געפרעגט:

— ווער האָט איהם אויף דער חתונה געבעטען?

מיין פאָטער האָט געמיינט, אַז איך פרעג דאָס, ווייל מיר שטעהט נישט אָן, וואָס ער איז ביי מיר אויף דער חתונה, און האָט זיך פארענטפערט: אזוי ווי אברהם חיים האָט פאר אַ יאָהרען חתונה געמאַכט אַ טאָכטער און האָט איהם געבעטען (כאָטש ער איז אפילו נישט געווען), האָט ער איהם נישט געוואָלט פארשעהמען און צו זיך אויך געבעטען. און ענדליך האָט ער צוגעגעבען:

— אנטקעגען די לייט דאַרף מען יוצא זיין.

פארוואָס מ'דאַרף אנטקעגען די לייט יוצא זיין — האָב איך נישט געוואוסט; נאָר אין די ווערטער אַליין און אין מיין פאָטער'ס שטילען טרויעריגען טאָן, ווי ער האָט זיי ארויסגערעדט, האָב איך עפּעס געהיימעס, שרעקליכעס געפיהלט; זייענדיג אזוי פארטיפט אין טרויעריגע געדאַנקען, האָב איך פּלוצלונג דערהערט אַ דונערען פונ'ם פויק, אַ שטאַרקע קלאַפּעריי פון די טאַצען און אַן אומגעלומפּערט קוויטשען פון די קלאַרנעטען און דערביי אַ שרעקליכע טופּעריי פון פיס, אַ פּליעסקעריי פון הענט. קעפּ זייענען געשפּרונגען אין דער לופטען ארויף און אראָפּ, זיך געמישט און זיך געשטופּט איינער אין דעם אַנדערען, און מיט אמאָל האָט

מען מיך אַ כאַפּ געגעבען אונטער די אָרעמס און אריינגעשלעפּט אין מיטען און אין אַ פּאָר מינוט ארום מיט דער זעלבער גיכקייט מיך פון דאָרטען ארויסגעשלעפּט און זיך געלאָזט מיט מיר אויף גיכע טריט... איך האָב נישט געוואָלט געהן. איך האָב איינגע־האַלטען די טריט. דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבען קלאַפּען, שרעקליך קלאַפּען. איך האָב מיך פּאַר עפּעס געשראָקען. דאָס בלוט איז מיר אין קאָפּ אריין. דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַר־דרעהט, די פיס האָבען זיך מיר אָנגעהויבען זעצען. איך האָב געפיהלט, ווי מיין קערפּער ווערט שווערער און שווערער, עס ציהט מיך אַראָפּ, אַראָפּ... און ווי נאָר מען האָט געעפענט די טיר אין אַ פינסטערען צימער אריין און איך האָב מיין כלה ווי אַ ווייסען שאָטען דערזעהן, האָב איך זיך אָנגעהויבען לאָזען אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב געהערט, ווי עס איז געוואָרען אַ ליארם, און גע־פיהלט, ווי מען האָט אויף מיר געשפּריצט מיט וואַסער.

# פייגעלע.

זינט חיים׳ל איז געשטאָרבען געהט פייגעלע ווי אויף אַן אנדער וועלט ארום.

גאָר פלוצלונג קראַנק געווארען חיים׳ל און איז געשטאָרבען. צעהן יאָהר איינגאַנצען אַלט געווען (פייגעלע איז דעמאָלט אַלט געווען אַכט יאָהר).

ביידע האָבען אין שכנות געוואוינט מיט נאָך ברידערלאך און שוועסטערלאך, וואָס ביידע האָבען געהאַט, נאָר זיי ביידע האָבען זיך אַלע מאָל געהאַלטען צוזאמען און איינס דאָס צווייטע האָט געזוכט זיך צו שפּילען, און די ליבסטע שפּיל ביי איהר מיט איהם איז געווען די שפּיל אין חתן־כלה.

צוויי וואָכען איז חיים׳ל קראַנק געלעגען. די גאַנצע צייט פון זיין קראַנקהייט האָט זי זיך ביי זיי אין שטוב געדרעהט... פון איין זייט האָט איהר אפילו אביסעל הנאה געטאָן: חיים׳ל איז גאַנצע טעג אין שטוב געווען. נאָר פון דער צווייטער זייט האָט איהר אזוי דאָס הערצעל וועה געטאָן. זי האָט נישט געקאָנט הערען חיים׳לס קרעכצען און ווי אזוי ער האָט נעבאך די רפואות נישט געוואָלט נעהמען, און צוריק אויסגעבראָכען, די גאַנצע צייט נישט גענעסען און נישט געטרונקען. ביינאַכט פלעגט זי זיך אָפּט ארויס׳גנב׳ענען פון בעט און ארייננעהן צו איהם אויף די שפּיץ פינגערלאך; איינמאָל איז זי צוגעגאַנגען צו זיין בעט און מיט אַ טיפען שמערץ אין זיין בלאַס־געל פּנים׳ל זיך איינגעקוקט... אויף זיינע פארמאכטע, איינגעפאלענע אויגען, אין וועלכע עס האָבען צוויי געדיכטע, קיילעכדיגע קלייניקע שאָטענדלאך גערוהט, און אין דער טונקעלער שטוב האָט זיך געדוכט, אז צוויי שווארצע לעבער קוקען... קוקען און זעהען עפּעס...

זעהען אזעלכעס, וואס אויגען זעהען נישט... און פייגעלען האָט דאָס געשראָקען און אין די פּאָר מינוט, וועלכע זי איז נעבען חיים׳לען געשטאַנען, איז איהר נישט איין מאָל דורכגעפלויגען אַ געדאַנק, אַז דאָס איז נישט חיים׳ל, נאָר...? איינמאָל, ווען זי איז אזוי געשטאַנען און געקוקט אויף איהם, האָט ער פּלוצ־לונג די אויגען צעעפענט, אַ פּאָר גרויסע, שווארצע, שטילע אוי־גען האָבען זיך אויף איהר אָפּגעשטעלט און באַלד זיינען די אוי־גען ריידעווודיג געוואָרען און אַ פייער׳ל נישט קיין לעבעדיגס און נישט קיין פרעהליכס, האָט זיך אויף חיים׳לס דינע, בלאַסע ליפּעלאַך אויסגעצויגען...

פייגעלע האָט געוואָלט אַ שמייכעל טאָן, האָט זיך אָבער ביי איהר, ווי אָהן איהר ווילען, דאָס הינטערשטע ראָזעווע ליפּעל פאַרביסען, האָבען זיך איהרע אויגען פול מיט טרעהרען אָנגע־פילט, און געדוכט האָט זיך, אַז פון איהרע גרויסע בלויע אוי־גען זיינען בריליאַנטען געוואָרען און האָבען אַרויסגעגלאַנצט פון דעם צערטליך־בלאַסען געזיכט, וועלכעס איז באַהאַנגען געווען מיט בלאָנדע ווייכע לאָקען. און געווען איז אזוי שטיל, אַז עס האָט זיך געדוכט, דאָס די גאַנצע שטילקייט געהט פון חיים׳לס בעט און צוגיסט זיך איבער דער גאַנצער שטוב... אָט ווי דאָס וואָלט געדרעמעלט די שטילקייט אַליין.

חיים׳ל האָט נאָך אַ פּאָר מינוט קוקען פון הינטער דער קאָלדרע אַרויסגעשלעפּט אַ ווייס־געלבליך הענטעלע, וועלכעס האָט דערמאָנט דעם טויט און שטום, נאָר מיט ריידעווודיגע אויגען, האָט ער עס צו פייגעלען אויסגעצויגען. און ווען זי איז צוגע גאַנגען צו איהם און מיט איהרע צאַרטע ווייסינקע הענטעלאַך דאָס אָנגענומען, האָט ער צו איהר געזאָגט:

— ווייסט, פייגעלע, איך וועל שטאַרבען...

און געזאָגט האָט ער עס אזוי שטיל, ווי נישט קיין מויל וואָלט דאָס געזאָגט, נאָר ווי די שטילקייט וואָלט דאָס אין פייגעלעס אויערען איינגערוימט:

— ווייסט, פייגעלע, איך וועל שטאַרבען!

און נאָך א ווײַלע קוקענדיג פייגעלען אין די אויגען אריין האָט ער שטיל אַ פרעג געטאָן:

— ווּעסט ווייגען נאָך מיר?

פון פייגעלע'ס אויגען זיינען צוויי גרויסע טרערען, ווי צוויי גרויסע ברילִיאַנטען ארויסגעפאַלען און נאָכדעם האָבען זיי זיך אָנגעהויבען גיסען איינע נאָך דער אנדערער, ווי א שטראָמענדי־גער זומערדיגער רעגען. חיים'ל האָט איהר צו זיך צוגעצויגען, ארויסגענומען דאָס צווייטע הענטעל און איהר געגלעט די האָר, פון די האָר איז ער מיט'ן הייסען ווייכען הענטעל אראָפּ אויף איהר פנים'ל און דאָס ארומגעגלעט ארום און ארום. פייגעלע האָט אינגאַנצען אָנגעהויבען ציטערען.

דעם צווייטען בײַנאַכט איז שוין חיים'ל געשטאָרבען. פײַ־געלע איז ווי א צומישטע פון בעט אראָפּגעשפּרונגען, דערהערענ־דיג פלוצלונג א שרעקליך געוויין. אין הוילען העמדעלע איז זי צו חיים'לען אין שטוב אריינגעלאָפען. שטיל איז ער געלעגען, אזוי שטיל, ווי דאָס שווארצע, וועלכעס האָט איהם צוגעדעקט... און די שטילקייט האָט זיך אין רעש געלאָזט הערען... און גע־דוכט האָט זיך, אז פון דאָרטען געהט דאָס געשריי... די שטיל־קייט שרייט...

פייגעלע האָט נישט געקאָנט וויינען. זי האָט אינגאַנצען מיט'ן איידעלען קערפער'ל געציטערט, א צאָהן אָן א צאָהן האָט איהר געקלאפּט. פאר איהרע אויגען האָט עפּעס שווארצעס גע־שוועבט און געגלויבט האָט זיך איהר, אז ווען זי געהט־צו און דעקט־אויף דאָס שווארצע, וואָלט חיים'ל, ווי נעכטען, אויף איהר זיינע גרויסע שווארצע אויגען געעפענט. זי האָט זיך נישט גע־קאָנט גלויבען, אז חיים'ל איז געשטאָרבען... ער ליגט גלאט און שוויינט, האַלט איין דעם אָטעם און הערט... ער האָט איהר שוין אַמאָל אזוי אָפּגעטאָן: האָט זיך מיט שווארצען איבערגע־דעקט, צוקאָפּען אַ לייכטער אוועקגעשטעלט, און ווען זי האָט אָנגעהויבען צו וויינען, האָט ער זיך מיטאמאָל געגעבען א דעק אָפּ און געטאָן א שטעה־אויף. און זי האָט זיך אזוי דערשראָקען...

און וואָלט איצט, אזוי ווי דעמאָלט, קיינער אין שטוב נישט געווען, וואָלט זי צוגעגאַנגען צו איהם און וואָלט איהם אָפּגע־דעקט און חיים'ל וואָלט אויפגעשפּרונגען.

עס האָט זיך געעפענט די טיר און א ווייסער איד מיט א שווארצען אידען זיינען אריינגעקומען... זיי האָבען אפּגעדעקט חיים'לען... א ווייס פּנים האָט זי באמערקט... זיי האָבען איהם אויף דער ערד אויף עטליכע שטרוי אראָפּגעלייגט און צוריק מיט שווארצען איבערגעדעקט. צו־קאָפּען די „שבתדיגע" לייכטער אוועקגעשטעלט מיט ליכט. ארום איהם האָבען זיך זיין טאַטע מיט דער מאמע מיט די שוועסטערלאך און ברידערלאך אויסגע־זעצט און האָבען געוויינט, געריסען און געוואָרפען זיך אויף אלע זייטען. און פייגעלע איז נאָך פעסטער געווארען, אז חיים'ל לעבט... דעמאָלט איז ער אויך אויף דער ערד געלעגען... און ווען קיינער זיצט נישט נעבען איהם, נאָר זי אליין, וואָלט ער זיך אויפגעכאפּט...

---

שוין א יאָהר זינט חיים'ל איז געשטאָרבען. נאָר פייגעלען דוכט זיך, אז נעכטען ערשט איז עס געווען. איהר ווילט זיך אלץ נישט גלויבען, אז חיים'ל איז געשטאָרבען. „חיים'ל—א מת?" ווי אזוי חיים'ל האָט מורא געהאַט פּאַר מתים! און זי אויך. נאָר היינט האָט זי שוין קיין מורא נישט; אפילו דורכ'ן הייליגען אָרט ביינאַכט דורכגעהן האָט זי שוין אויך קיין מורא נישט...

זינט חיים'ל איז געשטאָרבען איז זי עפּעס גאָר, ווי אויף א נייער וועלט. אין קאָפּ קריכען אזעלכע מאָדנע געדאנקען. אלץ האָט זיך ביי איהר אין די אויגען איבערגעביטען און דאָס „אלץ" איז נישט עהנליך צו דעם אלטען, אויף דער אלטער וועלט, וועל־כע איז שוין לאנג, לאנג אוועק פון איהר — צוזאמען מיט חיים'־לען... דאָרטען ערגעץ איז זי, די וועלט, דאָרטען אויפ'ן הייליגען אָרט, צווישען די געדיכטע בוימער בלאָנדזשעט זי ארום. ווי א ווייסער טאָג מיט געדיכטע שווארצע פלעקען איז איהר די פּאַר־

גאנגענע וועלט אין זכרון געבליבען, עהנליך צו דעם טאָג, ווען מען האָט חיים׳לען אוועקגעטראגען און מענשען ווי שווארצע פלע־קען זיינען איהם נאָכגעגאנגען. אלץ האָט זיך איהר אין די אויגען איבערגעביטען. איהר דוכט זיך אפילו, אז די מאמע מיט׳ן טאַטען מיט די שוועסטערלאך און ברידערלאך האָבען אן אנדער אויסזעהן באקומען... די שטוב אויך אן אנדערע געוואָ־רען. אז מען רעדט צו איהר, דוכט זיך איהר, אז דאָס קול געהט פון ווייט־ווייט אזוי, ווי פון יענער פארגאַנגענער וועלט ארוים... קיין ווערטער הערט זי נישט, נאָר א קול, ווי מען וואָלט צו איהר דורך א גראָבער, שטיינערנער וואנט גערעדט...

ביינאַכט חלום׳ט זיך איהר אָפט. די חלומות זיינען די אייגענע, ווי איהר אמת לעבען, אז זי קאָן נישט אונטערשיידען פון בייטאָג ביז ביינאַכט — ווייל בייטאָג, ווען זי איז וואכע־דיג, זעהט זי אויך עפּעס אזעלכעס, וואס איז עהנליך צו א חלום און דער חלום איז ווידער דאָסזעלבע, וואס זי זעהט בייטאָג. נאָר איין חלוק איז: דאָס ביינאַכטיגע איז דייטליכער, העלער און וואָס איהר חלום׳ט זיך, שטעהט דאָס איהר פאר די אוי־גען, און בייטאָג איז עס מיט עפּעס אויסגעמישט, אויסגעמישט מיט פארשידענע פארבען. און פייגעלען דוכט זיך, אז דאָס אמת׳ע לעבען איהרס איז ביינאַכט, ביינאַכט זעהט זי און הערט בעסער... ביינאַכט זעהט זי חיים׳לען! חיים׳ל לעבט דאָך! און בייטאָג דוכט זיך איהר, אז ער איז געשטאָרבען, און דער־פאר וואָלט זי געוואָלט כסדר זאָל נאכט זיין.

זי האָט זיך אנגעהויבען ביינאַכט איבער דער שטוב ארומ־צודרעהען, ווי א ווייסער שאָטען האָט זי זיך ארומגעדרעהט, זיך איינגעקוקט און זיך איינגעהערט צו יעדען שאָרך, און יעדער שאָרך, האָט זיך איהר געדאכט, האָט א גרויסע, גרויסע באדיי־טונג. זי האָט זיך ניט געשראָקען, נאָר פארקערט... ס׳האָט זיך איהר געדוכט, אז פון אייגענע, פון „יענע", קומט עס, און פון יענער וועלט, וואוהין חיים׳ל איז אוועק. און צייטענווייז האָט איהר פאר די אויגען געשוועבט... זי האָט ניט געזעהן קלאָהר

וואָס, אָבער זי האָט געוואוסט, אז דאָס איז חיים'ל, מיט מלאכים'לעך קליינינקע, אזוי גרויס אזוי ווי ער, און ער אזוי ווי זיי און אלע זיינען זיי ענליך איינס אויף דאָס אנדערע, און ס'האָט זיך באקומען אזא באגריף, אז פון דעם איינעם חיים'ל איז א סך, א סך חיים'לאך געווארען.

איינמאָל ביינאכט האָט זיך פייגעלע אין דער פינסטערער קאמער ארייגגע'גנב'עט און דאָרטען האָט זיך איהר אָנגעהויבען דוכטען, אז זי ווערט איינע פון די... איהר האָט זיך געדוכט, אז עס טראָגט זי אין דער לופטען און אָט לאָזט זי זיך אראָפּ און זי איז שוין ערגעץ... זי הערט אַרום זיך שטילע טריט... א סך טריט הין און צוריק, הין און צוריק, ווי מען וואָלט גע־טאנצט... און פייגעלע האָט זיך אויך אָנגעהויבען דרעהען, גע־שווינד, געשווינד, געשווינדער, געשווינדער... און אָט פאלט זי ערגעץ, שלאָגט זיך אָפּ אָן עפּעס קאלטעס... און אַרום איהר דרעהט זיך נאָך אלץ און מיט איהר דרעהט זיך דאָס אויך און פלוצלונג האָט זי דערהערט, ווי מען רופט זי:

— פייגעלע! פייגעלע! פייגעלע!!

און דאָס קול, האָט זיך איהר געדוכט, געהט פון ווייט, פון ווייט... מ'רופט זי... און זי ענטפערט:

— אָט בין איך! אָט בין איך! אָט בין איך!!

— פייגעלע! פייגעלע! פייגעלע!!

פייגעלע האָט א שטארקען קלאפּ דערהערט און נאָכ'ן קלאַפּ איז ליכטיג געוואָרען. — — — — — — — — — — — — — —

פייגעלע האָט פון „יענער וועלט" דעם טאַטען מיט דער מאַמען דערזעהן...

# אויפ'ן בית עולם.

(דערצעהלט פון א קברות־איד.)

פינף און צוואנציג יאָהר בין איך געוועזן אַ קברות־מאַן. איז לפי כל הדעות, מיין איך, איבעריג צו דערצעהלען, אַז אַזאַ איד ווי איך איז שוין ניט פון די שרעקעדיגע קינדער. ביי מיר זיך מתעסק זיין מיט אַ מת איז געוועזן פונקט דאָס אייגענע ווי ביי אַ קצב זיך פּאַרען מיט אַ געקוילעטע קעלבעל, להבדיל, און נעכטיגען אין אַ קבר, אין וועלכען מ'האָט איבער אַ געוויסער סבה ניט געקענט באַ־צייטענס דעם בר־מינן ברענגען צו קבורה, איז ביי מיר געוועזן אַ שפּיי. איך האָב מיך צולעגט דאָרטען אזוי ווי ביי מיין טאַטען אין וויינגאָרטען. איז אָט וועל איך אייך דערצעהלען און זאָגען, אַז גאָר קיין גרויסער חכם טאָר מען ניט זיין. איהר ווילט הערען, טאַ הערט, וועל איך אייך דערצעהלען וואָס מיט מיר האָט גע־טראָפען איין מאָל, אַ צווייטען מאָל און אַ דריטען מאָל.

איין מאָל.

איך בין געלעגען און צוגענעכטיגט אין אַ קבר, געלעגען אונ־טערגעבעט מיין בורקע מיט'ן שטעקען אין האַנט און מיר אזוי געצמאַקעט מיין ליולקע־ציבעק. ס'איז געוועזן זעהר אַ פינסטערע נאַכט, חושך ואפילה. איך בין געלעגען אזוי ווי ביי זיך אין שטוב, אין בעט.

פּלוצים הער איך, ווי די בוימער זיינען עפּעס אונרוהיג גע־וואָרען. דאָס הייסט, נישט די גאַנצע בוימער, נאָר איינציגע צווייגען האָבען זיך ווי אויפגעכאַפּט, און דאָס נישט אַלע מאָל, נאָר איינס נאָך דאָס אַנדערע, אזוי ווי עמיצער וואָלט אָראָפּגע־צויגען אַ צווייג און איהם צוריק אָפּגעלאָזט. איך האָב זיך איינ־געהערט, פונקט ווי יעדער מענש, זיצענדיג ביי זיך אין שטוב,

דערהערענדיג עפּעס נישט געוועהנליכעס, און אין אַ פּאָר מינוט ארום, ווען דאָס געוויש האָט זיך צו מיר אַלץ דערנעהנטערט, האָב איך זיך אויפגעזעצט. איך האָב קיין טעות נישט געהאַט: עמי־צער איז דאָרטען געווען. איך האָב זיך אויפגעשטעלט און דער־זעהן צווישען די בוימער עפּעס אַ ווייס. איך האָב זיך איינגע־קוקט אַ פּאָר מינוט, און נאָכדעם האָב איך הויך אַ פרעג געגעבען.

— ווער איז דאָרטען ?!

עס איז שטיל געוואָרען. איך האָב געווארט אַ פּאָר מינוט און האָב אַ געשריי געטאָן:

— געה אין דיין רוה אריין !

און ווען דאָס ווייסע האָט זיך פון אָרט נישט געריהרט, האָב איך צו איהם אַ צווייט מאָל נאָך שטאַרקער אויסגעשריגען:

— איך באשווער דיך ביי גאָט, אז דו זאָלסט געהן אין דיין רוה אריין !

דער מת האָט זיך נישט געריהרט.

איך בין ארויס פון קבר, געכאַפּט מיין גראָבען דעמבענעם שטעקען אין האַנט און זיך געלאָזט צו איהם. דער „מת” האָט אָנגעהויבען אָפּצוציהען, איך נאָך איהם, און ווען איך בין שוין געווען אַ פּאָר טריט הינטער איהם, האָב איך זיך שטאַרק צופּאַכעט מיט'ן שטעקען און גלייך — איהם אין קאָפּ אריין. דער מת האָט ארויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי, און איז באַלד אַנידערגעפאַלען.

איך בין צוריק מיט שטאָלצקייט געגאַנגען אין קבר אריין, און ווי איך האָב זיך נאָר אין איהם אריינגעלעגט, האָב איך דער־הערט אַ שרעקליך קרעכצען. איך האָב דערקענט נתן'ס קול (אויך אַ „חברה”־מאַן). מיר איז פינסטער געוואָרען אין יעדען אבר. אַ פּאָר מינוט בין איך געלעגען. איך האָב נישט געוואוסט, וואו איך בין אין דער וועלט, וואָס מיט מיר טוט זיך. נאָר דאָס קרעכ־צען האָט מיר פון דעם מצב ארויסגעשלעפּט, און איצט האָב איך שוין זיכער געהערט זיין קול. איך בין ארויסגעשפּרונגען פון קבר און זיך גלייך געלאָזט נאָכ'ן קול, און ווען איך בין נאָהענט צוגע־קומען צו איהם, האָב איך מיט'ן גאַנצען כח אַ געשריי געטאָן:

— נתן!!!

ער האָט מיר געענטפערט מיט אַ גרויסען שווערען קרעכץ.

איך בין ארויפגעפאַלען אויף איהם:

— נתן! דו ביזט עס!

— יאָ, איך... איך האָב געוואָלט... איך האָב געוואָלט דיך אויספּרוואווען... דיך איבערשרעקען... אוי, אוי...

אין צוויי טעג ארום איז ער געשטאָרבען.

---

און אָט האָט איהר אַ צווייטע מעשה, וואָס האָט געטראָפען אין אַ יאָהר ארום נאָך דער ערשטער.

אין שטעדטעל איז, ניט היינט געדאַכט, געווען אַ כאָלערע. עס זיינען געשטאָרבען מאַנסבילען, ווייבער, בחורים, מיידלאך און קליינע קינדער. מיר זיינען אָהן כחות געבליבען. צעהן אַ טאָג איז געווען אָהן אַ גוזמא. די אַלע פלעגען מיר אַוועקפיהרען אויפ'ן בית־עולם, דאָרטען האָט מען זיי אויסגעלעגט אין טויטען־שטיבעל און מען האָט זיי געטאָן דאָס רעכט (אין די שטיבער האָט מען נישט געלאָזט), און נאָכדעם ערשט האָט מען זיי געבראַכט צו קבורה.

איינמאָל, ווען די „חברה" זיינען געווען שטאַרק פארמאַטערט און האָבען שוין קיין כח נישט געהאַט צו גראָבען קברים, זיינען פארבליבען מתים אין טויטען־שטיבעל: אַ פּאָר מאַנסבילען, אַ פּאָר ווייבער און צווישען די ווייבער אַ קליין קינד, וועלכעס איז טאַקע געלעגען נעבען דער געשטאָרבענער מאַמען. מיט די מתים בין איך געבליבען. עס האָט געוואָלט מיט מיר נאָך איינער בלייבען, נאָר איך האָב איהם געזאָגט, אז ער מעג זיך געהן אהיים, אז איך האָב קיין מורא נישט.

ארום צוויי אזייגער ביינאַכט דערהער איך פּלוצים אַ קינדערש געוויין. איך בין צוגעגאַנגען, אָפּגעדעקט די טויטע ווייבער, און צווישען זיי האָב איך דערזעהן דאָס קינד מיט אַ פּאָר אָפענע, גרויסע, שוואַרצע אויגען, פון וועלכע עס האָבען געדונען טייכען טרעהרען. אַ פּאָר מינוט האָבען מיר זיך ביידע אָנגעקוקט:

איך — שווייגענדיג, און דאָס קינד — שרייענדיג מיט אויסגע־שטרעקטע הענטלאך צו מיר, — און זעהענדיג, אַז איך ענטפער גאָרנישט, האָט עס צוריק אויסגעדרעהט דאָס פּנימ'ל צו דער מוטער'ס ברוסט, און איינגעגראָבען מיט אַלע כחות דאָס מיילכעל, צוארבייטענדיג מיט די הענטלאך און פיסלאך, פון וואָס עס האָט זיך נישט איינמאָל אַ באוועג געטאָן דער מוטער'ס קאָפּ... דאָ האָב איך מיר שוין פארדראָסיג אַ טראכט געגעבען: „נו, גענוג געקאָמאנדעוועט, דו קליינער!"... און איך האָב עס מיט איין האנט געגעבען אַ דרעה אָפּ פון דער געשטאָרבענער מוטער און די צווייטע האנט האָב איך פעסט ארויפגעלעגט אויפ'ן מיילכעל און אויפ'ן נעזעל...

וויפיל איך וועל לעבען, וועל איך געדענקען די אויגען, וועלכע זיינען ווי פארגאָסען געוואָרען מיט בלוט, און ארויסגעקויקעלט זיך פון די לעכער ארויס, און האָבען גלייך אויף מיר געקוקט. דאָס גאנצע פּנימ'ל איז פארבלויט געוואָרען. עס האָט זיך גע־וואָרפען, ווי אַן איבערגעהאקטע שלאַנג, געדרעהט און געהויבען זיך ארויף און אראָפּ, און געשריגען מיט אַ פארשטיקט קול, און וואָס נעהנטער עס האָט געהאַלטען צום דערשטיקט צו ווערען, אַלץ מעהרער האָט מיר געקלאַפּט אַ געדאנק, אַז דאָס קינד איז אַ לעבעדיגס, און ווען עס איז שוין איינגאנצען טויט געווען, איז שוין ביי מיר קיין צווייפעל נישט געווען, אַז דאָס קינד האָט געלעבט... כאָטש — — — איך האָב עס אליין ארויפגעלייגט אַ טויטעם אויפ'ן וואָגען...

---

די דריטע מעשה, וואָס מיר האָט געטראָפען, איז נאָך אַ סך שרעקליכער, ווי די ערשטע צוויי.

איינמאָל ווינטער ביינאכט, האָט מען פון אַ דאָרף געבראכט אַ מת אין שטאָדט. די קרובים פון דעם טויטען האָבען איהם געפיהרט פון שטוב צו שטוב, און קיינער האָט איהם נישט גע־וואָלט ארייננעהמען. און אָט האָב איך זיי גע'עצה'ט, זיי זאָלען דעם מת אוועקפיהרען אין טויטען־שטיבעל, און זיצען מיט איהם

נעהם איך זיך אונטער, אויב זיי וועלען מיר נאָר גוט באַלוינען. מיר האָבען זיך אויסגערודונגען אויף פינף רובעל. איך מיט די איבעריגע „חברה" האָבען דעם מת אַראָפּגענומען פון וואָגען, וועל־כער איז געשטאַנעןביים טויער פון בית־עולם. מיר האָבען איהם אריינגעטראָגען אין טויטען־שטיבעל, אוועקגעלעגט דאָרטען אויפ׳ן טאַפּטשאַן, אָנגעצונדען פיר גרויסע ליכט צוקאָפּענס, און זיי זיינען זיך אוועק, ווינשענדיג מיר א גוטע נאכט.

איך האָב מיך איינגעהילט אין א גרויסען טולופּ, אריינגע־רוקט די הענט אין די אַרבלען, און זיך אוועקגעזעצט אויף א קליין בענקעלע אַנטקעגען מת און געקוקט...

הינטער די ווענט האָבען געררוישט די בוימער. אויבען, אויף דעם שינדעל־דאַך, דורך די שפּאַרונעס, האָט זיך דורכגעשלאָגען דער ווינט און איז, דאכט זיך, געלאָפען גלייך אויף די ליכט, וועל־כע האָבען זיך דערפון שטארק געשמאָלצען, און איין עק, וואָס איז אראָפּגעהאנגען פונ׳ם שווארצען צודעק אויפ׳ן מת, האָט זיך לאַנגזאַם באוועגט הין און צוריק.

איך האָב עס געפונען פאר איבעריג... בין צוגעגאנגען, אָנגע־נומען דעם עק און ארונטערגערוקט...

איך האָב נאָך, דאכט זיך, דעמאָלט קיין שום מורא נישט געפיהלט, נאָר איך ווייס אָבער, אז נאָכדעם, ווי איך האָב ארונ־טערגערוקט דעם עק, וועלכער איז נאָכגעהאנגען הינטער׳ן מת, איז מיר עפּעס ווי גרינגער געוואָרען אויפ׳ן הארצען, און נאָכדעם בין איך אָפּגעזעסען א שטיק צייט און, ווי פריהער, געקוקט אויפ׳ן מת — אין ערגעץ נישט געקוקט, נאָר אויף איהם...

איך בין אָפּגעזעסען א שטיק צייט און דערפיהלענדיג, ווי עס הויבען מיר אָן צו פריהרען די פיס, האָב איך געפונען פאר נויטיג, זיך דורכצוגעהן הין און צוריק. איך האָב עס באַלד גע־טאָן, און וואונדערליך: אז דער מת איז מיר געבליבען הינטער דער פּלייצע, איז מיר געוועזן עפּעס נישט אזוי, ווי ווען איך האָב איהם געזעהן אנטקעגען; אנטקעגען איז ער מיר אַנגענעהמער געוועזן, ווי ווען ער איז מיר געבליבען פון הינטען. און דאָך האָב

איך דערויף נישט געקוקט, נאָר פארקעהרט, אזוי ווי זיך אויף צו להכעיס, האָב איך דוקא געזעהן, ווי ווייט מעגליך, דער מת זאָל מיר אויסקומען פון הינטען. און וואָס איך האָב זיך מעהר צו להכעיס געטאָן, אַלץ מעהר האָב איך דערפיהלט דאָס נישט אַנגע־נעהמקייט, ווען ער איז מיר הינטער דער פּלייצע געבליבען און איהם שטאַרקער געפיהלט און מעהר געטראַכט וועגען איהם ווי ווען איך האָב געקוקט אויף איהם. האָב איך זיך מישב געווען: נאָך וואָס? בעסער לאָמיר אויף איהם קוקען, איידער צו טראַכטען פון איהם. און ס'איז מיר טאַקע גרינגער געוואָרען.

איך האָב דעם בר־מינן נישט געקענט, און מיר האָט זיך שטאַרק פארגלוסט איהם אָנצוקוקען, וואָס פאר אַ פּנים ער האָט. איך בין גלייך צוגעגאַנגען צום מת און אָפּגעדעקט דאָס פּנים און איינציגווייז אָנגעהויבען צו באַטראַכטען די איינגעפאַלענע אויגען, דאָס האַלב־אָפענע מויל, די ווייסע צוקוטשמעטע באָרד און די געל־שוואַרצע צוקנייטשטע אויערען. און נאָכדעם, ווען איך האָב איהם שוין גוט באַטראַכט, האָב איך נאָך אַלץ געקוקט אויף איהם.

און דערפיהלט, אַז איך טו דאָ עפּעס אַ גרויסע זאַך — כאָטש, וואָס? — האָב איך מיר צוריקגעכאַפּט: איינמאָל האָב איך גע־זעהן אַ מת אין פּנים?

— דער רוח ווייסט עס! — האָב איך מיט אַ שמייכעל ווייטער געטראַכט, — וואָס איז דאָ פאַראַן מורא צו האָבען! אַ טויטער מענש קאָן נישט ריהרען מיט קיין אבר... אַ שטייגער לעבעדיגערהייד וואָלט איך מורא געהאַט פאַר אַזאַ אַלטען תרח?... און טויטערהייד?... גאָרנישט, אַ שטיק ערד און גענוג!

און כדי צו דערווייזען זיך אַליין, אַז איך האָב טאַקע קיין מורא נישט, איז מיר גאָר שפּעטער איינגעפאַלען אַ געדאַנק עפּעס צו טאָן מיט'ן טויטען. און איידער איך האָב נאָך באַטראַכט, וואָס צו טאָן, בין איך שוין נעבען איהם געשטאַנען, אָנגענומען אַ האַנט, זי אויפגעהויבען אין דער לופטען און זי געגעבען אַ לאָז אַראָפּ.

עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ, אַ מאָדנער קלאַפּ, אַ פּראָסט

איז מיר איבערגעגאַנגען איבער'ן גאַנצען לייב, און דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסען: וואָס איז עפּעס פאַר אַ מורא? פאַר וועמען, פאַר וואָס איז דאָ פאַראַן מורא צו האָבען? און אויף צולהכעיס האָב איך דאָס זעלבע נאָך אַמאָל געוואָלט טאָן, און ווי איך האָב נאָר אָנגענומען מיט מיין וואַרימער האַנט דעם טויטען'ס קאַלטע האַנט, האָב איך דערפיהלט אַ שרעקליכע קעלט אין די שפּיץ פינגער, און פון די שפּיץ פינגער האָט זיך מיר די קעלט צוגאָסען איבער'ן גאַנצען קערפּער.

ערשט נאָכדעם האָב איך עס געפונען פאַר איבעריג. איינמאָל געטאָן — גענוג.

די פריהערדיגע שטימונג האָט זיך ביי מיר אינגאַנצען געביטען. איך האָב דערפיהלט, ווי עפּעס אַ מין שוואַרצע שטילע אומעטיגקייט איז אויף מיר אָנגעפאַלען. איך האָב זיך אָנגעהויבען צוהערען צו דעם רויש פון די בוימער, צו דער שטילקייט אין טויטען־שטיבעל. דאָס האַרץ האָט ביי מיר שטאַרקער ווי געוועהנליך אָנגעהויבען צו קלאַפּען...

מיך האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעקליכער פאַרדרוס אויף דעם אַלטען; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז נישט קיין מת, ווי אַלע מתים. נישט איינמאָל האָב איך שוין איינער אַליין גענעכטיגט מיט אַ מת (נישט אין טויטען־שטיבעל), און קיינמאָל האָב איך דאָס נישט געפיהלט, וואָס איצט. איך האָב זיך געשטאַרקט, זיך אוועקגעשטעלט אַ פּאָר טריט נעבען טויטען, בין צוגעגאַנגען, די ברוסט ארויסגעשטעלט און מיט אַן עקשנות'דיגען קול אויסגעשריגען:

— אַלטער תרח! איך האָב פאַר דיר קיין מורא נישט!!!

און נאָכדעם, ווי איך האָב אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער, האָב איך ערשט דערפיהלט, אַז איך האָב יאָ מורא.

איך בין געבליבען שטעהן ווי אַ פאַרגליווערטער.

ענדליך האָב איך זיך פון אָרט אָפּגעריסען, האָב אָנגעהויבען ארומצושפּאַנען מיט פעסטע טריט הין און צוריק אין דער לענג פון טויטען־שטיבעל, נאָר דאָס מאָל איז מיר עפּעס אויסגעקומען

משונה, הערענדיג מיינע טריט. מיר האָט זיך געדאכט, אַז דאָס זיינען פרעמדע טריט, נישט מיינע, און איך האָב דאָך ווייטער געשפּאַנט, פעסטער די טריט געשטעלט, אזוי אַז יעדער טריט האָט זיך אָפּגעקלאַפּט אָן דער הוילער פאַרפרוירענער ערד. איך האָב ארומגעשפאַנט אזוי לאַנג, ביז וואנען איך האָב געקענט, ד. ה. איך בין נישט מיד געוואָרען, נאָר איך האָב שוין מעהר קיין מוט נישט געהאט ארומצוגעהן, און האָב זיך אוועקגעזעצט.

אין עטליכע מינוט ארום האָט מיר עפּעס אַ שווינדעל געטאָן פאַר די אויגען, און דער טויטער מיטן שווארצען טאַפּטשאַן האָט זיך עפּעס אזוי ווי אַ באַוועג געגעבען הין און צוריק. איך האָב זיך שטייף איינגעקוקט, און פון דעם אָנגעשטרענגטען קוקען אויף איין אָרט האָט מיר אָנגעהויבען טונקעל ווערען אין די אויגען, און מיר האָט זיך געדאכט, אַז פון׳ם מת צוגיסט זיך עפּעס אַ שווארצ־קייט אין יעדען ווינקעלע, און אָט־אָט וועט אינגאַנצען פינסטער ווערען...

איך האָב ברייט צועפענט די אויגען און דערזעהן די שווארצע ווענט, וועלכע איך האָב גאָר דאָרט ביז איצט נישט באמערקט. פיר שווארצע ווענט האָבען מיך ארומגערינגעלט און אויבען דער שווארצער דאַך (קיין סופית איז נישטאָ) מיט די קראָקוועס, וועל־כע האָבען אראָפּגעקוקט צום טויטען, און מיר האָט זיך געדאכט, אַז די ווענט מיט׳ן דאַך און דער מת האָבען צווישען זיך עפּעס אַ שייכות, אַז דאָס איז אַלץ איינס און דאָס זעלבע, און די אַלע פיהרען צווישען זיך עפּעס אַ מין געהיים שווייגענדיג געשפּרעך...

מיר איז פּלוצים איינגעפאַלען:

— אַ שטייגער, וואָס וואָלט געווען, ווען דער אַלטער גיט זיך פּלוצים אַ זעץ אויף?...

און אויף צו להכעיס, האָב איך שוין אליין צוגעגעבען:

— און וואָס וואָלט געווען, ווען ער שפּרינגט אראָפּ? ווען ער לויפט ארויס אין דרויסען?...

איך האָב זיך צולאַכט...

עס זיינען אַוועקגעגאַנגען עטליכע מינוט. אין די עטליכע

מינוט האָב איך גאָרנישט געטראכט און גאָרנישט געזעהן. מיינע געדאנקען האָבען זיך ווי ערגעץ באהאַלטען, ערגעץ זיך אראָפּגע־לאָזט טיף, טיף, ווי זיי וואָלטען זיך דאָרטען אָנגענומען מיט פרישע שרעקעדיגע זאכען, און זיי זיינען ווירקליך באַלד ארויף ווי פון א פינסטערען קעלער ארויס און גלייך מיט זייער ארויפקומען האָט זיך מיר די וואַנט אַנטקעגען עפּעס אזוי ווי א הויב געגעבען, און ביי דער שוואַרצער ערד אונטער דער וואַנט האָט עפּעס אזוי ווי א ווייסע זאַך א שוועב געטאָן, ארויס פון'ם טויטען־שטיבעל. דאָס זעלבע האָב איך באַלד באמערקט אין פראָפּיל ביי א צוויי־טער וואַנט...

איך האָב מיך באשלאָסען, אז איך זאָל פריי אומעטום קוקען, דוקא אהין, וואו מיר ווערט זיך עפּעס דאַכטען, און געוועהנליך דאָרט, וואוהין איך האָב געקוקט, האָב איך גאָרנישט געזעהן, און געזעהן האָב איך נאָר דאָרטען, וואוהין איך האָב נישט געקוקט...

איצט האָט זיך מיר מיט אַן אמת אָנגעהויבען דאכטען, אז דער אַלטער פראוועט מיט מיר קונצען... ווער ווייס איהם דאָרטען, וואָס ער אַרבייט־אויס, אזוי שטיל ליגענדיג אונטער'ן שוואַרצען צודעק?... ווער ווייס, צו דאָ טאַנצען נישט ארום מיר הונדערטער טויזענטער שדים, וועלכע לעבען אויף מיט'ן מענשען'ס טויט, און אויב עס איז אפילו נישט אזוי, איז שוין גענוג, אז מיר האָט זיך עס דעמאָלט געקענט דאכטען, אז איך האָב דעמאָלט אין דעם גע־קענט גלויבען.

מיר איז אפילו איינגעפאַלען, איך זאָל אָפּדעקען דעם אַלטען און קוקען אויף איהם, אפשר וועל איך עפּעס באמערקען, נאָר איך האָב קיין מוט נישט געהאַט דאָס צו טאָן. האָב איך אזוי געקוקט, שטאַרק געקוקט, און קוקענדיג, האָב איך געפיהלט, ווי עס וואַקסט אין מיר א שרעקליכע שנאה צו דעם אַלטען. אַלע מיינע מוסקולען האָבען זיך אָנגעשטרענגט, האָבען זיך צוגעגרייט צו א מלחמה...

איך האָב געקוקט און געוואַרט...

מיר האָט עפּעס ווידער א שווינדעל געטאָן פאַר די אויגען,

און מיר האָט זיך געדאכט, אז דער טויטער האָט א ריהר געטאָן מיט א האנט.

איך האָב זיך איינגעקוקט.

גאָרנישט.

אין א פּאָר מינוט ארום:

דאָס שטיק, וועלכעס איז אויסגעקומען אויפ'ן טויטען'ס הארץ, האָט זיך א הויב געטאָן.

איך האָב געווארט...

א פּוס האָט א ציטער געטאָן...

איך האָב זיך אויפגעהויבען פון בענקעל.

עס זיינען אוועקגעגאנגען עטליכע מינוט. איך האָב געווארט און האָב גאָרנישט געזעהן. איך האָב שוין, דאכט זיך, אפילו אויפגעהערט מורא צו האָבען, נאָר פּלוצים האָב איך באמערקט, ווי דער קאָפּ האָט זיך א הויב געטאָן...

— גענוג!!!

איך האָב געכאַפּט דאָס בענקעל אין דער האנט, בין צו גלייך צו איהם, און — טראך, טראך איבער'ן קאָפּ!...

איהר האָט געזעהן די הילצערנע מצבות מיט די פּלאטשיגע קיילעכיגע קעפּ? אָט אזא מין פּלעצעל האָב איך פון זיין קאָפּ געמאכט...

צי האָט ער טאקע געלעבט, צי מיר האָט זיך עס נאָר אויס־געדאכט — איך ווייס עס עד היום נישט...

# דעם אַלטענס טויט.

גאַנץ פריה שרייט שוין די שנור צום אַלטען שוועער אויפ'ן אויוועען ארויף, ער זאָל געהן געבען עסען די גענז.

דאָס איז דעם אַלטענס איינציגע ארבייט. דער אַלטער הויבט אויף דעם גרויען קאָפּ זיינעם, וועלכער גרייכט ביז דער קייטיגער סטעליע אַרויף. זיצט אַ פּאָר מינוט און קוקט אין דער קאַלטער גרויסער קיך אַראָפּ.

גאַנצע טעג ליגט דער אלטער אויפ'ן אויוועען. כאָטש הייצען הייצט מען פון פרייטאָג צו פרייטאָג, דאָך האַלט זיך דאָרטען צוויי־שען די שמאַטעס, מיט וועלכע מען דעקט שבת צו די טיי, אַ ליבע וואַרימקייט. אַ שטילע, ליבע וואַרימקייט רוהט דאָרטען, ווי אַ שטיקעל נשמה פונ'ם שבת וואָלט זיך דאָרטען באַהאַלטען אין אראפּגעקוקט צוזאמען מיט'ן שטילען אַלטען שמואל נתנ'ען אין דער וואָכענדיגער שטוב אַריין, אויף דעם נאַקעטען, רויט־געפּארב־טען טיש, אויף די פּאַרפרוירענע בייזע פענסטער. אַמאָל פאַלט פונ'ם אויוועען אראָפּ אַ שטילער זיפץ, וועלכער לאָזט זיך קוים הער־רען אין דער גרויסער קיך, און עס דאַכט זיך, אַז נישט דיזר אַלטער האָט אַ זיפץ געטאָן, נאָר דער זיפץ געהט פון ערגעץ, געהט, ווי פון אַ שוואַרצען קוימען ארויס...

אין קיך איז נאָך טונקעל און אויפ'ן אויוועען פינסטער. דער אַלטער שלעפּט פון צוקאָפּען זיין צוריסען אָנטאָן אַרויס און מיט אַ מאָדנער פּאַרטראַכטקייט טאַפּט ער יעדעס שטיקעל, איינגראָ־בענדיג אין דעם זיינע אַלטע קאַלאַמוטנע אויגען. ער טוט זיך קרעכ־צענדיג אָן, און הויבט פּאַמעליך אָן אַראָפּצולאָזען די פיס. זיי בלייבען אויף עטליכע סעקונדען הענגען און עס דאכט זיך, אַז דאָס זיינען קיין פיס נישט, נאָר אַ פּאָר אַלטע הויזען הענגען

אויפ'ן אויוועו און טריקענען זיך. נאָר אָט באַווייזט זיך דער צווייטער האַלבער קערפּער און דער אַלטער גרייכט שוין מיט די פיס ביז'ן טאַפּטשאַן. ער גיט זיך אינגאַנצען אַ טרייסעל פון קעלט, ער וואַרפט אַ ברוגז'ן קוק אויף דעם פאַרפרוירענעם קיך־פענסטער און קריכט פונ'ם טאַפּטשאַן אויף דער ערד אַראָפּ.

— נו!! — שרייט ווידער די שנור פון שטוב אַרויס.

דער אַלטער ווערט ריהרעוודיגער, גיט זיך אַ גיס אָפּ נעגעל־וואַסער, און שעפּטשענדיג שטיל „מודה אני" בויגט ער זיך איין צום מולטער, וועלכער שטעהט שוין גרייט דאָרטען מיט עסען פון אַלע מינים פאַרמישעכטסען, הויבט איהם קרעכצענדיג אויף, און לאָזט זיך געהן אין שטעלעכעל מיט גרויסע, נאָר פאַמעליכע טריט.

די גענז, הערענדיג אַ טיר עפענען, מאַכען אַ ליאַרעם, און צוגעהענדיג צו זיי ווערען זיי נאָך שרייענדיגער, ציהען איינע איבער דער אַנדערער די לאַנגע העלזער, שטופען זיך איינע פאַר דער אַנדערער און וואַרפען די קעפּ פון דער שטייג אַרויס.

אויפ'ן אַלטענ'ס געזיכט ווייזט זיך אַ שמייכעל. איהם טוט שטאַרק הנאה, וואָס די גענז מאַכען איהם אַזאַ „אָוואַציע".

ער שטעלט זיי אַוועק דאָס עסען, און איינס נאָך דאָס אַנדערע וואַרפען זיך רויטע פּיסקעס אין מולטער אַריין. דער אַלטער זעצט זיך אַראָפּ, קוקט שמייכלענדיג ווי זיי עסען, און ווען איינע הויבט זיך אָן צו ווערגען, זאָגט ער צו איהר מיט אַ ווייכער שטים:

— אַ, דו שעלמאַ דו, ווער הייסט דיר כאַפּען?

נאָר איינע אָן אַלטע קראַנקע גאַנז שטעהט דאָרטען אין אַ ווינקעל שטייג און קוקט טרויעריג מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ, ווי די חבר'טאָרינס איהרע עסען, ווייל זי, נעבאַך, האָט קיין כח נישט זיך דורכשטופען און עפּעס אויך כאַפּען אין פּיסק. דעם אַלטען טוט וועה דאָס הארץ קוקענדיג אויף דער גאַנז. ער קוקט זיך איין אין איהר, וויל וויסען, וואָס איהר פעהלט, אַז זי איז קראַנק ווייסט ער. נאָר איהם וואָלט זיך שטאַרק געוואָלט וויסען, וואָס דער גאַנז טוט וועה. ער פאַרקאַטשעט דעם אַרבעל, שטופּט אַריין די האַנד אין שטייג אַריין און שטופּט איהר צו צום מול־

טער. די גאַנז גיט אַ פּיק, שלינגט לאַנגזאַם אַראָפּ, און ווי אָהן חשק לאָזט זי דעם פּיסק ווידער אין מולטער אריין. דער אַלטער־זעהט, אַז זי עסט אָהן חשק, שאַרט ער איהר צו וואָס מעהרער קאַרטאָפליעס. ער וויים, אַז דאָס האָבען גענז בעסער ליב; נאָר אויך דאָס עסט זי אָהן חשק.

זי וועט פּגר'ן... טראַכט ער פאַרזאָרגט.

דעם אַלטען ווערט ענדליך קאַלט, און ער געהט מיט אַ טרויעריג הארץ צוריק אין שטוב אריין און קריכט אַרויף אויפ'ן אויווען.

ער טראַכט פון דער גאַנז, און פון דער גאַנז קומט ער אַרויף אויף זיך: ער איז שוין אַן אַלטער, ער וועט אויך אין גי־כען שטאַרבען. ער פיהלט דאָס, ער פיהלט, ווי פון טאָג צו טאָג ווערט ער שוואַכער... און וואָס וועט ער זאָגען פאַר'ן בית דין של מעלה?... אַז ער איז יונגער געווען, האָט ער מעהרער כח געהאַט גאָט צו דינען. ער פלעגט לערנען משניות, אָפּזאָגען אַ פּאָר ספרים תהלים פאַר'ן דאַווענען, היינט די לעצטע יאָהרען האָט ער דערצו קיין כח נישט, און צווייטענס, זעהט ער נישט אויפ'ן אויווען. תהלים קען ער אַפילו אויסענווייניג, נאָר אַן אומגליק: ער האָט גאָר באַ־קומען חולשת הלב. גאַנץ פריה קלעמט איהם שוין דאָס הארץ. די שנור האָט מיט איהם צו טאָן: אַזאַ אַלטער און זאָל אַזוי להוט זיין נאָך דער קישקע. ער איז אַפילו נישט בייז אויף איהר. זי איז גערעכט. ער ווייסט, אַז ער איז דאָ אַן איבעריגער. ער האָט שוין זיינס אָפּגעלעבט...

זיינע געדאַנקען פאַרטיגען זיך אָפּ מיט איהם און קערען זיך צוריק אום צו דער קראַנקער גאַנז. אפילו מיט צוגעמאַכטע אויגען זעהט ער, ווי זי שטעהט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען פליגעל, אַ קוי־מיגע, אַ פאַרשמירטע. די שנור האָט איהם שוין אַ פּאָר מאָל גע־זאָגט, אַז מען דאַרף זי קוילען. נאָר ער האָט איהר דערפון אָפּ־געשלאָגען, פאַרזיכערענדיג, אַז זי וועט נאָך געזונד ווערען — כאָטש ער ווייסט, אַז סוף כל סוף וועט מען זי דאָך קוילען. איהם טוט שטאַרק וועה דאָס הארץ פאַר איהר, ער האָט אַליין אויך

מורא, אַז זי וועט פּגר'ן. דאָס פּגר'ן שטעלט זיך איהם פאָר אַ סך ערגער, ווי דאָס קוילען. און נישט איינמאָל, ווען ער געהט געבען די גענז עסען, ריכט ער זיך צו טרעפען זי איבערגעקעהרט מיט די פיסלאַך ארויף. אַז זיי לאָזען איהר צום עסען נישט צו, איז ער שטאַרק בייז אויף די גענז. ווען זי זאָל כאָטש עסען... ווען עס וואָלט געווען זיין שטוב, טראַכט ער טרויעריג, וואָלט ער זי אַריינגענומען אין קיך אַריין און וואָלט איהר דאָ געהאַלטען, ביז זי וואָלט געזונד געוואָרען... דאָרטען מוז איהר זיין קאַלט. און איהם שטעלט זיך פאָר, ווי זי שטעהט נעבאַך איינע אליין אין א ווינקעל, שטעהט און שווייגט... און ביינאַכט נעבאַך אין דער פינסטער... קראַנק אין דער פינסטער... איהם טוט שטאַרק וועה דאָס האַרץ פאַר דער גאַנז. ער פיהלט, אַז דאָרטען שטעהט באַזונדער פון אַלע גענז אַזאַ מין עלענדער נפש, ווי ער איז.

זיצט אזוי דער אַלטער אויפ'ן אויוועז און טראַכט. שטילע, פוילע געדאַנקען קריכען פּאמעלאַך איינער אויף דעם אַנדערען, דאָקוטשען און לאָזען איהם נישט רוהען. זינט ער האָט באַמערקט די קראַנקע גאַנז, האָט ער שטאַרק אָנגעהויבען טראַכטען וועגען טויט — טראַכטען פון איהם מיט אַ ביטערער זיסקייט. דער גאַנז'ס פּגר'ן מיט זיין טויט פּלאָנטערען זיך ביי איהם צוזאַמען אין זיין אַלטען שוואַכען מוח. אָט, דאַכט זיך, האָט ער נאָר גע־טראַכט פון זיך, נאָר פּלוצים כאַפּט ער זיך, אַז ער טראַכט גאָר פון דער גאַנז. נאָר די שרעק פאַר זיין טויט בלייבט דאָרטען שטעהן אין אַ ווינקעל, און דערפאַר טראַכט ער וועגען דער גאַנז'ס פּגירה מיט דער זעלבער מורא, ווי פאַר זיך, און דערפאַר טאַקע האָט ער נאָך מעהרער אָנגעהויבען טראַכטען, ווי אַזוי אָפּצוהיטען די גאַנז, זי זאָל נישט פּגר'ן — אַז די גאַנז וועט נישט פּגר'ן, וועט ער פאַר זיך עפּעס ווי רוהיגער ווערען...

---

ביינאַכט. אַלע שלאָפען שוין געשמאַק. נאָר דער אַלטער שמואל נתן ליגט אויפ'ן אויוועז, האַלט פאַרמאַכט די אויגען און דורכ'ן שיטערען שלאָף זעהט ער מאָדנע בילדער. ער הערט אפילו,

ווי דער ווינט רייסט די קליאַמקע פון דער טיר און דאַך עפענט ער די אויגען נישט. ער איז גיכער פאַרטראַגען, ווי ער שלאָפט. ענדליך כאַפּט ער זיך אויף. ער פיהלט, אַז עפּעס איז דאַ מיט איהם פאָרגעקומען, נאָר ער ווייס נישט וואָס. איהם דאַכט זיך, אַז ער האָט עפּעס געזעהן און געהערט און קען זיך עס נישט דער־מאָנען. ער הערט, ווי דער ווינט קוויטשעט יאָמערליך אין פענס־טער. ער האָט דאָס פריהער אויך געהערט, נאָר עפּעס אַנדערש איז דאָס אויסגעקומען. ער הערט זיך טיף איין אין ווינט און הערט דאָרטען עפּעס נאָך אַזעלכעס, וואָס ער הערט נישט... און איהם דאַכט זיך, אַז די שנור שרייט, ווי ערגעץ פון ווייט מיט אַ פאַרדומפּטען קול:

— שוועער !!!... שוועער !!!...

מיט אַ קלאַפּענדיג האַרץ הערט ער זיך איין אין דעם קול, נאָר מעהר הערט ער שוין נישט שרייען „שווער". דאָס קול איז אָבער דאָס זעלבע, ווי עס האָט פריהער „שווער" געשריגען. און ער שטעלט זיך שוין אַליין פאָר, אַז דאָס שרייט מען:

— שווער !!! שווער !!!

ער האָט דאָס קול דערקענט...

. . . דאָס איז זיין געשטאָרבענער שנור'ס קול... און איהם דאַכט זיך, אַז עמיצער האָט איהם לייכט מיט אַ קאַלטען פינגער אָנגעריהרט...

דער אַלטער האָט זיך אויפגעזעצט און האָט זיך געוואָלט דערמאָנען: צי האָט זיך דאָס איהם גע'חלומ'ט, צי האָט ער דאָס געהערט אויף דער וואָהר? פונ'ם שטעלכעל האָט ער דערהערט אַ געגעריי פון די גענז. און דעם אַלטען איז מיט אַמאָל איינגע־פאַלען, אַז די גאַנז איז גע'פגר'ט...

אַ פּאָר מינוט איז דער אַלטער געבליבען זיצען פאַרטיפט אין שוואַרצע געדאַנקען; דאַן האָט ער זיך געלאָזט אַראָפּקריכען פונ'ם אויווען, האָט אָנגעטאָפּט אויפ'ן קוימען די שוועבעלאַך, אָפּגעזוכט אויפ'ן פריפּעטשיק אַ שפּענדעל, דאָס אָנגעצונדען און איז אין שטעלכעל אריין...

די פינסטערקייט איז פון דאָרטען, ווי אַ שד, ענטרונען גע־וואָרען. די בהמה, וועלכע איז דאָרטען אין אַ ווינקעל געשטאַנען און געדרימעלט, האָט געגעבען אַ דרעה אויס דעם קאָפּ און האָט בהמה׳ש־פאַרוואונדערט אָנגעקוקט דעם אַלטען. די גענז האָבען אַלע מיט אַ מאָל ארויסגעלאָזט אַ ווילדען געשריי. דער אַלטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט׳ן שפּענדעל פייער אין דער רעכטער האַנט און האָט פאַרקוקט אין שטייג אַריין. די קראַנקע גאַנז, וועלכע איז פריהער געזעסען, האָט זיך קוים מיט מאַטערניש אויפ־געהויבען, ווי זי וואָלט דעם אַלטען כבוד אָפּגעגעבען, און האָט, פאַרדרעהעהענדיג דאָס קעפּעל, מיט איין אייגעל אויף׳ן פייער גע־קוקט. אַלע גענז האָבען געליאַרעמט, געצויגען די העלזער איינע איבער דער אַנדערער און האָבען זיך געביטען מיט די ערטער, רייבענדיג, דריקענדיג איינע דער צווייטער. די קראַנקע גאַנז האָט זיך אַלע מאָל געגעבען אַ זעץ אַראָפּ, ווען איינע פון די גענז האָט איהר אַ שטופּ געגעבען. אַלע גענז האָבען פאַר איהם מורא געהאַט, און ענדליך האָבען אַלע זיך צונויפגעקוועטשט אין איין קופּע, נאָר די זייט, נעבען וועלכער דער אַלטער איז געזעסען, איז אינגאַנצען לעדיג געבליבען. דער אַלטער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט און געגלעט דער קראַנקער גאַנז, און זיי האָבען זיך אַלע מאָל ליבליך איבערגעקוקט: זי אויף איהם מיט איין אויגעל, און ער אויף איהר מיטביידע אויגען; ביידע האָבען זיך אַזוי אָנגע־קוקט אַ פּאָר מינוט... און געדאַכט האָט זיך, אַז ביידע עלענדע נשמות רעדען זיך איבער אויף שטום־לשון, ביידע פאַרשטעהען זיך, פיהלען איינס דאָס צווייטע...

דער אַלטער האָט זיך ענדליך אויפגעהויבען. ער איז אָפּגע־גאַנגען עטליכע טריט, איז אַ פּאָר מינוט געשטאַנען און אַ קוק געגעבענדיג אויפ׳ן שפּענדעל, ווי עס האָלט שוין ביים אויסגעהן, האָט ער שוין געגעבען אַ שפּאַן אויף אין שטוב אַריינצוגעהן; נאָר אין דער סעקונדע איז איהם איינגעפאַלען, ער זאָל די גאַנז פון דאָרטען אַרויסנעהמען. ער איז צוגעגאַנגען צו דער שטייג, גע־

עפּענט פון אויבען דאָס טירעל און האָט די גאַנז ביי אַ פליגעל ארויסגעשלעפּט.

דאָס פייער האָט זיך מיט אמאָל אויסגעלאָשען און דער אַל־טער איז מיט דער גאַנז אין דער פינסטער געבליבען.

די גאַנז האָט זיך שווער געוואָרפען, נאָר נישט געשריגען. מיט'ן אראָפּגעהאַנגענעם פליגעל האָט זי איהם אין די פיס גע־קלאַפּט...

דער ווינט האָט געיאָגט דורך די שפּארונעס. אויף טייל ערטער האָבען זיך אין פינסטערען שטאַל אָנגעזעהן ווייסע, לאַנגע שטיקער שניי. אויבען, ערגעץ אונטער'ן דאַך, האָט עפּעס אַלע מאָל אַ קלאַפּ געגעבען און שטיל געבליבען. דאָס היי, וועלכעס איז אויבען געלעגען אויף די שיטער אויסגעלעגטע לאַנגע פלעקער, האָט שטיל געשורשעט, ווי עטליכע מענשען וואָלטען זיך גע־סוד'עט...

דער אַלטער האָט זיך געלאָזט געהן, אויסשטרעקענדיג איין האַנט אין דער לופטען, און געוואָלט אָנטאַפּען די טיר; נאָר אויף דעם אָרט פון דער טיר האָט ער, ווי איהם האָט זיך געדאכט, אַ קאַלטע האַנט אָנגעטאַפּט. ער האָט אָנגעהויבען לויפען, און גע־דאכט האָט זיך איהם, אז ער לויפט ערגעץ ווייט־ווייט, איבער בערג און איבער טאָלען, און ער הערט די זעלבע שטימע: „שווער!" און די שטים געהט ווי פון דער ערד ארויס, און קלינגט ווייט און הויך, און ווערט וואָס אמאָל צו איהם נעהנטער און נעהנטער, און טויזענטער רוחות טראָגען איהם אין אַ ווייטער געדיכטער פינ־סטערניש, טראָגען איהם און פּאַטשען איהם מיט די פליגעל, קווי־טשען און שרייען, שקראבען איהם מיט די נעגעל און רייסען איהם... ציהען און שלעפּען איהם אראפּ, אראָפּ... נאָך אַ שלעפּ און נאָך אַ ציה, און ער פאַלט אין אַ טיפען, פינסטערען אָפּגרונט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פּאַרטאָג האָט זיך באָבע אויפגעכאַפּט און האָט אונרוהיג געוועקט דעם מאַן:

— יענקעל, דו שלאָפסט ? איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז עמיצער איז געוועזן ביי די גענז.

— געוועזן ביי די גענז ? — פרעגט יענקעל, דער מאַן, איהר איבער.

— איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז עמיצער איז געוועזן ביי די גענז, — האָט זי דאָס צווייטע מאָל איבערגע׳חזר׳ט. — אַזוי ווי דורכ׳ן שלאָף האָב איך געהערט עפּעס אַ רויש, ווי עמיצער וואָלט ביי די גענז געוועזן...

— אַ גנב ? — פרעגט יענקעל איראָניש.

— דו מעגסט לאַכען, נאָר איך זאָג דיר, אַז עמיצער איז ביי נאַכט ביי די גענז געוועזן.

— אַ שאָד ?...

באָבע האָט זיך אויפגעהויבען, זיך אויף־גיך אָנגעטאָן, גע־נומען דאָס לעמפּעל, וועלכעס איז געשטאַנען אויפ׳ן טיש האַלב־איינגעדרעהט, און איז אין שטעלכעל אריין.

באָבע האָט אַ שרעקליכע סצענע דערזעהן : דער אַלטער איז געלעגען אין מיטען שטאָל מיט צוויי גרויסע גלעזערנע אויגען, מיט צושפּרייטע הענט. אין איין האַנט האָט ער פעסט געהאַלטען ביי אַ פליגעל די גאַנז, וועלכע איז אויך, ווי דער אַלטער, געלעגען אָהן אַ סימן פון לעבען...

# מורא.

א חבר האָב איך געהאַט, וועלכער פלעגט תמיד דערפון ריידען.

איינמאָל, אין א ווארעמער זומער נאכט, האָב איך איהם מיט געוואלט ארויסגעשלעפט אין דרויסען אַרויס, האָב איהם גענומען אונטערן ארים, און ער, ווי ער וואָלט געזוכט שוץ ביי מיר, האָט זיך צו מיר צוגעטוליעט און זיך צערעדט:

— מורא! וואָס איז עס?... מורא, זאָגט מען, נעמט זיך פון פאַנאַטיזם; ס'הייסט פון דעם, וואס מ'שפּייזט קינדער פון קליין־וויז אויף מיט נארישקייטען, ווי שדים, מתים, און נאָך אזעלכע אבערגלויבענס; ווען מורא וואָלט ווירקליך זיין נישט מעהר, ווי דאָס, וואָלט איך דער ערשטער נישט באדארפט מורא האָבען, ווייל מיינע עלטערן זיינען נישט קיין פאַנאַטישע און זיי האָבען זייערע קינדער קיינמאָל פון אזעלכע זאכען אפילו נישט דערמאָנט. איך זאָג, אז מורא, פּחד, איז א סך טיפער, ווי מ'פארשטעהט עס — אזוי אזוי פיל טיף, אז מ'קען עס אזש נישט פארשטעהן...

ער איז אויף א מינוט אנשוויגען געווארען און האָט ווייטער געזאָגט:

— דו פארשטעהסט? אָט נעהם א געלערנטען מענשען און שטעל איהם אוועק מיט א פּראָסטען פויער און הער זיך צו צו זייער געשפּרעך. דער געלערנטער וועט איהם זאָגען, אז עס איז נישטאָ קיין גאָט און דער פויער וועט זאָגען, אז עס איז דאָ. דער פויער זאָגט עס, ווייסט ער עס פעסט, אז עס איז דאָ; ווייל ווער־זשע דען האָט די וועלט באשאפען? פון וואנען האָט זיך פאָרט אַלץ גענומען? און דער געלערנטער האָט איהם

שוין נישט וואָס צו ענטפערען, ווייל ער ווייסט א סך און ווייסט ערשט גאָר נישט. ס'איז דאָך נאָך ווינציג, וואָס ער ווייסט, אז עס איז קיין גאָט נישטאָ. וואס דען איז דאָ? און אז עס איז עפּעס יא דאָ, קען ער דאָך נישט אָפּלייקענען. און דאָס לע־בען בלייבט דאָך פאר דעם געלערענטען, פאר'ן פארשטענדיגען — אן אייביגע פינסטערניש. דאָס לעבען איז פאר אונז א געהיימע זאך און אליץ וואָס געהיים — שרעקט. דו פארשטעהסט?

דער פאַנאַטיקער האָט מורא פאר מתים, פאר שדים און דער באוואוסטזיניגער האָט גלאָט מורא. ווּעמעס שרעק איז גרע־סער? דער ערשטער ווייסט כאָטש אליץ, פאר וואָס ער האָט מורא; די פאַנטאַזיע שטעלט איהם פאָר א מת, א שד, ער זעהט געשטאַלטען. דעם צווייטען, דאַגעגען, שרעקט דאָס טיפע, דאָס געהיימע. דאָס איז שוין א שרעק אָהן בילדער. די פאַנטאַזיע איז שוין דאָ צו שוואך, זי זאָל עפּעס קענען מאָלען...

אין א מינוט ארום:

אָט קוק אָן די נאַכט, הער זיך צו צו דער שטילקייט... ליגט דאָ נישט עפּעס גרויזאַמעס, שרעקליכעס?...

פארשטעהסט? נ א כ ט און ש ט י ל ק י י ט . . . מיר דאכט זיך, — ווּעסט לאַכען — אז דאָס איז עפּעס א מין אייביג־פארליבט שרעקליך פאָר, און פון דעם פאָר ווערען געבוי־רען... משחיתים! אָט ווינציג, ווינציג, נאָך ערגערס, ס'האָט קיין וואָרט נישט!...

פּרוב אמאָל געהן איינער אליין ביי נאכט און נישט זיין טרויעריג. פאר וואָס? האָסט דאָך פאר קיין שדים מיט קיין מתים קיין מורא נישט — וואס זשע דען שרעקט דיך? וואס ווארפט אויף דיר א טרויער ארויף?

אָ, מיין פריינד, ווען דו וואָלסט וויסען, ווי מיר ווערט אויפ'ן הארצען, ווען עס הויבט אָן צופאַלען די נאַכט... און וואס עפּעס איך? קוק זיך צו צו יעדען איינציגען, אויב זיי ווערען נישט טרויעריגער פארנאַכט, ווי זיי זיינען געווען דעם גאנצען טאָג. געזיכטער שיינענדיגע, פרעהליכע ווערען פארנאַכט פאר'מרה־

שחורה׳ט. יאָ, זיי באַמערקען עס נישט, זיי גיבען עס קיין באַדייַ־טונג נישט צו. אָבער זיי פיהלען דאָך!... פארוואָס איז דאָס? צי קענען מיר זיך נאָך אַלץ נישט צוגעוועהנען צו דער נאַכט, צו דער פינסטערניש?... נאָך יעדען טאָג האָבען מיר דאָך אַ נאַכט, פאר וואָס איז זי דאָך אַזוי שרעקליך?...

נאָך אַ קורצער פויזע האָט ער זיך פּלוצלונג ווי פון עפּעס ערוואכט:

זאָג מיר, איך בעט דיך, פאר וואָס שטאַרבט מען אַמ־מייסטען בייַנאַכט? פארוואָס ווערט תמיד אַ קראַנקען ערגער, ווי די נאַכט הויבט אָן צוצופאַלען?... נאָר הער אויס. נישט דאָס, נישט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגען, עפּעס אַנדערש... אַ יאָ, פארוואס, אז ס׳שטאַרבט אימיצער אין אַ קליין שטעדטעל, דערוויסען זיך באַלד אַלע. ס׳הייסט נישט מ׳דערוויסט זיך, נאָר מ׳דערפיהלט... אַ פאַקט פון זיך אַליין: איך דערפיהל תמיד, ווען עס שטאַרבט אימיצער. איך קען דיר נישט איבערגעבען, ווי אַזוי איך דערפיהל עס, ווייל איך ווייס עס אַליין אויך נישט. נאָר פון איינמאָל, פון איינמאָל קען איך דיר עטוואָס איבערגע־בען. עטוואס — אָבער נאָך נישט אינגאַנצען.

ווינטער איז עס געווען, אין אַ שוואַרצער, שטילער נאַכט. אָט פון יענע שטילע ווינטער נעכט, ווען ס׳איז נישט וואַרעם און נישט קאַלט, נאָר עפּעס אַ מין אומעטיגע גלייכגילטיגע פינס־טערניש פּרעסט די ערד און עס דאַכט זיך, אַז דאָס איז גאָר קיין נאַכט נישט, נאָר אַ טאָג אַ געשטאָרבענער ליגט איבער דער וועלט צושפרייט, אַ געשטאָרבענער טאָג ליגט אָהן אַן אָטעם. פיהלסט יעדע באַוועגונג דיינע, הערסט ווי עס קלאַפּט אַזוי אומ־רוהיג דאָס האַרץ, ווי עס וואָלט זיך פאַר דעם גרויסען ריזיגען שוואַרצען מת געשראָקען. און אָט אין אַזאַ מין נאַכט בין איך מיר איינמאָל אין שטוב געזעסען. ווען איך בין אַהיים געגאַנגען איז שוין געווען אַרום צוויי אַ זייגער. איך בין געגאַנגען אויף דער שוואַרצער, לאַנגער סטעזשקע, וועלכע איז ווי אַ שוואַרצע לאַנגע סטענגע איבער דעם ווייסען שניי געלעגען און האָט זיך

אַזוי אַוועקגעשלענגעלט ווייט, און דאָרטען צונויפגעגאָסען מיט דער שוואַרצער, שטילער נאַכט.

און מערקווירדיג אַט די שוואַרצע סטעזשקע, וועלכע עס האָבען לעבעדיגע מענשען בייטאָג אויסגעטרעטען, האָט אויף מיר אַ שלעכטען, טרויעריגען איינדרוק געמאַכט און איך האָב מיר עפּעס ווי בעסער דערפיהלט, ווען איך בין אראָפּ פון איהר און זיך געלאָזט געהן אויפ'ן שניי, וועלכער האָט פויל געקרעכצט אונטער מיינע פיס. אָפּגעהענדיג אַ שטיק וועג, האָב איך אין דער שטילער, רוהיגער שוואַרצער נאַכט עפּעס אומרוהיגעס דערפיהלט. דאָס האַרץ האָט עפּעס אַזוי שטיל אָנגעהויבען צו קלאַפּען און אַזוי געהענדיג איז מיר אַנטקעגען פון אַ קליין געסעלע עפּעס אַ לאַנגס און אַ שמאָלס אַרויסגעלאָפען. שטיל איז עס אַרויסגעלאָפען, ווי אַ שטיקעל נאַכט וואָלט זיך פון דאָרטען אָפּגעריסען און ערגעץ צוריק פּאַרשוואונדען געוואָרען.

איך האָב מיך אָנגעשטויסען, אַז דאָס דאַרף זיין אַ הונט און דאָך האָט עס מיר נישט גרינגער געמאַכט די שרעק, ווייל איך וואָלט בעסער געוואָלט דעם הונט הערען בילען. דאָס, וואָס ער איז אַזוי שטיל אַרויסגעלאָפען און אַזוי שטיל פּאַרשוואונדען געוואָרען, האָט אויף מיר אַן אימה אָנגעוואָרפען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שטייף אין די ציין אַ גרויסען שוואַרצען סוד פון געסעל אַרויסגעטראָגען און איז מיט איהם נעלם געוואָרען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום ערשט האָב איך אַ טרויעריג בילען דערהערט, אַזאַ מין טרויעריגעס, — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די שוואַרצע, שטילע נאַכט האָט זיך פּלוצלונג מיט אַמאָל צעוויינט, צעוואָיעט אויף אַ הינטיש קול. אַ קורצער ווידער־קול האָט זיך ווייט געלאָזט הערען און איז באַלד שטיל געוואָרען. דאָס איז אָבער געווען אַ שרעקליכע שטילקייט; איך האָב געפיהלט, אַז אָט באַלד וועט זיך עס מוזען איבער'חזר'ן; איך האָב קיין אנדער זאַך נישט געקענט ערוואַרטען, אויסער דעם געשריי, וואס איך האָב נאָר וואס געהערט און אפשר נאָך אַ גרעסערען, און ווירקליך: אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך דאָס זעלבע

בילען נאָך אמאָל דערהערט און באַלד האָט זיך פון ערגעץ אפּ־גערופען א צווייטער הונט, א דריטער און א פערטער — אַלע מיט ביטערע, קלאָגענדיגע קולות, און פּלוצלונג אין מיט׳ן דערי־נען א מעכטיגער קרעה פון אַ האָן:

קאָקע־רי־קע־רו־אר־אר־או!!!

איהם האָט באַלד נאָך איינער געענטפערט און אַ צווייטער און אַ דריטער, און צייט עטליכע מינוט, איז דאָס שווארצע שטי־לע איינגעשלאָפענע שטעדטעל פון אַלע זייטען ארומגעכאפּט גע־ווארען מיט קרעהען פון העגער און מיט בילען פון הינט.

איך בין ווי אַ פאַרגליווערטער שטעהן געבליבען און שטייף אויף א צו־להכעים אין אַלע זייטען זיך איינגעקוקט. איך האָב עפּעס געוואָלט זעהן... נאָר געזעהן האָב איך גאָרנישט. דערפאַר האָב איך דערפיהלט... אַ געוויין אין די אויערען. פארשטעהסט? ווי אימיצער וואָלט ביי מיר אין אויער געשטאָרבען און אימיצער באוויינט איהם דאָרט... אַ שטיל, שטיל געוויין...

אָפּשטעהענדיג א פּאָר מינוט, האָב איך מיך ווייטער געלאָזט געהן און אָפּגעהענדיג א פּאָר טריט האָט מיר ווי אימיצער אַ זאָג געטאָן אין אויער אריין: א מת איז דאָ אין שטעדטעל, און אין דער זעלבער סעקונדע האָב איך טריט דערהערט — שווערע, האַסטיגע טריט. מיר האָט דאָך באַדאַרפט פרעהליך ווערען, נאָר פאַרקעהרט: מיר איז נאָך אומעטיגער געווארען. די טריט זיינען געוואָרען אַלץ דייטליכער און דייטליכער און ענדליך איז מיר ווי פון דער נאכט־ארויס אַ פיגור ארויסגע־שוואומען, אַ גרויסע, שווארצע פיגור...

טרעף: ווער דאָס איז געווען?...

שמואל דוד דער קברות־איד...

איך האָב גלייך געוואָלט צוגעהן צו איהם און פרעגען, ווער איז געשטאָרבען, נאָר עפּעס האָט מיך אָפּגעהאַלטען: איך האָב מורא געהאַט פאַר דעם לעבעדיג־טויטען מענשען. דאָס האַרץ האָט מיר נאָך שטאַרקער ווי פריהער אָנגעהויבען קלאַפּען און

איך בין דאָך געגאַנגען. אין א פּאָר מינוט צייט האָב איך נאָך אַלץ זיינע טריט געהערט, כאָטש איהם אַליין האָב איך שוין נישט געזעהן.

מיר איז נאָך אַ קליין שטיקעל וועג געבליבען א היים, נאָר נאָהענט נעבען אונזער שטוב האָב איך א געוויין דערהערט, א שטיל, פאַרדומפּען, דערשטיקט געוויין, קוים טאַקע וואס איך האָב עס געהערט; אָבער איך האָב עס גוט געהערט. אין יעדען אבר אריין איז מיר דאָס געוויין אריינגעדרונגען און כאָטש איך בין שוין געווען פעסט, אז ערגעץ באוויינט מען שוין א מת, האָב איך דאָך ווי עפּעס אָנגעהויבען צווייפלען; איך האָב נאָך עפּעס ערגערס פון דעם געפיהלט: מיר האָט זיך געדאכט, אז דאָס איז נישט קיין מענשליך געוויין, נאָר גלאַט עפּעס ווײנט עטוואס גרויזאמעס, עטוואָס אַזעלכעס, וואָס דער פאַנטאַזיע איז שווער זיך פאָרצושטעלען...

ווען איך בין צוגעקומען צו דער שטוב, פון וואנען דאָס געוויין האָט זיך געלאָזט הערען, בין איך געגען מיין ווילען שטעהן געבליבען אנטקעגען פענסטער און האָב אריינגעקוקט. איך האָב זיך נים אָפּגענארט: אויף דער פּאָדלאָגע איז אַ גרויסער מת מיט שווארצען געלעגען איבערגעדעקט, צוקאָפּנעס האָבען פיר ליכט געברענט און אויף דער גאַנצער שטוב, וואו עס האָט קיין אנדער פייער נישט געברענט, האָט זיך אַ שוואַרצע ליכטיגקייט צוגאָסען. און אין דער זעלבער צייט, וואָס איך בין געשטאַנען און אין פענסטער געקוקט, האָב איך דערפיהלט, ווי הינטער מיין פּלייצע איז עפּעס צוגעלאָפען און איז שטעהן געבליבען. איך האָב זיך אומגעקוקט: פונקט אַנטקעגען פענסטער, אויף דער שוואכער שטיק ליכטיגקייט, וואָס האָט זיך פון איהם אויף דער ערד אָפּגעשלאָגען, איז אַ גרויסער שוואַרצער דאַרער הונט גע־שטאַנען און מיט גרויסע, פייכטע שוואַרצע אויגען, אין וועלכע עס האָט זיך די גאַנצע טרויעריגע נאַכט אָפּגעשפּיגעלט, האָט ער גלייך אין פענסטער אַריינגעקוקט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, וועלכע האָבען פון צייט צו צייט עפּעס אַזוי ווי א ציטער געטאָן,

און אָט האָט ער די מאָרדע פּאררים‬ען און האָט זיך צובילט אויף א שרעקליך טרויעריג קול און איז פארשוואונדען געווארען...

---

— דו ביזט עפּעס נישט מיט אַלעמען — האָב איך כמעט ווי אויסגעשריען צו מיין חבר, דערפיהלענדיג, ווי עס געהט מיר איבער א גרויל איבער'ן לייב, — דו מוזט עפּעס זיין פּסי־כיש נישט מיט אַלעמען.

— מעגליך, זעהר מעגליך — האָט ער מיר גלייך געענטפערט. נאָר מיר דאכט, אז עס איז גוט שפּעט און אויב דו ווילסט זיך מטריח זיין, טאָ פיהר מיך צו אהיים...

איך האָב איהם צוגעפיהרט צו דער שטוב און שטיל שוויינענ־דיג האָט ער מיר א האנד געגעבען און איז פארשלונגען געווארען אין א געדיכטען פינסטערען פעדער־הויז.

איך געדענק, מיט וואס פאַר א טרויעריג הארץ איך בין דע־מאָלט אהיים געגאנגען און וואָס פאַר אן אומרוהיגע נאכט איך האָב געהאט: שווארצע חלומות האָבען מיך נישט אויפגעהערט צו מאטערען.

# ביינאַכט.

(עראינערונגען פון אַ געוועזענעם אַרבייטער).

דער שטאָדט־זייגער האָט איינס געשלאָגען. אַ פּאָר מינוט האָט דער קלאַפּ געברומט אין די אויערען, ריכטיג ווי גרויסע ווילדע חיות וואָלטען אין דער לופט אַרומגעשוועבט. די ווילדע גראָבע קולות זיינען אין מיינע אויערען, ווי שטיקער בליי געפאַלען און דאָס האָט געמאַכט מיין קאָפּ נאָך שווערער.

און די נאַכט־שטילקייט, וועלכע איז פול מיט סודות אָנגעזאַפּט, וואַרפט אויף מיר אַזאַ אימה! דאַכט זיך, אַז אין דער שטילקייט, שוועבט עפּעס נישט זעהענדיגעס אַרום. שטילע, טרויעריגע סודות ליגען דאָרטען ערגעץ אין די ווינקלען אונטער דער סטעליע באַהאַלטען. און אָט באַלד וועט אימיצער, שטיל ווי די נאַכט, צו מיין אויער צוגעהן און וועט מיר איינעם פון די סודות איבערגעבען.

מיר איז ווי לייכטער געוואָרען, וואָס דאָרטען ערגעץ, פון וואַנען איך האָב דעם אָפּקלאַנג דערהערט, האָב איך אַ לעבעדיגען מענשען דערפיהלט; איך האָב איהם געפיהלט גאָר נאָהענט נעבען זיך. דער שלאָף איז אויף אַ קליין ווײַלע פון מיר ווי אָפּגעשפּרונגען, און די אויגען מיינע, וועלכע האָבען האַלב־אָפען געקוקט אָהן שום זין אין דער אַרבייט, האָבען זיך מיט אַמאָל ברייט געעפענט. איך האָב אַרום זיך אַ בליק געוואָרפען און דערזעהן די קלעצלאַך מיט די ווייסע פּנים'לאַך, וועלכע זיינען געווען אויסגעלייגט ביי צוויי ווענט, איינס אַנטקעגען דאָס אַנדערע, דערגרייכענדיג כמעט ביז צו דער סטעליע, זיינען זיך געלעגען און געדרעמעלט. די שוואַרצע פּליטע, ווי אַ שטיק נאַכט, איז זיך שטום געזעסען דאָרטען אין ווינקעל, און אויף

איהר זיינען געשלאָפען עטלאכע שווארצע איבערגעקערטע טעפלאך. איין טעפעל איז געשטאנען נישט גאַר פול מיט וואסער און פון איהם האָבען ארויסגעקוקט עטלאכע לעפעל, עטלאכע גאָפּלען און אַ מעסער, איבערגעקערט מיט דער שווארצער הענטעל ארויף. אַלץ שלאָפט. עס שלאָפט נאָר נישט דאָס וואסער אין קראַן. אָפט הער איך, ווי עס פאַלען דאָרט די טראָפּענס איינציגווייז אין אָפּגיס, וועלכער איז פארלייגט און איבער העלפט פול מיט וואסער. פּ־ר־ר־ר... קלינגט אָפּ יעדער טראָפּען, עפּעס ווי מען וואָלט מיט אַ פינגער ערגעץ אַ סטרונע אָנגערירט. מיר איז שוין נודנע געוואָרען אויפ'ן הארצען, הערענדיג די איינטאָניגע מוזיק. איך האָב שוין עטלאכע מאָל געפּרופט שטארקער פארדרעהען דעם קראַן — עס העלפט נישט.

איך האָב ענדליך אַליין, מיר אונטערגעבענדיג חשק, זיך גענומען צו דער ארבייט, פאנאנדערגעדרייט דעם ווערסטאַק אזוי שטארק, דאָס די גאנצע קיך האָט אָנגעהויבען צו הודיען. איך האָב זיך אַליין געפּרופט איינריידען, אַז מיר גלוסט זיך גאָרנישט שלאָפען, און אין די מינוטען האָט זיך טאַקע דער שלאָף פון מיר אָפּגעטאָן. אָבער אין אַ ווײַלע ארום האָב איך דערפּיהלט, ווי די פיס ווערען ביי מיר שוואכער און דער ווערסטאַק האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו דרעהען אַלץ פאמעלעכער. איך האָב דער־פּיהלט, ווי דער שלאָף גנב'עט זיך בישלאכווייז אריין צו מיר; אָט הויבען זיך אָן ביי מיר צונויפקלעפּען די אויגען, דער קאָפּ ווערט אַלץ שווערער און ציהט זיך אראָפּ צו דער ברוסט. איך פּרוף נאָכגעבען, פארמאַך די אויגען און פיהל, ווי עפּעס אַ חיות צוגיסט זיך מיר אין מיין גאנצען קערפּער... באַלד אָבער, דערמאָנענדיג זיך אָן דער ארבייט, גיב איך אַ ריס־אויף די אויגען און דערביי פיהל איך, ווי עפּעס ווערט ביי מיר אָפּגעריסען אין הארצען. איך דערשרעק זיך — כ'וויים נישט פארוואס. נאָר אָט גיב איך מיך אינגאנצען אַ טרייסעל און נעהם זיך דאָך ווידער צו דער ארבייט, איך ארבייט, איך פיהל, ווי איך ארבייט! איך פיהל אפילו, ווי איך

אָטעם, איך הער זיך צו צום זשומען פון דער טאָקעריי; עפּעס קומט מיר דאָס איצט אויס משונה, אנדערש ווי בייטאָג... איך ווייס נישט מיט וואָס, אָבער — אַנדערש. איך אַליין בין עפּעס אויך אַנדערש; דאָס פּנים, דאַכט זיך מיר, איז ביי מיר נישט דאָסזעלבע...

און פּלוצלונג פאַלט אָן אויף מיר אַן אימה; איך הויב אָן מורא האָבען פאַר דער אַרומיגער שטילקייט; מיר דאַכט זיך, אַז אין דער שטילקייט ליגט עטוואָס געהיימעס, שרעקליכעס... איך דערפיהל זיך ווי צונויפגעדריקט... איך האָב מורא אַ קער געבען דעם קאָפּ — מיר דאַכט זיך, דאָס איך וועל הינטער זיך עמיצען דערזעהן....

וועלענדיג זיך בארוהיגען, הויב איך אָן צו קלערען וועגען טאָג, וועלכער, דאַכט זיך מיר, איז ווייט־ווייט פון מיר, אָבער וועט דאָך קומען. בייטאָג וועל איך שלאָפען, איך וועל מיר זיך אויסציהען און — שלאָפען... אָך, שלאָפען! ווי גוט דאָס איז... דאָס וואָרט אַליין! ס'אר אַ גוט וואָרט דאָס איז... ביז טאָג איז נאָך אָבער אַזוי ווייט. די נאַכט שלעפּט זיך אַזוי לאַנגזאַם, אַזוי לאַנגזאַם....

שטעהן שפּעט אין דער נאַכט איינער אַליין ביים וואַרשטאַט און אַרבייטען — איז דען פאַראַן עפּעס ערגערס פון דעם? וואָס טראַכט מען דען נים איבער? וואָס קומט דען דעמאָלט נים אויף די געדאַנקען? — בילדער פון געשטאָרבענע, באַקאַנטע און נים באַקענטע. און טאַטע־מאַמע אין דער מיט, צונויפגע־פלאָנטערט מיט פרעמדע און אומבאַקאַנטע מתים. און אַרום און אַרום איז אַזוי שטיל, שווידערלאַך שטיל. איך הער מיין אטעם, הער ווי דאָס האַרץ מיינס קלאַפּט.

באַ־אַאַם! באַ־אַאַם! צוויי אַזייגער. איך האָב אַ קוק געוואָרפען צום פענסטער, און מיר האָט זיך נים געוואָלט גלויבען, אַז עס איז ערשט צוויי אַזייגער. אָבער דאָ גלייך האָב איך דערזעהן די לבנה אנטקעגען, אַזאַ בלאַסע, אַזאַ גלייכגילטיגע און קאַלטע... און אַזוי ווי איך האָב זי דערזעהן, אַזוי גלייך האָב

איך אויסגעשפּיגעו אויף דעם הימעלשען נאַכטיגען לייכט־טורם און אויסגעשריען:

— אַ רוח אין דיין טאַטען, לבנה!

און אַ שליידער געטאָן דאָס שטיקעל געצייג אָן דער ערד, האָב איך האַסטיג פאַרלאָזט דעם וואַרשטאַט און בין אַרויס אין הויף.

דער הויף איז געווען אַ גרויסער און איבער דער גאַנצער לענג זיינער זיינען פון ביידע זייטען שורות־ווייז געלעגען מענער, ווייבער און קינדער, גרויסע און קליינע. אַלע האָבען זיי געשמאַק געשלאָפען און די פּנים'ער זייערע זיינען געווען בלאַס באַלויכטען פון דער לבנה, וועלכע איז אין הימעל פונקט איבער'ן מיטען הויף געשטאַנען און זיי אומעטיג באַטראַכט. שיטערלאַך, ווייט אָפּגעטראָטען איינער פון דעם אַנדערען, האָבען די שטערען זיך געפינקעלט אין דעם בלויען הימעל, וועלכער איז געווען רוהיג, קאַלט. מען האָט געזעהן, אז דאָס איז עפּעס אַ טויטע זאַך, אַ שטיק באַשעפעניש, וועלכע ווייסט נישט, פאַרשטעהט נישט, צי דאַרף עס זיך פרעהען מיט דער לבנה און די שטערען, צי זיין אומעטיג, פונקט ווי דאָס צוויי־גאָרענדיגע הויז, וואָס איז זיך גאַנץ גלייכגילטיג געשטאַנען און געקוקט אויף די מענשען, וועלכע ליגען דאָ און באַשיצען זיך אין זיין גרויסען בויך. דער גרין־געפאַרבטער דאַך פון'ם הויז האָט געגלאַנצט פון טוי, ווי אַ שטילע פאַר'כשופ'טע קאַליוזשע. אַרום און אַרום איז שטיל. נאָר אָט האָט זיך אויפ'ן דאַך פלוצלונג פון ערגעץ באַוויזען אַ קאַץ, וועלכע איז זיך געגאַנגען טריט ביי טריט, פּאַמעלאַך צושאָקלענדיג מיט'ן קעפּעל און אויפדרעהענדיג דעם עק אַרויפצו. זי שטעלט זיך אָפּ, קוקט אַ מינוט אָהן אַ שום זין און לאָזט זיך ווייטער געהן. אַנטקעגען קומט איהר אָן נאָך אַ קאַץ, ביידע שטעלען זיך אָפּ, באַטראַכטען איינע די צווייטע. באַלד לאָזט זיך הערען פון זיי אַ יאָמערייִ, אין אָנהויב גאָר שטיל, איינגעהאַלטען, נאָר וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז עס ווערט צווישען זיי אַ ווילדע רייסעניש מיט משונה'דיגע,

גוואַלדיגע יללות. אַ צוויי דריי מענשען כאַפּען זיך אויף פון שלאָף, קוקען זיך אַרום דערשראָקען, ווילד, הערען זיך איין אַ ווײַלע, און וואַרטשענדיג עפּעס אונטער דער נאָז, ווערען זיי ווידער אַנטשלאָפען....

איך בין געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער אין שווערע, שטילע געדאַנקען און געקוקט אָהן שום זין, קאַלט באַטראַכט די בלאַסע פּנים'ער, וועלכע האָבען גלייך מיט די פאַרמאַכטע אויגען אין דער לבנה אַריין געקוקט. מיר האָט עפּעס אינווייניג טיף אָנגעהויבען דריקען.

עפּעס אַ מין בענקשאַפט האָט מיך איינגאַנצען אַרומגענומען. דאָס האַרץ האָט שטיל און אומעטיג ערגעץ געצויגען... איך האָב געוואָלט צוריק אַרויפגעהן זיך זעצען צו דער אַרבייט, נאָר איך האָב מיך נישט געקאָנט ריהרען, ריכטיג ווי אַ פּאַראַלי־זירטער. איך האָב געפיהלט, ווי עס ציהט מיך אַראָפּ, און יעדער אבר ווערט שווער, ריכטיג, ווי אימיצער וואָלט מיר אין זיי בליי געגאָסען....

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס האָסטו אַזוי די אַרבייט געענדיגט, דו פוילער הונט דו! — הער איך דעם בעל־הבית קול.

און עפענענדיג די אויגען, האָב איך פאַר זיך דעם בעל־הבית מיט'ן טאָג באַגעגענט...

# אריינגעצויגען אין שבת.

נאָך דאָנערשטאָג ביינאַכט האָבען מיר געוואוסט, אַז דער ברודער וועט שטאַרבען.

דערקאָנט האָבען מיר עס נישט אָן קראַנקען, נאָר אָן מיין פאָטער, וועלכער איז פּלוצים טרויעריג געוואָרען און כמעט ווי געצוואונגען אונז, מיר זאָלען זיך לייגען שלאָפען. ער אליין האָט כסדר געוואַכט און וועגען שלאָפען גערן אפילו נישט געקלערט. ער האָט אוועקגעשטעלט אַ בענקעל נישט ווייט פון קראַנקען'ס בעט און איז געזעסען מיט אַ שטיל, טרויעריג שווייגען, מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט.

דער קראַנקער ברודער איז געלעגען מיט'ן פּנים אַרויף, מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל, מיט לייכט צוגעמאַכטע אויגען, אַזוי אַז מ'האָט נישט געקענט דערקענען, צי ער שלאָפט, צי ער ליגט אַזוי אַ פאַרטראַכטער. ער האָט שטיל, פּאַמעלאַך און, דאַכט זיך, זעהר לייכט געאָטעמט, אַזוי לייכט, אַז עס איז שווער געווען צו באַמערקען, ווי די קאָלדרע הויבט זיך אויף זיין ברוסט.

און דאָך, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אַלע האָבען געוואוסט, אַז עס דערנעהנטערען זיך די לעצטע מינוטען זיינע, האָט קיינער נישט געוויינט. באַזונדער האָט מיר געוואונדערט אויף דער מאַמען, ווייל ביז אַהער, די גאַנצע צוויי וואָכען, וואָס ער איז געלעגען קראַנק, האָבען זיך איהרע אויגען נישט אויס־געטריקענט; נאָר דאָס איצטיגע שטילשווייגען איז נאָך געווען ערגער פון'ם וויינען. אַזאַ פּלוצלונגדיג אַנטשוויגען וועלען האָב איך שוין אַ פּאָר מאָל באַמערקט ביי מאַמעס, ווען עס קומען אָן די לעצטע מינוטען פון זייערע ליבע קינדער...

שלאָפען האָט זיך, געוויינליך, קיינער ניט געלייגט. נאָר

איך בין פון צייט צו צייט אַנידערגעפאלען אויפ'ן נישט געבעטען בעט אין'ם אַנטאַן, און דורכ'ן שלאָף געהערט יעדען שאָרך און נים געקענט זיך אָפּגעבען קיין רעכענונג צי הער איך וואָס איך הער אויף דער וואהל, צי איך שלאָף. איך האָב זיך פון צייט צו צייט אויפגעכאפּט אן אומרוהיגער און זיך מורא געהאט אומצוקוקען טאָמער איז שוין דאָס שרעקלאך ערווארטעטע געשעהן.

אין צווייטען צימער, וואו מיין קראנקער ברודער איז געלעגען, איז אויך געווען שטיל אזוי ווי דאָ. דער טאַטע האָט זיך פון צייט צו צייט שטיל, ווי אַ שאָטען, באַוויזען אויף דער טיר, האָט פריהער געוואָרפען אַ קוק אויפ'ן גרויסען אלט־מאָדישען זייגער און נאָך דעם אויף אונז און איז ווידער נישט געוואָרען. איך האָב באמערקט, אז ווען דער טאַטע האָט אַ קוק געגעבען אויפ'ן זייגער, האָט די מאַמע אויך אַ קוק געגעבען, און נאָך דער מאַמען אַ שוועסטער, און נאָך דער שוועסטער — איך. נאָך וואָס איך האָב געקוקט ווייס איך נישט. אפשר האָט די שוועסטער אויך נישט געוואוסט. נאָר דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען געוואוסט (אזוי בין איך געווען איבערצייגט) און דער זייגער, וועלכער איז פּונקט אַנטקעגען בעט אויף דער וואַנט געהאנגען, האָט מיך אַנגעהויבען צו שרעקען. איך האָב מורא געקראָגען פאר די גרויסע שווארצע ציפערים און פאר די צוויי גרויסע שפּיציג־מעשענע ווייזערס, וועלכע האָבען זיך גנב'יש גערוקט און געוויזען עפּעס שרעקליכעס — וואָס נאָר דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען געוואוסט....

— טין־טאַן, טין־טאַן, — האָט דער זייגער נישט אויפגע־הערט צו קלינגען, און איך האָב דעמאָלט שרעקליך חשק געהאט איהם אָפּצושטעלען, ווייל דאָס קלינגען, האָט זיך מיר געדאכט, איז געוואָרען עפּעס אַ מין שפּראַך פון דער טויט־נאַכטיגער שטיל־קייט. און וואָס ווייטער אין דער נאַכט אריין, אַלץ שטאַרקער האָט זיך דער טויט געפיהלט אין שטוב. נישט באַמערקענדיג, אויף שטיל שווארצע טריט, האָט ער זיך אַלץ נעהנטער און נעהנ־

טער צו מיין ברודער געדרוקט. אין דער לופט איז עפּעס אַ מין פּאַר'עקשנ'טע שטיקענדע וואַרימקייט געשטאַנען, און אין דער וואַרימקייט האָט זיך אַ לייכטע קיהלקייט געשפּירט, ווי עמיצער וואָלט אומבאַמערקט פון אַ ווייטען אָרט אַנגעקומען און זי מיט־געבראַכט....

ווען איך האָב מיך דאָס לעצטע מאָל אויפגעכאַפּט איז שוין גרויסער טאָג געווען. די זון האָט אין די פענסטער געשייַנט. ווייטער האָב איך אין שטוב קיין שום פאַרענדערונג נישט באַ־מערקט. אַלץ איז ווי בייַנאַכט געבליבען, און נישט געפיהלט האָט זיך דער פריהמאָרגען, ווייל דאָ איז, דאַכט זיך, גאָר קיין נאַכט נישט געווען, נאָר גיכער עפּעס אַ מין שוואַרצער, אומעטיגער פאַר־שלאָפענער טאָג, וועלכער האָט פּלוצים אַ גרויס בייז אויג גע־עפענט, און ער, דער טאָג אַליין, האָט זיך עפּעס ווי פאַר דער אויג דערשראָקען און איז פון שוואַרץ ווייס געוואָרען.

אין אַ צעהן מינוט ארום נאָך מיין אויפוואַכען, האָט זיך ווי־דער דער טאַטע באַוויזען. דער פּנים איז געווען בלאַס און די אויגען זייַנען, דאַכט זיך, קלענער געוואַרען פון אַ גאַנצע נאַכט נישט שלאָפען. ער האָט ווידער אַ קוק געגעבען אויפ'ן זייגער און שטיל־טרויעריג ארויסגעזאָגט:

— ער וועט שוין, דאַכט זיך, דערציהען ביז צוועלף.

איך האָב נאָך דעמאָלט אויף קיין זייגער זיך נישט געקאָנט, און מיר האָט זיך שרעקליך געוואָלט וויסען, וואָס'רע פּאַסיקעל ס'ווייזט צוועלף. צוועלף, וועלכען איך האָב תמיד אַזוי ליב גע־האַט, ווייל ער האָט אַ סך געקלונגען, איז מיר איצט שרעקליך געוואָרען.

אַז היינט איז פרייטאָג — האָב איך גאָר אינגאַנצען פאַרגע־סען. נאָר ווען איך בין אַרייַנגעגאַנגען אין קיך אָפּגיסען נעגעל־וואַסער, און האָב דערזעהן די אָפּגעבאַקענע חלה אין מילטער, איז מיר עפּעס לייכטער געוואָרען אויפ'ן האַרצען. דערפאַר איז מיר נאָך ערגער געוואָרען, ווי פריהער, ווען איך בין אַרייַנגעגאַנגען צוריק אין שטוב, ווייל דאָ האָט זיך דער פרייטאָג גאָרנישט גע־

שפּירט. אַ וועהטאָג האָט מיין הארץ ארומגעכאפּט: פרייטאָג!... פרייטאָג זאָל זיין אזוי אומעטיג!... צי וועט שוין די מאמע גאָר קיין שבת נישט מאכען?

מיט די געדאנקען האָב איך גענומען דעם סדור און זיך אוועקגעשטעלט דאווגען. געדאווענט האָב איך שטיל. איך האָב עפּעס מורא געהאט הויך צו דאווגען און טרערען האָבען מיר אין האלז געשטיקט.

ענדליך האָבען די מאַמע און די שוועסטער נישט אויסגע־האַלטען און אָנגעהויבען וויינען. און וואונדערליך: פון זייער וויינען איז מיר עפּעס גרינגער געווארען אויפ'ן הארצען און ס'האָט מיר אַ שיין געטאָן אַ האָפנונג, אז דער ברודער וועט נישט שטארבען...

צוועלף אזייגער איז אריינגעקומען דוד לייב, דער חברה־מאַן, אַן אלטער גרייז, מיט צוויי שווארץ־לעבעדיגע יונגע אויגען. ער איז צוגעגאנגען צו מיין ברודער, זיך אָנגעבויגען מיט אַן אויער, אזוי אז די שפּיצען פון זיין לאַנגער באָרד זיינען אריבערגעפאַלען און אינגאנצען פארדעקט מיין ברודער'ס פארשפּיצטע, בלאַסע נאָז. ער האָט זיך אַ מינוט צייט איינגעהערט און די אויגען זיינע האָבען, פארשארצט, געקוקט אין אַ זייט. און געווען איז עס אזאַ מין קוקען, אזוי ווי ער זעהט עפּעס דארטען אין דער זייט, וואוהין ער קוקט, עפּעס אזעלכעס, וואס קיינער, אַ חוץ אַ חברה־מאַן קען עס נישט זעהן...

ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט, האָט ער נאָך אַ ווײלע אויפמערקזאם געקוקט אויפ'ן ברודער'ס בלאַס־געלבליך געזיכט, און האָט ענדליך געזאָגט דעם טאַטען, וועלכער איז געשטאַנען נעבען איהם:

— ער וועט ארייגציהען אין שבת.

אין דעם זעלבען מאָמענט האָט מיין ברודער געעפענט די אויגען און האָט זיי גלייך אוועקגעשטעלט אויף דוד לייב'ן. דאָס איז געווען עפּעס אַ מין שארפער, לאַנגער בליק — נאָר מענשען פאר'ן טויט קענען אזוי קוקען. איך האָב נישט געצווייפעלט,

אז ער האָט געהערט די לעצטע ווערטער. די ליפּען האָבען זיך ביי איהם א באַוועג געטאָן און אין א ווײַלע אַרום האָט ער אַ פרעג געגעבען דעם טאַטען אויף דוד לייב'ן:

— ווער איז עס?

— דאָס איז ר' אהרן דער שוחט! — האָט דער טאַטע מיט א ציטעריל קול זיך געכאַפּט צו ענטפערען, נישט וועלענדיג איהם זאָגען, אז דאָס איז דוד לייב, דער חברה־מאַן.

— לאָז ער אַרויסגעהן! — האָט מיין ברודער אַרויסגערעדט מיט די לעצטע כחות און האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום, ווען דוד לייב איז שוין געווען אוועקגע־גאַנגען, האָט ער ווידער געעפענט די אויגען און געפרעגט:

— וואָס איז היינט?

— פרייטאָג. — האָט דער טאַטע מיט אַ צופרידענער שטים געענטפערט. — פרייטאָג, ס'וועט באַלד זיין שבת...

מיין פּאָטער האָט פּלוצלונג אַן אַנדער אויסזעהן באַקומען, און אויף זיין געזיכט האָט זיך עפּעס אַ מין שטייפער, טיפער, טרויעריגער ערנסט צוגאָסען. ער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף מיין ברודער, איז אויף שטילע טריט אַרויסגעגאַנגען פון צימער, איז אַריינגעקומען צוריק, האָט אָנגענומען דער מאַמען פאַר איין האַנד, דער שוועסטער פאַר דער צווייטער, און שלעפּענדיג זיי אין קיך אַריין, פון וואַנען ער איז נאָר וואָס אַריינגעקומען, האָט ער שטרענג געזאָגט:

— מאַכט שבת!

עס איז שוין געווען אַרום צוויי אַזייגער און עס איז נאָך אין ערגעץ קיין סימן פון שבת נישט געווען. די בעטען זיינען געבליבען ווי ביי נאַכט צעוואָרפענע, די פּאָדלאָגע אפילו נישט געקעהרט, און נאָך ערגער האָט אויסגעזעהן די קיך. דער פּרי־פּעטשאַק איז געווען שוואַרץ און קאַלט. אין מיטען, אין שכנות מיט עטליכע קאַלטע קויהלען, איז אַ גרויס־בייכיג, ליימען טעפּעל געשטאַנען, פול מיט שמוציגען וואַסער. פון שוואַרצען אויוועץ האָבען ווייסע שטיקלאַך האָלץ אַפּערגעקוקט. די שוואַרצע קאָ־

טשערע איז געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד, וואו נישט וואו זיינען אויף דער ערד געווען ווייסע פלעקען פון מעהל מיט צוטראָטענע קויהלען, און דאָס פלייש מיט'ן קעלבערנעם פיסעל, איז נאָך פון דאָנערשטאג פארנאכט אויפ'ן זאַלץ־ברעטעל געלע־גען. נישט ווילענדיג, פויל און אָהן חשק, האָבען זיך די מאמע מיט דער שוועסטער גענומען שבת מאכען. און מיך האָט דער טאַטע אריינגערופען אין שטוב, האָט מיר געהייסען ארויסנעהמען די לייכטער פון אונטער'ן בעט, וואס איך האָב באלד געטאָן, און יעדען איינציגען לייכטער, וועלכען דער טאַטע האָט פון מיי־נע הענט צוגענומען, האָט ער ארומגעווישט מיט א פּאָלע פון זיין קאַפּאָטע, און האָט אליין א טישטוך אויסגעשפּרייט אויפ'ן טיש און די לייכטער אויסגעשטעלט.

ארום דריי אזייגער איז געקומען די מוהמע מיינע, דעם טאַ־טען'ס א שוועסטער, א שבת'דיג פארפּוצטע, מיט א גרויסען פּאַרוק און מיט גאָלדענע, גרויסע האַלבע לבנות אויף די אויערען. נישט זאָגענדיג גאָרנישט און נישט קיין גלעט געבענדיג מיך, ווי זי פלעגט אַלע מאָל טאָן, ווען זי האָט מיך דערזעהן, איז זי גלייך אריין אהין אין צימער אויף שטילע טריט און באלד נאָך איהר אריינגעהן האָט זיך דער טאַטע געוויזען מיט א שוויינענדיג, טרויעריג געזיכט, האָט גענומען א בענקעל, האָט עס אריינגע־טראָגען אהין אין צימער און האָט הינטער זיך פארמאכט דאָס טירעל.

אין דעם פארמאכען דאָס טירעל האָב איך פארשטאַנען, אז עס דערנעהנט זיך שוין דער שרעקליכער מאָמענט. איך בין גע־בליבען שטעהן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און צוגעלעגט אַן אויער צום טירעל. עס איז געווען שטיל, מאָדנע שטיל. איך האָב מיך געוואונדערט, ווי קען עס זיין אזוי שטיל דאָרטען, וואו עס געפינען זיך צוויי לעבעדיגע מענשען, און מינוטענווייז האָט זיך מיר געדאכט, אז מיט די לעבעדיגע און געזונטע איז עפּעס געשעהן... די מאמע און די שוועסטער זיינען פון צייט צו צייט אריינגעלאָפען פון קיך מיט פארשמירטע, פארקאַטשעטע הענט,

מיט פאַרשמירטע און קויטיגע פּנים'ער, געקוקט אויף מיר און אויפ'ן טירעל מיט פרעגענדיג־צושראָקענע בליקען, געשטאַנען אַ ווײַלע, זיך איינגעהערט און צוריק אַוועקגעגאַנגען אין קיך.

ווען איך בין אריין אין קיך האָב איך געטראָפען דער מאַמען שטעהן ביים פאַרשמירען דאָס טשאָלענט־ברעטעל; דערביי האָט זי זיך פעסט אָנגעהאַלטען מיט דער צווייטער האַנט ביים אייזער־נעם שטעקעל, וועלכעס האָט דעם קוימען אונטערגעשפּאַרט, און האָט שווער געאָטעמט. די שוועסטער האָט אין לאַנגע שמאָלע שטיינערנע באַנקעלאַך אריינגעצאַפּט וואַסער פון זודיגען סאַמאָ־וואַר. איך בין ארויפגעקראָכען אויפ'ן אויווען און די שוועסטער האָט זיי מיר איינציגווייז דערלאַנגט און איך האָב זיי איינגע־דעקט מיט אַ באַרג שמאַטעס, וואָס זיינען דאָרטען געלעגען. אין דער צייט, ווען איך האָב זיי איינגעדעקט, איז דער טאַטע אריינ־געגאַנגען אין קיך און האָט מיר שטרענג געזאָגט, איך זאָל זיי גוט איינדעקען, עס זאָל נישט זיין קאַלט די טיי, און ביי דער מאַמע געפרעגט, צי האָט זי נישט אריינגעלעגט אַ סך אָדער ווינציג האָלץ. און אין דעם אַלעמען איז ממש געווען צו זעהן, ווי ער האָט זיך אָנגעגורט די לענדען: אָט וועיל עס געהט אַזאַ שרעקליכער שבת, זאָל זיין אַ שבת מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַ פּאָר מאָל איז ער, ווי איך האָב באַמערקט, געבליבען שטעהן מיט אַ פאַרגליווערטער האַנט אין דער לופטען, קענטיג געוואַלט עפּעס טאָן אָדער זאָגען, נאָר נישט געוואוסט אָדער פאַרגעסען וואָס. די אויגען זיינע האָבען ארומגעבלאָנדזשעט און, דאַכט זיך, נישט געזעהן דאָס, וואָס פאַר איהם איז געשטאַנען און געלעגען.

ווען דער שבת איז שוין געווען אין אָרדנונג און עס איז גע־בליבען אַ קורצע צייט צו ליכט־בענשען האָט זיך פּלוצים אַן עפּען געטאָן דאָס טירעל און בלאַס ווי דער טויט האָבען זיך די פאַר־פּוצט־שבת'דיגע מומע און דער וואָכעדיגער טאַטע באַוויזען. ביידע האָבען אַ פּאָר נישט דרייסטע טריט געמאַכט האַרט איינער נעבען אַנדערען, עפּעס ווי זיי וואָלטען צוגעקלעפּט געווען איינס צום צווייטען. אין דער זעלבער צייט איז פון קיך אריינגעלאָפען די

מאַמע, די שוועסטער און אַלע פיר האָבען זיך מיט די אויגען באַ־גענגעגנט און באַלד נאָכדעם האָט אַ שרעקליכער יאָמער אויסגע־בראָכען. אַלע זיינען אריינגעפאַלען אהין אין אַלקער, וואו מיין ברודער איז שוין געלעגען אויסגעצויגען איבערגעדעקט מיט אַ ווייסען לייכאַך.

אין אַ צעהן מינוט ארום האָב איך דערהערט דעם טאַ־טען'ס שטים און דערזעהן זיין האַנט אויף דער מומע'ס פּלייצע:

— לאָה, געה אהיים, וועסט פארשפּעטיגען ליכט־בענשען.

עס איז שוין טאַקע צייט געווען ליכט־בענשען. די זון האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן. אויפ'ן האָריזאָנט צווישען הימעל און וואלד האָט זי זיך ברייט און מעכטיג אויף די בוימער שפּיצען צוגאָסען, און געדאַכט האָט זיך, אַז דער שווארצער וואַלד האָט אַ גאָלדענעם קאָפּ באַקומען. דער שבת איז שוין מיט זיין גאַנצער פּראַכט אין גאַס געווען צושפּרייט. ווייבער זיינען שוין שבת'דיג פארפּוצטע אויף די פּריזבעס געזעסען; וואו נישט וואו אַנטקעגען זיי זיינען געשטאַנען מאַנסבילען מיט די שבת'דיגע קאַפּאָטעס און פארלעגטע הענט אהינטער און האָבען מיט די ווייבער געשמועסט. אינגלאך גרויסע און קליינע מיט גרויסע און קליינע סידורים אין די הענט האָבען געשטיפּט איינס מיט'ן צווייטען, אָפּט דערלאַנגט איינער דעם אַנדערען מיט'ן סידור איבער'ן קאָפּ און אָפּגעצויגען. אין איינינגע שטיבער האָבען זיך בלאַסע פלעמלאך פון די בענש־ליכט דורך די פענסטער אָנגעזעהן, און גע־דאַכט האָט זיך מיר, אַז דאָס זיינען נשמה־ליכט, צעהנדליגער נשמות אויסגעלייטערטע, הייליגע זיינען פון יענעם עולם געקומען און זיך באהעפט מיט מיין ברודער'ס נשמה און עפּעס אַ מין גע־שטאַרבענע, אומעטיגע פרעהליכקייט האָט זיך אין דער לופט צו־גאָסען, ווי ווען איינע פון די נשמות וואָלט חתונה געהאַט...

עטליכע מינוט נאָך מיין מומע'ס אוועקגעהן האָט דער טאַטע ארויפגעלעגט די האַנט אויף דער מאַמע'ס פּלייצע, פּונקט ווי ער האָט עס פריהער געטאָן אויף דער מומע'ן, און געזאָגט מיט דעם זעלבען צובראָכענעם קול:

— פייגע, עס איז שוין צייט ליכט בענשען!

די זעקס־קעסטעלדיגע זון, וועלכע האָט זיך אָפּגעשלאָגען פון דעם זעקס־שויבענדיגען פענסטער פונקט אויף דער וואַנט, נעבען וועלכער עס איז געשטאַנען דאָס בעט, אין וועלכער מיין געשטאָר־בענער ברודער איז געלעגען, האָט אָנגעהויבען צו פארגעהן, ווי זי וואָלט זיך פאר'ן געשטאָרבענעם דערשראָקען. פון אונטען ארויף האָט זי אָנגעהויבען צו פארגעהן זיך מיט אַ געדיכטען שאָטען, און דער שאָטען, האָט זיך מיר געדאכט, רוקט זיך פון אונטער'ן ליילאך אַפיר. דער שאָטען, דאָס איז אַ שווארצער, שטילער, געהיימער באַפעהל פונ'ם טויט, ער זאָל אלעם ליכטיגעס, לעבעדיגעס אָפּ־מעקען, אָפּשווארצען, אלץ זאָל באקומען אַן אויסזעהן פון טויט... אזוי שטיל ווי דער מת איז געלעגען, אזוי שטיל האָט דער שאָטען געשטייגט אלץ העכער און העכער, און אָט זיינען שוין צוויי קעסט־לאך נישט געבליבען און אַ קלעמענדיגער וועהטאָג האָט נאָך שטארקער מיין הארץ פארנומען. אין די פארגעהענדע זון־קעסט־לאך האָב איך געפיהלט, ווי דעם ברודער'ס נשמה געהט אוועק פון אונז, אויף אייביג ווערט זי פון אונז פארהוילען, פארגאָסען אונטער'ן געדיכטען שאָטען... צוזאמען מיט די זון־קעסטלאך געהט זי אוועק פון אונז...

— פייגע! — האָט דער טאטע שוין אַ ביסעל העכער גע־זאָגט מיט אַ ציטעריג קול — דו וועסט חלילה מחלל שבת זיין... איך וויל נישט, אז דער זוהן זאָל גורם זיין אין דיין זינד... לאָז איהם צורוה, דעם זוהן אונזערען, זיי איהם נישט מצער מיט דיינע טרעהרען... ס'איז שבת!...

דאָס האָט ער געזאגט מיט אזא וועהטאָגדיג ציטעריג קול, אז מיר איז אזש אַ גרויל אריבער איבער'ן גאנצען לייב און איך האָב עפּעס, ווי אומגעריכט פאר זיך אליין, אַ שלעפּ געטאָן דער מאמען ביים קליידעל און האָב אויסגעשריגען, ווי נישט מיט מיין קול:

— מא־א־מע!!...

פּאַמעלאך, אויף שטיל־שווארצע טריט איז די נאכט צוגע־

טראָטען. פארגאנגען זיינען די זון־קעסטלאך, און געדאכט האָט זיך מיר, אַז זיי וועלען זיך שוין קיינמאָל דאָ אויף דער וואנט נישט ווייזען. און וואונדערליך: ערשט איצט האָב איך דערשפּירט, אַז אַלץ איז געענדיגט...

די מאַמע און די שוועסטער האָבען נאָך אַלץ געוויינט און געשריגען.

— פייגע! פייגע! פייגע! אום גאָטעס ווילען!! — איז שוין דער טאַטע פון גערודלד ארויס — ס'איז שבת!!! — און האָט אין אַ ווײַלע ארום פריהער געכאַפּט דער שוועסטער אונטער די הענט און זי ארויסגעשטופּט אין צווייטען צימער. נאָכדעם האָט ער פּאַמעלאַך, צארט אָנגענומען דער מאַמע'ן און זי ארויסגע־פיהרט אונטער די הענט, צוגעפיהרט צום טיש און געהייסען בענ־שען ליכט. דערביי האָט ער מיט אַ פּאָלע פון זיין קאַפּאָטע איהר ארומגעווישט דאָס פּנים, וועלכעס איז געווען דורכאויס נאַס פון טרעהרען, און צו דער שוועסטער האָט ער געזאָגט, זי זאָל גיך ארויסנעהמען אַ ריין בלוזקעלע פאַר דער מאַמע'ן צו ליכט־בענשען.

די מאַמע האָט זיך אונטערגעגעבען, האָט אָנגעצונדען פיר ליכט, און דאָס פּינפטע, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט זי דורכגעלאָזט. דער טאַטע האָט ער גלייך באמערקט און געזאָגט צו איהר:

— צינד אָן דאָס ליכט אויך. דערווייל איז ער נאָך אונ־זערער...

נאָך ליכט־בענשען האָט דער טאַטע גענומען איין ליכט און האָט ארייַנגעטראָגען אהין, וואו דער געשטאָרבענער ברודער איז געלעגען, ווי מ'האָט געטאָן אַלע שבת, און האָט אויך דאָרטען דאָס טישעל מיט אַ טישטוך פארשפּרייט.

און גלייך נאָכדעם האָט זיך דער טאַטע ארומגעוואשען, האָט העלדיש אָנגעטאָן די שבת'דיגע קאַפּאָטע און, ווי אַ גענעראל וואָס קלייבט זיך צו געהן אין שלאכטפעלד, האָט ער זיך ארומגענאר־טעלט און מיר באפוילען:

— קום!

איך בין ערשטווינט געבליבען. מיר איז אפילו אויף די געדאנקען נישט געקומען, אַז דער טאַטע זאָל איצט געהן אין שוהל אריין.

ער האָט דאָס מאָל געדאַווענט פרימער ווי אַלע מאָל און איז לענגער געשטאַנען שמונה־עשרה מיט שטייף־איינגעקנייטשטע אויגען. נאָכ'ן דאַווענען האָט ער, ווי אַלע שבת, יעדערען אָפּגעגעבען גוט־שבת...

צוריק אהיים איז דער טאַטע געגאַנגען טריט ביי טריט, און איך ביי אַ זייט, האַרט נעבען איהם.

עס איז געווען אַ פינסטערע, שטילע נאַכט. עס האָבען זיך דייטליך געלאָזט הערען פון די אָפענע פענסטער און טירען די שבת'דיגע זמירות, וועלכע האָבען זיך צונויפגעמישט מיט'ן קוואַקען פון די זשאַבעס פון נאָהנטען טייכעל. אויף דער ערד זיינען, ווי ווייסע ברייטע לייליאַכער, שטיקער ליכטיגקייט געווען אויסעשגעפּרייט און ביי יעדען מאָל, ווען מיר זיינען אויף אַ שטיק ליכטיגקייט ארויף, האָב איך אויף דעם טאַטען'ס פּנים אַ קוק געכאַפּט, און אויסגעזעהן האָט זיין פּנים נישט ווי פרייטאָג צונאַכטס, נאָר ווי שבת פאַרנאַכט — בלאַס און אומעטיג...

ווען מיר זיינען צוגעקומען צוויי הייזער פאַר אונזער הויז, האָב איך דערזעהן צוויי שוואַרצע, גרויסע פלעקען פון אויסגעגאָסענעם וואַסער. דער טאַטע, וועלכער האָט זיי, ווייזט אויס, באַלד נישט באַמערקט, און האָט אַ טריט געטאָן אויף דעם נאַסען, שוואַרצען פלעק, האָט זיך מיט אַ מאָל א כאַפּ געטאָן צוריק און מיך איינציייטיג אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד און מיין פולען נאָמען אויסגערופען: — יוסף (תמיד יאַסקע).

מיר האָבען געטראָפען דער מאַמען און דער שוועסטער ליגען אויפ'ן בעט. האַרט נעבען זיי איז אַנטקעגען געזעסען מיחלע די גבאי'טע, אַ שכנה אונזערע, און זיי האָבען קענטיג געפיהרט צווישען זיך אַ שטיל, טרויעריג געשפּרעך. דער טאַטע, און איך נאָך איהם, האָבען געזאָגט גוט שבת, אויף וואָס די מאַמע האָט געענטפערט מיט אַ כליפּעריי, און דער טאַטע האָט אַוועקגע־

ליגט א פינגער אויף דער נאָז. און שפּעטער א ווײַלע איז ער אַרײַן אין צווייטען צימער, וואו מיין געשטאָרבענער ברודער איז געלעגען, און האָט דאָרטען אויך געזאָגט גוט שבת, און צוריק זיך באוויזען, האָט ער אָנגעהויבען זאָגען „שלום עליכם". צום אָנהויב גאַנץ שטיל, און נאָכדעם אלץ העכער און העכער, און ביים דריטען מאָל איז ער אַריינגעפאלען אין זיין געוועהנליכען טאָן, ווי ער זאגט אלע שבת, און געדאַכט האָט זיך מיר, אז די מלאכי־השרת האָבען זייערע ווייסע פליגעל איבער די שוואַר־צע פון טויט צושפּרייט, און אז מיין ברודער'ס נשמה, האָט זיך מיר געדאכט, פלאַטערט מיט די מלאכים ארום, און א פרעהליך־אומעטיגע שרעק האָט מיין קינדערשע נשמה דורכגענומען.

די טירלאַך פון צימער, אין וועלכען מיין געשטאָרבענער ברודער איז געלעגען, זיינען געוועזן אָפען, נאָר דעם געשטאָר־בענעם האָט מען נישט געזעהן, ווייל דאָס בעט, אין וועלכען ער איז געלעגען, איז געשטאַנען ביי דער וואנט, וואס האָט די ביידע צימערען פונאנדערגעטיילט. געזעהן האָב איך נאָר דעם גרוי־סען אלמער, וועלכער איז פונקט אנטקעגען דער טיר געשטאַנען, און פון אויבען אויפ'ן אלמער די גרויסע קופּערנע פאַנען, וועלכע האָבען אראָפּגעקוקט מיט א רויט בלאַנקענדיגען גלאַנץ. און געמאָלט האָט זיך מיר, אז דער מלאך המות מוז האָבען אזעל־כע גרויסע, רויטע אויגען, ווי די פאַנען.

נאָכ'ן עסען, פאַר'ן בענשען, האָט דער טאַטע אויך נישט פארפעהלט, ווי אלע שבת, זינגען „מנוחה ושמחה". און איך האָב אויך אָנגעהויבען זינגען, און וואָס ווייטער אלץ שטאַרקער און העכער.

און רחמנות האָב איך געהאט אויף דער מאמען און אויף דער שוועסטער, וואס זיי זיצען פארקלאָגטע, און מיר איז מיט אמאָל עפּעס אזוי גרינג און גוט אויפ'ן הארצען, און פון יענעם צימער האָט מיט א דרך־ארץ'־דיגער שטילקייט דער טויט אפּערגעקוקט, און אנטקעגען איהם איז מיט זיין גאַנצער קראַפט און פּראַכט דער הייליגער שבת

געשטאַנען און די גאַנצע מורא פאַר'ן געשטאָרבענעם איז פון מיר אָפּגעטאָן געוואָרען. איך האָב אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געזונגען. און פּלוצלונג האָט זיך מיר אָנגעהויבען דאַכטען, אַז נישט איך זינג, נאָר עמעס אַן אַנדערער, אַן אומבאַקאַנטער און דאָך נישט קיין פרעמדער. די אומבאַקאַנטע שטים איז מיט אַמאָל אָפּגעהאַקט געוואָרען, ווי אין אַ חלום... און ווי פון אַ חלום געדענקט, ווי דרייען זיינען געשטאַנען נעבען מיר און עמעס ווי געוויינט און געשריגען איבער מיר, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין גאַר דער געשטאַרבענער. איך הער ווי מען באַוויינט מיך, און איך לעב אַ געשטאָרבען לעבען, און געהערט אַז מ'טראַגט מיך, און ניט געוואוסט וועד, מענשען צי מלאכים. און פאַר מיר זיינען ווי צוויי ווייסע טייבעלאך געפלויגען — דער הייליגער שבת און מיין ברודער'ס נשמה...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך אין אַ פרעמדער שטוב דערזעהן אין אַ בעט ליגען. נעבען מיר, אויפ'ן בעט זיינען געזעסען די מאַמע און די שוועסטער. געשטאַנען זיינען דער טאַטע, דער בעל הבית פון דער שטוב, די בעל הבית'טע, אַ פרעמדער איד, אַ פרעמדע אידענע און דער שטאָדט-פעלדשער. דער לעצטער האָט מיר געפרעגט אויף אידיש:

— נו, ווי פּיהלסטו זיך, יאָסקע?

איך האָב איהם אויף דער פראַגע נישט געענטפערט און האָב זיך געווענדעט צו דער מאַמען:

— היינט איז שבת?

— שבת, מיין זוהן — האָט דער טאַטע גוטמוטיג געענטפערט.

איך האָב אַ קוק געגעבען אין שטוב, און דערזעהענדיג פאַרשפּרייט דעם טיש מיט אַ ווייס טישטוך און די מעשענע לייכטער, און די זון, וועלכע האָט די גאַנצע שטוב פאַרגאָסען מיט אַ העלער שבת'דיגער ליכטיגקייט, איז מיר אַזוי גוט געוואָרען אויפ'ן האַרצען!

איך האָב געמיינט, אז אלעם איז עפּעס געווען א בייזער, וויסטיגער חלום, האָב איך א פרעג געטאָן אויף מיין ברודער, וואס מיין ברודער מאכט. די מאמע האָט זיך שטיל־איינגעהאלטען צוואויינט, און דער טאטע האָט א וויז געטאָן מיט א שטע־בעדיגען פינגער צום הימעל:

— ס'איז איהם שוין בעסער פון אונז, דעם ברודער דיי־נעם!...

# אויף דער עלטער.

אין שוהל, אין מזרח־וואנט, זיינען צוויי גרויע בערד געבלי־בען,ביידע אין די אכציגער. אין דער־היים, ביי די קינדער, וואלגערען זיך די אלטע־לייט אויף די אויוועגס, נאר אין שוהל זיצען זיי אויבען־אן און פיהלען נאך דעם אמאליגען שטאלץ זייערען. יא, דאס וואלט אליץ גוט געווען, ווען זיי זאלען זיך נישט פיהלען עלענד און איינזאם צווישען די „יונגע צוציקעס" און וואלטען זיי, די אלטע־לייט, איינער מיט'ן אנדערען שלום געווען. זיינען זיי ברוגז, שוין א יאהר פופציג ברוגז. זיי גע־דענקען שוין באלד אליין נישט, וויפיל יאהרען, נאר ביידע גע־דענקען זעהר גוט, ווי זיי האבען זיך געשלאגען מיט העלצער. און איבער וואס? געוועהנליך, איבער פרנסה: ביידע האבען מיהלבענס געהאט, וואו מ'האט „געריסען" גרויפען. האט דער געשלעפט די גויים צו זיך, און יענער — צו זיך, און דאס פלעגט זיך אלע מאל ענדיגען מיט א געשלעג... איצט זיינען זיך די אל־טע לייט קיין שונאים נישט, פארקעהרט — גוטע פריינד... איי־נער ציטערט פאר'ן צווייטענס לעבען... ביידע פיהלען, אז ווען עס שטארבט איינער פון זיי, מוז דער צווייטער נאכשטארבען.

אמת'ע גוטע פריינד זיינען זיי זיך געווארען פון יענער צייט, וואס חיים־נחום איז געשטארבען... חיים־נחום איז געווען אין איינע יאהרען מיט זיי און זיין טויט האט ביי זיי ארויסגע־רופען א שטארקען פארלאנג איבערצובעטען זיך... שטיל, מיט אראפגעלאזטע קעפ זיינען די אלטע לייט נאכגעגאנגען נאך יענעמ'ס לויה און — ווילענדיג, נישט ווילענדיג — זיינען זיי פלוצלונג אלע מאל אויסגעוואקסען איינער נעבען אנדערען, גלייך ווי א נעהיימע לייכטע האנד וואלט זיי צונויפגעפארט, האבען זיך אומ־געריכט אנגעקלאפט איינער אן צווייטען און איין געדאנק האט

זיך ביי זיי געוועבט, אז איצט איז געווים די צייט געקומען, און דער מלאך המות טאַנצט שוין איצט הינטער זייערע פּלייצעס... און וואונדערליך: ברוגז׳ערהייד האָבען זיי זיך דאָך איינער נעבען אַנדערע בעסער געפיהלט, ווי צווישען די איבריגע מלוים... זיי, די אלטע לייט, האָט מעהר געריהרט חיים־נחום׳ס טויטע, ווי די קרובים זיינע...

פון דעמאָלט אָן טראַכטען זיי זעהר פיל פון איבערבעטען זיך און האָפען א גאַנצע וואָך, אז שבת, צונויפקומענדיג זיך אין שוהל, וועט זייער רצון ערפילט ווערען. אָבער יעדעס מאָל לאָזט זיך די האָפנונג אויס מיט גאָרנישט. דערהויפּט איז א ביטער רחמנות אויף די אלטע לייט ערב יום כפור. וויפיל אידען, וואס האָבען זיך א גאַנץ יאהר געריסען, בעטען זיך ערב יום כפור איבער, און אויף זיי קוקט זיך קיינער נישט אום. א גאַנצען טאָג, פון אין דער פריה אָן, זיצען די אלטע אין בית־המדרש, קוקען מיט בעטענדע פייכטע אויגען — אפשר וועט זיך פּאָרט עמיצער אויך אָן זיי דערמאָנען. אָן זיי וואָלט מען דאָך די אמת׳ע מצוה געהאַט, זיי וואָלטען זיך שוין מעהר ביז זייער לעבען נישט געקריגט.

איינער פון זיי, אהרן־דוד, האַלט שוין צעהנדליגער יאָהרען די מצוה פון „הוצאה והכנסה". די לעצטע יאָהרען צאָהלט ער שוין אפילו נישט און מ׳וויל ביי איהם אלע שמחת־תורה אויס־דינגען, נאָר גוטע פרומע אידען דערלאָזען נישט — ס׳איז נישט קיין יושר... אהרן־דוד נידערט פּאַמעליך מיט׳ן ספר די דריי טרעפּלאַך פון ארון קודש אראָפּ, און דער גרעסטער פאַרלאַנג זיינער איז, אז משה־לייב זאָל דער ערשטער א קוש געבען דעם ספר, וועלכען ער האַלט ארומגענומען. און וואונדערליך, ווי דער לעצטער פלייסט זיך עס טאָקע צו טאָן... אוןביידע דערפיהלען זיך עפּעס אזוי גוט, אזוי נאָהנט איינער צום אנדערען! ווער שמועסט נאָך, אז משה־לייב׳ס לאַנגע, ווייסע באָרד ריהרט יענעמס האַנד אָן, איז שוין יענער גאָר אויפ׳ן זיבעטען הימעל. ביידע קוקען זיך איבער מיט פריינדליכע אויגען און פלייסען זיך

צו זאגען גליייך די תפלה פון נאָך הוצאת התורה, און חזר'ט איינער איבער א פּאָר מאָל איין וואָרט, טוט עס איהם דער צוויי־טער נאָך.ביידע צעהלען זיך די ווערטער אין די מיילער אריין.

ביי קריאת התורה טראַכטען זיי ווידער איינס פונ'ם אנדע־רען: גליקליך וואלטען זיי געווען, ווען זיי זאלען ביידע אין איין חומש אריינקוקען און מאכען פּשט'לאך אויף פארשידענע פסוקים. אהרן־דוד וואלט משה־לייב'ן באוויזען זיין לומדות און משה־לייב איז אויך נישט קיין בור דאורייתא און ווייסט אויך, וואָס אין די קליינע אותיותלאך טוט זיך.

קומט איינער פון זיי נישט דאוונען — דאָס טרעפט זעהר אָפּט — פארזאָרגט זיך דער צווייטער, „אפשר נישט געזונד?" און קאָן זיך נישט אָפּהאַלטען נישט פרעגען ביי יענעמ'ס קינ־דער (מיט די קינדער זיינען די אַלטע לייט נישט ברוגז): „וואָס איז עפּעס דער טאַטע נישט געקומען צום דאוונען?" און אומע־טיג ווערט דעם פרעגער אויפ'ן הארצען, הערענדיג א תשובה: „נישט געזונד". ער איז כמעט ווי זיכער, אז איבער אכט־טאָג שבת וועט ער עפּעס אויך „נישט געזונד זיין"...

---

אהרן־דוד און משה־לייב זיינען די עלטסטע נישט נאָר אין שוהל, נאָר אויך אין גאַנצען שטעדטעל, און שטענדיג געדענקען זיי איינער פונ'ם אַנדערען. טראכט איינער: „גאָט ווייסט, וואָס אהרן־דוד מאַכט", — טראכט דער אַנדערער: „גאָט ווייסט, וואָס משה־ליב טוט". כאַפּט זיך אמאָל איינער פון זיי אויף פון שלאָף מיט'ן פולען גלויבען, אז דער אַנדערער איז געשטאָר־בען... הערט ער זיך איין אין שטוב, צי הערט מען עפּעס נישט פון קיין געשטאָרבענעם... דער עלטערער משה־ליב איז אביסעל טויבלאך, דערהערט אָבער א טויבער גראָד דאָס, וואָס מ'רעדט ניט, כאַפּט א פּאָר ווערטער, וואָס קלינגען ווי אהרן־דוד. איז וואָס מיינט עס? און ס'פעהלט נאָר אז ער זאָל כאַפּען נאָך א וואָרט און דאָס געכאַפּטע וואָרט וועט שוין זיכער זיין: גע־שטאָרבען — „אהרן דוד איז געשטאָרבען"...

— ווער איז געשטאָרבען? — פרעגט דער אַלטער און באקומט אַ גראָבען ענטפער:

— נאָר שטארבען חלומ'ט זיך איהם, דעם אַלטען! ווער געשטאָרבען? וואָס געשטאָרבען?

ווערט דער אַלטער אַ ביסעל רוהיגער, זיפצט לייכטער אָפּ, נאָר אינווענינ אין הארצען בלייבט דאָך עפּעס שווערעס ליגען... אַ נייע שווארצע זאָרג קאָרטשעט זיך ערגעץ דאָרט ביי איהם אינווענינ און ציהט ווי אַ פּיאווקע... ווען־עס־איז וועט דאָך יענער שטארבען, — צופלעכט זיך אַ געדאנק, — האָט ער מורא די לויה נישט פארפעהלען... און וואונדערליך: טראכטענדיג פון יענעם, טיילען זיך מאָמענטענווייז די געדאנקען פון איהם אָפּ, ווערען עפּעס ווי פרעמדלאָך און עס דאכט זיך דעם אַלטען, אז אימיצער שטעהט דאָ נאָהענט און טראכט פון איהם דאָס זעלבע, וואָס ער פון יענעם...

ער הויבט אָן צו קרעכצען... ווער ווייסט? אפשר פאַר־לייקענט מען גאָר פון איהם... קינדער זיינען אזוי שלעכט... ער וואָלט כאָטש געגאנגען מחילה בעטען!... און אפשר גוסס'ט נאָך יענער, וואָלט ער כאָטש מיט איהם אַ פּאָר ווערטער גע־רעדט. עס לאָזט איהם נישט רוהען, ער מוז נאָך אַ מאָל פרע־גען... זאָגען... ער וועט מקדים זיין... וועט בעטען, טאָמער ווערט יענער פארשלאפט, זאָל מען איהם באַלד מודיע זיין... ער קנייטשט זיך דער אַלטער — עס ווילט זיך נישט אַלע מאָל דאָקוטשען... ער וויל נישט ווערען אָפּגעזידעלט. גאָר נישט זאָגען קאָן ער אויך נישט. רופט ער צו זיך צו אָן אייניקעל, פארנאַרט עס צו זיך מיט אַ ווייך זיידישער צערטליכקייט און זאָגט שטיל:

— קינד מיינס, אז אהרן־דוד וועט פארשלאפט ווערען, ועסטו מיר זאָגען. יאָ, קינד?

דאָס קינד זאָגט עס איהם אַלע מאָל צו, און יעדען טאָג, יעדע שעה קוקט דער אַלטער אויף דער טרויעריגער בשורה ארויס. און גיט דאָס אייניקעל אַ געשריי: „זיידע!" — ווערט דער

אַלטער פאַרגליווערט און מיינט, אַז אַט־אַט זאָגט עס איהם די טרויעריגע בשורה אָן.

— וואָס איז, קינד?

— גאָרנישט. אזוי.

אַז ס'שטאַרבט אַ יונגער, האָבען די אַלטע שטאַרק עגמת נפש; זיי מיינען, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ טעות... און דאָך טוט זיי עפּעס הנאה... זיי דאַכט זיך, אַז דער טויט האָט זיך פון זיי אָפּגערוקט אויף אַ ווייטען מהלך. און אַז ס'געהט אַוועק אַ לאַנגע צייט און ס'שטאַרבט קיינער נישט, ווערען די אַלטע אונרוהיג... עס דאַכט זיך זיי, אַז מ'האָט זיך שוין פאַרטראַכט וועגען זיי... און דאָ אַרום זייערע קעפּ שוועבט דער מלאך־המות אַרום און וואַרט אויף אַ וואונק...

---

געווען איז עס אין אַ ווינטער־אָווענד. אין קיך האָט גע־פלאַטערט עפּעס אַ מין אומעטיג־טונקעלע ליכטיגקייט פון'ם ברענענדיגען פייער אויפ'ן פּריפּעטשיק. און גערדאַכט האָט זיך, אַז אַ גרויסער דורכזיכטיגער גולם שטעהט און ציטערט און זיינע שאָטען־ברעמען טאַנצען איבער די ווענט אַרום און וואַרפען אַ מרה־שחורה.

דער אַלטער משה־לייב איז געזעסען אויפ'ן אויווען און געלייענט קריאת־שמע און דאָרטען, פון אונטער דער קיך־טיר, האָט זיך דייטליך געלאָזט הערען דאָס קלאַפּען פון די רעדער אין מיהלבען, צוזאַמענגעמישט מיט אַ גוי'איש געשפּרעך. דאָס קלאַפּען האָט ביים אַלטען אָנגעהויבען אַרויסצורופען פאַרשיי־דענע זכרונות און בילדער — אַלטע, ערגעץ לאַנג פאַרלעגערטע, נאָר זעהר דייטליכע, בילדער האָבען ביי איהם אין מח איינס נאָך דאָס אַנדערע אָנגעהויבען אַרויסצושווימען. דער אַלטער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז געשטאַנען דאָרט אין מיהלבען אָנגעטאָן אין אַ קורץ שמויסען פּעלצעל מיט אַ שפּיציגער קוטשמע אויפ'ן קאָפּ, איז אַלע מאָל צוגעגאַנגען צום קאַסטען, אָנגענומען אַ הויפען גרויפּען און, באַטראַכטענדיג זיי אַ ווייל, געזאָגט:

— נו, זאָג דעם אמת. ביי יענעם גנב רייסט מען אויך אזוי גוט ווי דאָ? גיב אַ קוק כאָטש, צעהל יעדען גרויפּ באזונדער.

און — וואונדערליך! — די ווערטער האָט ער אזוי דייטליך איצט געהערט, ווי ער וואָלט זיך ווירקליך דאָרט, אין מיהלכען, געפונען און זיי געדעדט, און די קריאת־שמע, וועלכע האָט זיך מעכאַניש געגאָסען פון זיין מויל, האָט, דאכט זיך, אַן אַנדערער גאָר געלייענט, נישט ער... עפּעס איינער אַן אַלטער, אַ פרעמדער און דאָך אַ באקאנטער, וועלכען ער האָט אמאָל אין זיין לעבען געזעהן, אָדר ער וועט איהם ערשט אמאָל זעהן...

דער אַלטער איז אזוי ווי אַ גולם געבליבען זיצען און שטיל, מעכאַניש שעפּטשענדיג די קריאת־שמע, געפיהלט, ווי ער, אָדער נישט ער, נאָר עפּעס עהנליכעם אויף איהם, טיילט זיך פון איהם אָפּ און עס לאָזט זיך פון אויוועז אראָפּקריכען, לאָזט זיך אין מיהלכען אריין, עפענט די טיר און גיט אַ געשריי אויף די פערד: וויאָ־אָ־אָ!!! דאָס קול איז זיינס, נישט דעמ'ס, וואָס זיצט אויפ'ן אויוועז, נאָר יענעמ'ס וואָס איז נאָר־וואָס אראָפּגעקראָכען... אַ יונג, געזונד קול... און נאָהענט נעבען דעם יונגען'ס אויערען לייענט אימיצער קריאת־שמע... אַן אַלט קול, אַ באַקאנטס...

דער אַלטער ווערט וואָס ווייטער טיפער פארזונקען, ווערט וואָס ווייטער אַ מינוט מעהר אין יונגען פארשלונגען... פונ'ם אַלטען, וואָס זיצט אויפ'ן אויוועז, בלייבט ביים יונגען אין מח עפּעס אזוי ווי אַ שטיק רויך זיצען, וואָס איז שטאַרק עהנלאך אויפ'ן יונגען... און עס בליצען געדאַנקען: דאַכט זיך, אז דאָרטען זיצט ערגעץ אַן אַלטער... דאַכט זיך, אז אין מיהלכען שטעהט עפּעס אַ יונגער... און ביידע זיינען עפּעס נישט ממשות'דיגע, נאָר לייכטע, טונקעל־דורכזיכטיגע, ווי פון רויך אויסגעגאָסענע מענשען... און די ביידע מענשען מיט די צוויי קעפּ טראַכטען עפּעס ווי איינער און דער איינער ווי צוויי. איינציייטיג טראַכטען זיי: איינער — פון פרנסה, דער צווייטער — פון טויט... געצווייטעלטע געדאַנקען... קלינגט איינעם אין די אויערען

אריין — וויאַ־אַ־אַ, דעם צווייטען — „צדקה תציל ממות“. און אַט גיבען זיי זיך גאָר אַ גאַס צונויף, דער אַלטער מיט'ן יונגען, און עס שפּרינגט אַ בילד ארויס: אַ גלאַט שטיל וואַסער, שוואַרץ ווי טינט... פון ערגעץ פון דער שוואַרצער נאַכט לאָזט זיך הערען דאַס הירזשען פון אהרן־דוד'ס בולאַן, וועלכען משה־ליב האָט אַמאָל דערטרונקען... און פּלוצלונג גיט זיך אַ שטעק־ארויס פון וואַסער אהרן־דוד'ס גרויער קאָפּ, פאַרשווינדט און אין אַ ווײַלע ארום באַווייזט ער זיך גאָר אין מיהלכען פאַראויס, פאַר איהם — דער יונגער אהרן־דוד מיט אַ פלאַקען אין האַנד... עס הערען זיך קולות מיט גוואַלדען, און דער אַלטער אהרן־דוד שטעהט אונבאַוועגליך מיט אַ פאַרגליווערט שמייכעלע אויף די ליפּען...

די גוואַלדען ווערען וואָס אַמאָל שטילער און שטילער, נאָר פון ערגעץ ווייט, פון אַ ווייטער טיפער שטילקייט, וואו עס לאָזען זיך נאָר הערען מתים־קולות, ווען זיי ליגען „אַנגעהויבענע“ אויף דער ערד, האָט זיך דאַס געוויין געלאָזט הערען... אַ צוגעלעגערט, פאַרדומפּען געוויין, עהנליך אויף דער שטילקייט אליין, האָט זיך צום אַלטען'ס אויערען דערטראָגען.

ער האָט ווי פון אַ טיפען שלאָף ערוואַכט, זיך אַ מינוט צייט איינגעהערט און ווילד זיך ארומגעקוקט. אין די אויערען איז פאַרבליבען דאָס נאָר־וואָס געהערטע, און פאַר די אויגען — דאָס נאָר־וואָס געזעהענע.

— קינדער! — האָט דער אַלטער מיט אַ ציטער אויסגע־רופען — וואָס איז געשעהן?

עס האָט זיך געעפענט די קיך־טיר און דעם אַלטען'ס זוהן איז פון מיהלכען אריינגעקומען מיט'ן קורצען פעלצעל און מיט'ן שפּיציגען היטעל אויפ'ן קאָפּ, און האָט ארויפגעשריען צום פאָטער:

— טאַטע, איך וועל דיר אָנזאָגען אַ בשורה: אהרן־דוד איז געשטאָרבען...

דער אַלטער האָט זיך יאָמערליך צוּוויינט.

# די לעצטע מינוטען

אסתר־ביילע איז געלעגען מיט'ן פנים ארויף. אונטער די פעסט צוגעמאכטע איינגעפאלענע אויגען־הייטלאך האבען פא־מעלאך, קוים צו באמערקען, ארומגעשפאצירט פון איין ווינקעל צום אנדערען די אויגען, פון צייט צו צייט האט א ציטער געטאן א ברעם; אין די שלייפען האט זיך קוים עטוואס געריהרט. א שטיק קאלדרע, וואס האט צוגעדעקט איהר ברוסט, האט זיך געהויבען ארויף און אראפ און אלע אברים האבען געמאכט דעם איינדרוק, אז זיי געהערען זיך שוין מיט'ן קערפער גארנישט אן. יעדער אבר ארבייט קוים פאר זיך, דער מענש אליין, דער גאנ־צער גוף איז שוין לאנג געשטארבען.

די געדאנקען זיינען נאך אבער ביי אסתר־ביילע'ן געווען אין ארדנונג, האבען נאך געארבייט פריש און מונטער, ווי זיי וואלטען מיט'ן אפשטארבענדען קערפער גארנישט געהאט צו טאן. צווישען אלע זכרונות און עראינערונגען, וואס זיינען ער־וואכט געווארען פאר'ן שטארבען, איז איהר ווי פון א נעבעל ארויסגעשוואומען א טונקעלער יונגערמאן. ער איז געשטאנען א פאר מינוט אונבאוועגלאך און געקוקט אויף איהר מיט פאר־שטארצטע אויגען... דער יונגערמאן איז איהר עפעס געווען באַ־קאנט און אומבאקאנט... זי האט איהם ערגעץ יא געזעהן און נישט געזעהן... ער האט זי עפעס געשראקען און בארוהיגט... א געשטארבענער?... זי האט זיך לאנג אפגעשטעלט אויף דעם ווארט. עפעס האט עס ביי איהר פארלוירען די ריכטיגע באַ־דייטונג. זי האט ווי דורך א חלום געפיהלט, אז עס איז א שרעקלאך ווארט. דאס, וואס איהר איז פארשטענדלאך געווען א גאנץ לעבען, האט איצט פארלוירען דעם קלארען זין. זי

האָט נאָר געפיהלט, אז עפּעס קאַלטעס גנב'עט זיך צו איהר אין קערפּער אריין, קיהלט אָפּ איין אבר נאָכ'ן צווייטען, און זיי ווערען שרעקלאך שווער און פרעמד...

זי האָט געוואָלט עפענען די אויגען, נאָר זי האָט עס נישט געקאָנט. איהר האָט זיך געדאכט, אז דער יונגערמאַן געפינט זיך דאָ אין שטוב, און ווי זי האָט נאָר געמאכט אַן אָנשטרענגונג צו עפענען די אויגען, איז ער פארשוואונדען געוואָרען, אַלץ איז ווי אין אַ געדיכטען נעבעל איינגעהילט געוואָרען און דער נעבעל איז עפּעס אזוי ווי פון איהם ארויס און איהר איינגע־שלונגען, און עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, ביז ער האָט זיך צוריק באוויזען, נאָר שוין נישט אונבאוועגלאך, ווי פריהער — ער האָט שוין איצט געלעבט... אין די אויגען האָט אַ פייער געגליהט... אסתר־ביילע האָט זיך מיט איהם דערפרעהט, ווי מיט אַ נאָהענטען באקאנטען, און געפיהלט האָט זי, ווי אַ שטראָם, אַ לעבעדיגער, ווארימער שטראָם איז איהר איבער'ן קערפּער אריבער, פון וועלכען זי האָט זיך עפּעס ווי קרעפטיגער און מונטערער געפיהלט...

אַ שמייכעל האָט געשוועבט איבער איהרע געשטאָרבענע ליפּען... דער טויט האָט זיך עפּעס ווי דערוויטערט פון איהר... זי האָט אפילו געהערט און געוואוסט, אז אין שטוב זיינען דאָ פיל מענשען, נאָר זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבען קיין רעכנונג, וואָס זיי טוען דאָ... זי האָט געדענקט, אז זיי זיינען אַלע געקומען נאָך אַ זעהר וויכטיגע זאַך... אַ זאַך, אַ שווערע און אַ געוואַלדיג דריקענדע... אויף די ליפּען איז איהר געלעגען אַ גרויזאַם שרעקענד וואָרט און זי האָט נישט געוואוסט וואָס...

הארט נעבען איהר בעט איז געשטאַנען דער מאַן איהרער, רבי יעקב לייזער — אַ איד פון אַ יאָהר זעכציג — מיט אַ פינף־זעקס יאָהר עלטער פון איהר, און האָט מיט אַ טרויעריג יראַ־שמים'דיגען אויסדרוק אויפ'ן פּנים געקוקט אויף דער גוסס'ער און, ווי ער וואָלט איהר געוואָלט טאָן אַ נחת־רוח, האָט ער נישט אויפגעהערט צו טראַכטען, אז ער וועט נישט חתונה

האָבען... דער געדאַנק האָט איהם נישט פאַרלאָזען, אָדער ער האָט דעם געדאַנק נישט פאַרלאָזען פון יענער צייט אָן, ווען עס איז קלאָר געוואָרען, אַז אסתר־ביילע וועט שטאַרבען... ער האָט אפילו נישט פאַרגעסען, אַז ער איז נאָך אַ זעהר געזונטער איד, און ווער ווייסט, אפשר טאַקע דערפאַר האָט ער געטראַכט, אַז ער וועט שוין נאָכאַמאָל נישט חתונה האָבען... ער האָט אויך געטראַכט, אַז אסתר־ביילע, דאָס ווייב זיינס, איז געווען זעהר אַ פרומע אידענע, אַ כשר'ע, אַ צנועה... ער האָט עס עפּעס אזוי ווי בכיון געטראַכט; ער איז געווען זיכער, אַז אימיצער הערט זיך דאָ איצט צו צו זיינע געדאַנקען. און געמיינט האָט ער דערמיט עפּעס אַ טובה טאָן דער קראַנקען — כאָטש קיין האָפנונג, זי זאָל געזונד ווערען, האָט ער שוין נישט געהאַט, נאָר געוואָלט האָט ער, זי זאָל כאָטש האָבען אַ גרינגען טויט, און אַז מ'וועט איהר טראָגען אויף דער מטה, זאָלען איהר אנטקעגען קומען שרה, רבקה, רחל ולאה... דאָס שמייכעלע איהרס האָט איהם באַשטעטיגט, אַז זי איז טאַקע געווען אַ גרויסע צנועה... רשעים שטאַרבען אומעטיג, צדיקים שמייכלען... ער האָט געהאַט נאָך אַ הייסען פאַרלאַנג — זי זאָל שטאַרבען מיט'ן פּנים ארויף, נישט צו דער וואנט... דאָס איז נישט קיין גוטער סימן... דאָס איז אַ סימן, אַז מ'קאָן נישט קומען אין דער לויטערקייט פון דער שכינה, וועלכע באַווייזט זיך צו אַלע מענשען פאַר'ן טויט...

אחוץ איהם האָבען נאָך אַ פּאָר פרומע אידען און ווייבער דאָס שמייכעלע באַמערקט און איבער דער טרויעריגער שטוב האָט זיך שטיל דורכגעטראָגען אַ פרעהליכער שטראַהל... עס האָבען אַ בליץ געטאָן אויגען און עס איז נאָך שטילער געוואָרען... מ'האָט באַרוהיגט די קינדער... ערגעץ־וואו זיינען שוין געלעגען ליכט באַהאַלטען, — מ'ווייסט נישט, ווער ס'האָט נאָך זיי געשיקט און ווער ס'האָט זיי געבראַכט... עס זיינען געקומען יענע שרעקלאַכע מינוטען, ווען די לעבעדיגע און די שטאַרבענדע הערצען אויף זיך פאַרשטעהן... זיי זיינען געוואָרען פרעמד און

ווייט איינער פון דעם אַנדערען, און כאָטש זי, אסתר־ביילע, האָט נאָך כמעט אַלע חושים געהאַט, האָבען דאָך אַלע שוין געקוקט אויף איהר, ווי אויף איינע, וואָס האָט זיך שוין אריבער־געטראָגען אויף אַן אַנדער וועלט... אַלע האָבען געוואוסט, אַז זי פיהלט און טראַכט אַזוינס, וואָס קיין לעבעדיגער קאָן נישט טראַכטען און פיהלען... אַלע האָבען זיך געהאַלטען ביי איין געדאַנק נישט אָפּגערעדטערהייד, אַלע האָבען געטראַכט: אַ כשר'ע, פרומע אידענע געווען.

ס'איז אָבער באַשערט געווען, זי זאָל שטאַרבען מיט זינ־דיגע געדאַנקען. אָפּגעלעבט מיט'ן מאַן דרייסיג יאָהר און פאַר'ן טויט האָט זי איהם עפּעס איינגאַנצען פאַרגעסען... זי איז אפילו נישט געווען שולדיג אין דעם... מסתמא האָט זיך דער שטן אין דעם אריינגעמישט. מחשבה כמעשה... און אסתר־ביילען איז באַשערט געווען צו שטאַרבען מיט אַ שלעכטער מחשבה...

אסתר־ביילע'ס געדאַנקען זיינען אַלץ טיפער און טיפער גע־קראָכען פון איין נעבעל ארויס און אין צווייטען אריין... די געדאַנקען האָבען זיך ווי אָפּגעטיילט פון איהר און זיך געלאָזט שוועבען אין אַן אונבאַקאַנטער וועלט... דער יונגערמאַן האָט מיטגעשוועבט... די זעלבע געדאַנקען האָבען דאָך נישט פאַר־געסען, אַז עפּעס איינע אַ אסתר־ביילע האַלט ביים שטאַרבען... דער נאָמען איז פרעמדלאָך געוואָרען... אסתר־ביילע — די צוויי ווערטער, וועלכע האָבען זיך אַ גאַנצע רייהע פון יאָהרען ארום איהר געדרעהט און זיינען געווען אָנגעקלעפּט אָן איהר, שטאַר־בען איצט... אסתר־ביילע שטאַרבט!... דאַכט זיך, אַז ס'איז נישט... אסתר־ביילע איז קיין נאָמען נישט...

עס איז ביי איהר געוואָרען אַ געמיש, אַ געמיש פון פאַר־שיידענע געדאַנקען און באַגריפען... אין קאָפּ איז געוואָרען אַ שרעקלאַכער פּלאָנטער... אויפ'ן לייב האָבען געשפּאַצירט קאַלטע און וואַרימע שטראָמען, ווי מ'וואָלט אויף איהר געגאָסען קאַלטע און וואַרימע שטראָמען וואַסער...

פּלוצלונג — אַ וואַלד!... אַ געדיכטער שוואַרצער וואַלד,

וועלכער שפּאַלט זיך דורך מיט אַ ברייטען זאַמדיגען שליאַך... ביינאַכט... די לבנה שיינט... די שפּיץ בוימער זיינען מיט לבנה־שיין באַגאָסען... ביים שליאַך אַ ווייסע שטוב מיט שוואַרצע אומעטיגע שויבען... ווייטער אַ ביסעל — אַ מיהל... אַ גרויסע שוואַרצע מיהל, זי שטעהט... אין די גרויסע פענסטער־לעכער קוקט פון איין זייט די לבנה אריין, נאָר פינסטער איז דאָרטען... ערגעץ רוישט אַ וואַסער...

אַ מינוט פאַרגליווערונג. און אַלעס ווערט באַקאַנט און קלאָר... דעם פאָטער'ס שטוב, דעם פאָטער'ס מיהל... טאַטע־מאַמע שלאָפען... נאָר וואו זי אַליין איז — געדענקט זי נישט... זי וואָלט אויך דאָרט אין שטוב באַדאַרף זיין, זי ווייסט אָבער, אַז זי איז דאָרט נישטאָ... פאַרקוקט זי זיך אין פענסטער און אין דעם אויגענבליק קומט אימיצער פון שטוב אַנטקעגען... זי דערקענט זיך... ס'איז זי אַליין... אַ יונג פריש מיידעל... אַ שוואַרצער קאָפּ, אַ ווייסער האַלז... ערגעץ איז נאָר עפּעס אַ שרעק געבליבען פון יענער, וואָס האָט פון דרויסען אריינגע־קוקט... ביי דער שטוב איז געוואַלדיג ליכטיג, די לבנה — אַנט־קעגען... הינטען איז דער וואַלד — שוואַרץ און אומעטיג... דאָרט ווייטער ציהט זיך פון דער מיהל אַ גרויסער שוואַרצער שאָטען; עס דוכט זיך איהר, אַז דאָרט איז נאַס און קאַלט...

זי קומט אין וואַלד אריין, וואַרט אויף אימיצען, נאָר גע־דענקט נישט אויף וועמען... אימיצער דאַרף זיך פון דאָרט באַ־ווייזען, און פּלוצלונג בליצט־אויף אַ נאָמען — יוסף!... די ליפּען האָבען זיך אַ ריהר געטאָן, אַ ברעם האָט אַ ציטער גע־געבען... ביי אימיצען אין האַנד האָט זיך אַ ווייס סטעאַרין־ליכט באַוויזען. אימיצער האָט אָנגעריבען אַ שוועבעלע און אָנ־געצונדען. די שטילקייט איז געדיכטער און דונקעלער געוואָרען.

אסתר־ביילע האָט נעבען זיך דאָס פּייערל דערזעהן... זי האָט אויך געפיהלט, ווי נאָהענט נעבען איהר שטעהט אַ שוואַרצע מאַסע, וועלכע מאַכט איהר שווער צו אָטעמען. און געשראָקען האָט עס איהר... אַ שוואַרצע שרעק האָט זי דורכגענומען...

דער נאָמען יוסף האָט ביי איהר אויפגעבליצט, איידער זי האָט איהם, דעם יונגענמאַן, וואָס האָט אַזוי געהייסען, דערזעהן... ערשט אין עטלאַכע מינוט אַרום האָט זיך דער שאָטען זיינער פון וואַלד אויפ'ן ליכטיגען שליאַך באוויזען... זי האָט איהם אָן דעם שאָטען דערקענט... אַליין איז ער צווישען די ביימער געשטאַנען און . . . געוואַרט.

זי האָט זיך איהם געלאָזט אַנטקעגען... דאָס האַרץ קלאַפּט פּאַמעלאַך און שווער... די שאָטענס זייערע גיסען זיך צוזאַמען... זיי לאָזען זיך שפּאַצירען... פּאַראויס זיינען זייערע שאָטענס אַזעלכע לאַנגע און אומעטיגע... ערגעץ פון אַ ווינקעל קוקט עפּעס אומעטיגעס און גרויזאַמעס אַרויס... דאָס האַרץ ווערט שווערער און קעלטער, קלאַפּט אַלץ שוואַכער און שוואַכער, נאָר זי געהט דאָך נאָך אַלץ... זי געדענקט... זי געדענקט, אַז זי האָט איהם ליב... זי האָט אויך אָן חתן נישט פאַרגעסען. זי געדענקט, אַז זי האָט איהם פיינט... דאָס געפיהל פון פיינד־שאַפט איז שוין לאַנג נישטאָ... ערגעץ פאַרגליווערט געבליבען... ליגט ווי אַ קאַלט שטיינדעל, נאָר דאָס געפיהל פון ליבע צאַנקט נאָך... קוים־קוים וואָס עס צאַנקט...

זי האָט אַ געראויש דערהערט, אַ געוויין. נאָר ס'האָט זי נישט געריהרט. און געדוכט האָט זיך איהר, אַז זי הערט אין וואַלד די קולות... זיי קומען צו איהר פון ערגעץ־ווייט, און אין מח באַוועגט זיך קוים אַ פראַגע: וואָס וויינט מען?...

אימיצער נעהמט די האַנד איהרע... זי מיינט, אַז יוסף נעהמט זי... האַלט זי אויף איין אָרט... פיהלט, אַזוי ווי די האַנד וואָלט אין אַ פרעמדער הויט געווען... „באַלד" — זאָגט אימי־צער... — דאָס געוויין שטאַרקט זיך, נאָר זי איז אַזוי גלייכ־גילטיג!... דאָס האַרץ פריהרט... עס לעשט זיך איין געדאַנק נאָכ'ן צווייטען... עס פאַרשווינדט די לבנה, דער וואַלד... עס ווערט טונקעלער און טונקעלער... אין דער פינסטערניש בלאָנ־דזשעט זי מיט אימיצען אַרום... זי זעהט איהם שוין נישט און פיהלט נישט, נאָר געדענקט, אַז אימיצער איז נעבען איהר דאָ...

דער נאָמען איז געבליבען ! זי שפּרינגט פון איין געדאַנק אויף אַ צווייטען, און לעשט זיך ענדלאך מיט'ן לעצטען אוים...

זי איז אויסגעגאַנגען מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען... דער מאַן יעקב־לייזער און נאָך פרומע אידען און ווייבער האָבען אין דעם געזעהן אַ סימן, אַז אסתר־ביילע איז געווען אַ כשר'ע, פרומע אידענע...

# פארהיט פון א גנבה.

די ווינטערדיגע נאכט איז צוגעפאלען, איין פוהר מיט זאכען האט מען שוין אריבערגעפיהרט אויף דער נייער דירה. איך האב געוואלט דעם צווייטען פאקעווען, נאר מיין פרוי האט מיך אויפגעהאלטען:

— נאך וואס? זאל בלייבען אויף מארגען, איך בין שרעקלאך מיעד. וואוהין וועלען מיר זיך שלעפען ביינאכט און נאך אין אזא מין וועטער מיט קליינע קינדער.

איך האב מיטגעשטימט. נאר געבליבען איז ביי אונז, אז איך מוז געהן אין דער נייער דירה נעכטיגען, ווייל עס איז געפעהרליך לאזען דארטען די זאכען אליין, מען זאל אונז נישט בא'גנב'ענען.

ביז עלף אזייגער האב איך און מיין פרוי זיך געפארעט. זי האט ארויסגעשלעפט וואו א טשוועקעל, איבערגעקוקט יעדעס פאפירעל, אפילו די תנאים מיט דער כתובה, איבערגעלייענט די בריף, וואס מיר האבען זיך געשיקט חתן־כלה־וויז און איבערגעווישט אלטע אפגעריבענע פאטאגראפיעס, אונזערע אייגענע, די קינדערס און גלאט קארטעס, וועלכע איך קען נישט און זי קען נישט, נאר גלאט אזוי וואלגערען זיי זיך.

עלף אזייגער בין איך אוועקגעגאנגען שלאפען. אריינקומענדיג אין שטוב, האב איך אנגעצונדען א ליכט, וואס איך האב מיטגענומען פון דער היים, זי אנגעקלעפט אויפ'ן פענסטער, און אליין האב איך מיר בערך א האלבע שעה ארומגעשפאצירט, באקוקט דעם נייעם נאך פייכטען שפאליר, געקוקט אויפ'ן סופיט, אויף דער פריש אפגעפארבטער פאדלאגע און אין איין ווענט געפלאנט, וואו וועט שטעהן די שאפע, דארטען די קאמאד, דא די בעטען, נאכהער האב איך מיר ווי עס איז אויסגעבעטט (איין בעט איז שוין געווען ארי־

בערגעפיהרט מיט אביסעל בעטגעוואַנד) און זיך געלעגט שלאָפען.

א פּאָר מינוט בין איך געלעגען און באטראַכט די שטוב, וואו עס דאַרף זיין אַ זאַל. ליגענדיג איז זי מיר אַ סך גרעסער אויס־געקומען, ווייל דאָס בעט, אין וועלכען איך בין געלעגען, איז ביי דער וואַנט געשטאַנען. איך האָב דערזעהן פּאַר זיך אַ גרויסען פּוסטען זאַל, אַ פּוסטען און קאַלטען, און דאָס האָט אויף מיר אַ שרעקליכען אומעט געוואָרפען. איך האָב באַלד חרטה געקראָ־גען, וואָס איך האָב געפאָלגט מיין פרוי און בין געגאַנגען אהער נעכטיגען.

דאָרטען אין דער היים האָט זיך מיר שטאַרק געגלוסט שלאָ־פען, נאָר דורכגעהענדיג זיך אויף דער פרישער לופט און דאָ אין דער קאַלטער שטוב איז ביי מיר דער גאַנצער שלאָף צוגענומען געוואָרען. דאָ זעה איך, ווי דאָס ליכט האַלט שוין באַלד ביים עק. איך האָב שטאַרק באַדויערט, וואָס איך האָב כאָטש נאָך איין ליכט נישט מיטגענומען. חוץ דעם צימער, אין וועלכען איך האָב זיך געפונען, איז געווען נאָך צוויי צימערען, איינער וויז־אַ־ווי די טיר פּונקט אַנטקעגען מיר. דאָרטען איז געווען פינסטער און איך יוייס נישט, וואָס האָט מיר פּלוצלונג אָנגעהויבען ציהען, איך זאָל קוקען אהינצו. איך האָב מיר באַלד געפלייסט נאָכצוגעבען, ווי מען גיט אמאָל נאָך אַ קליין משוגע'ן קינד. איך האָב געקוקט אויפ'ן צימער און דער צימער האָט אויף מיר געקוקט מיט זיין גאַנצער פינסטערקייט. זיך זאָט אַנקוקענדיג אין דעם צימער, האָט מיר אָנגעהויבען ציהען, איך זאָל קוקען אין צווייטען, נאָר דאָ האָב איך מיר שוין באַדאַרפט אויסדרעהען מיט'ן קאָפּ צופוסענס, אַנ־דערש האָב איך איהם נים געקענט זעהן, און דאָס האָב איך שוין נישט געוואָלט טאָן; ערשטענס, האָב איך מין שוין דערוואָרעמט, האָב איך מיר פּשוט געפוילט ריהרען פון אָרט, און צווייטענס: נאָך וואָס? וואָס האָב איך דאָרט צו זעהן? אָט דעק איך מיר גאָר איבער איבער'ן קאָפּ און איך וואָלט שטאַרק געוואָלט אַנטשלאָ־פען ווערען, איידער דאָס ליכט געהט אויס. כאָטש מיר איז דאָך צוליץ איינס פינסטער אונטער דער קאָלדרע, ליג איך עטליכע

מינוט און מיר הויבט אָן שרעקלאך ציהען אַ קוק געבען, צי דאָס ליכט ברענט נאָך, צי ניין. דאָס הארץ קלאַפּט מיר אזש: איך האָב מורא, איך וועל טרעפען אַ פינסטערע שטוב. ענדליך האָב איך דעם קאָפּ פון אונטער דער קאָלדרע אַרויסגערוקט און איך האָב געטראָפען דאָס ליכט צאַנקען. שווארצע שאָטענס זיינען אויף די ווענט געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ. דערוויילֿ דערמאָן איך זיך, אַז אמאָל, קינדווייז, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דעם מענשענ׳ס נשמה געהט אויך אַזוי אויס. דער מלאך המות גיט אַלע מאָל אַ ריס די נשמה פונ׳ם גוף און די נשמה גיט זיך צוריק אַ ריס. דאָן: ווי אַזוי ער ליגט שוין אַ געשטאָרבענער אויף דער ערד. ליכט ברענען צוקאָפּענס. נאָר נישט דער מת ליגט, אָבער גאָר אַ קולֿ שטרוי. און מיט׳ן גוף וואַרפען זיך רוחות פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער. אָט אַזוי איז ביי מיר אַרויסגעשוואומען איין גע־דאַנק נאָכ׳ן צווייטען, עס האָט זיך געטראַכט פון זיך, און איך קוק אַלץ אויפ׳ן ליכט, ווי דאָס פייערל גיט אַלע מאָל אַ שפּרונג־אויף, ווי עפּעס אַ לעבעדיגס, און גיט זיך אַ זעץ אַראָפּ. די גאַנצע לע־דיגע שטוב גיט זיך מיר מיט אמאָל אַ ווייז און אָט בלייבט זי נישט, גיט זיך ווידער אַ ווייז און ווערט ווידער פאַרשוואונדען.

פּלוצלונג איז מיר איינגעפאַלען אַ קוק צו געבען, צי עס זיי־נען דאָ פאַראַן מזוזות. נאָך וואָס האָב איך אַ קוק געגעבען, ווייס איך נישט; איך וויים וואויל, אַז פון מיינעטוועגען וואָלט די דירה בסדר געמעגט זיין אָהן מזוזות, און פון מיין פרומען ווייבעל האָב איך אין דער מינוט אפילו נישט געקלערט. איך האָב אָבער דער־פיהלט, אַז פאַר מיר וואָלט איצט געווען אנגענעהם, ווען עס זאָלען דאָ זיין מזוזות. איך האָב מיר צושמייכעלט: ווען מיינע ווייסט אַ שטייגער דערפון, וואָלט זי זיך שוין געקענט רייצען מיט מיר. זי האָט מיט מיר כסדר צו טאָן, פאַרוואָס איך גלויב נישט אין אַזעלכע זאַכען און איצט האָב איך אויך נישט געגלייבט, נאָר פאַר־וואָס איז מיר אויפ׳ן געדאַנק מזוזות אַרויף — פאַרשטעה איך נישט. קיין מזוזות זיינען טאַקע נישט געווען, ווייל, ווי איך האָב מיר דערמאָנט, האָט מיר דער בעל־הבית פון דעם הויז דערצעהלט,

אז דאָ האָט געוואוינט אַ קריסט און האָט זעהר הנאה געהאט פון דער דירה. ביי אַ קריסט הענגט אַ איקאָנע — דערמאָן איך מיר. און די איקאָנע, האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט, איז ריכטיג געהאנגען איבער מיר אין ווינקעל, און דאָס לעמפּעל האָט טונקעל באַלויכטען די שטוב. מיר האָט אָנגעהויבען ציהען, איך זאָל אַ קוק געבען איבער זיך אין ווינקעל, כאָטש איך האָב געוואוסט, אז איך וועל דאָרטען גאָרנישט זעהן.

און דאָך האָב איך געמוזט דעם קאָפּ אויפהויבען און אַ קוק געבען.

ענדליך איז דאָס ליכט אויסגעגאנגען. איך האָב געוואַרט אַ פּאָר סעקונדען. איך האָב געוואָלט דאָס פּלעמעל זאָל זיך כאָטש נאָך איין מאָל אויפהויבען; איך האָב דאָס געוואָלט אזוי ווי איינער, וואָס שטעהט נעבען דער גסיסה פון אַ נאָהענטען פריינד און וויל, אז דער פריינד זאָל כאָטש נאָך איין מאָל עפענען די אויגען און אַ קוק געבען אויף איהם. נאָר אומזיסט איז געווען מיין וואַרטען; דאָס פּלעמעל איז ווי ערגעץ אין דער פינסטערניש איינגעשלונגען געוואָרען און מעהר האָט זיך דאָס שוין נישט באוויזען.

איך האָב ווידער אַרונטערגערוקט דעם קאָפּ אונטער דער קאָל־דרע און דאָ, מיין איך, וועל איך אנטשלאָפען; נאָר איך האָב אָבער באַלד דערפיהלט, אז עפּעס אַרבייט זיך דאָרטען ביי מיר אין קאָפּ. ליג איך און הער זיך איין צו זיך אַליין און וואַרט עפּעס פון זיך.

און איך דערמאָן זיך אָן דער טיר און הויב אָן צווייפלען, צי האָב איך זי פאַרמאַכט, צי ניין? און עס בלייבט ביי מיר, אז איך האָב זי טאַקע נישט פאַרמאַכט. קריך איך שוין מיט צרות אַראָפּ מיט די באָרוויסע פיס אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע. אַ בייזער ציטער נעהמט דורך אַלע מיינע גלידער. איך קום צו צו דער טיר, איז זי דוקא פאַרשפּאַרט. פאַרדריסט שוין מיר אויף זיך, נאָך וואָס איך בין אַראָפּגעקראָכען, כאָטש איך האָב גוט געדענקט, אז איך האָב די טיר יאָ פאַרשפּאַרט.

איך האָב מיר אַריינגעלעגט צוריק אין בעט אַריין און איך

האָב שוין, דאַכט זיך, אפילו געכאַפּט אַ דרימעל, ווייל איך האָב מיר געגעבען אַ כאַפּ אויף ווי איינער פון אַ שלעכטען חלום. אונ־טער דער קאָלדרע און מיט פאַרמאַכטע אויגען האָב איך באַמערקט ווי אַ ווייסע שטיק שיין איז פאַר מיר פאַרבייגעגאַנגען, אַ שטיק שיין די גרויס ווי אַ מענש. איך האָב מיר באַלד באַרוהיגט דער־מיט, וואָס די טיר איז פאַרקלאַפּט, אָבער איינציייטיג דערמאָן איך מיר, אַז איך האָב צו די פענסטער נישט געקוקט, אפשר איז אַ פענסטער ערגעץ נישט פאַרמאַכט. דאָ ווערט שוין מיר גאָר נישט פרעהלאַך. געה קריך פון דאָס ניי פון בעט אַראָפּ און געה טאַפּ יעדעס פענסטער, צי איז דאָס פאַרשפּאַרט, צי ניין. גיכער זיינען זיי יאָ פאַרשפּאַרט, איך ווייס געוויס, אַז זיי זיינען פאַרשפּאַרט, נאָר דאָך מוז איך אַראָפּגעהן אַ קוק געבען. איך טאַפּ אָן די שיך, שלעפּ זיי אַרויף און לאָז מיר געהן. געהענדיג פאַלט מיר איין אַ געדאַנק, אַז עמיצער האָט זיך דאָ אונטערגעלעגט אונטער די פיס און אָט וועל איך אָנטרעטען און איך וועל מיך איבערקעהרען... געה איך פּאַמעלאַך טריט ביי טריט, איך ווייס, אַז אין מיטען שטוב איז אָנגעוואָרפען און איך קען מיר אָן עפּעס אָנשלאָגען, און דאָך, ביי יעדערס מאָל, ווען מיינע אַ פוס פאַרטשעפּעט זיך, ווערט אין מיר יעדער אבר פאַרקיהלט.

אויסגעטאַפּט אַלע לאָדען, פאַרמאַכט, פאַרשטעקט, לאָז איך מיך צוריק צו מיין געלעגער, נאָר דאָ שטעלט מיך אָפּ אַ נייער געדאַנק: עמיצער האָט זיך דאָרטען אַרונטערגעכאַפּט אונטער דע־קאָלדרע און ליגט... דאָס בלוט גיט מיר אַ זעץ אין קאָפּ און איך בלייב אַ פּאָר מינוט ווי אַ פּאַראַליזירטער שטעהן. ביי מיר איז נישט אַנדערש געבליבען נאָר אָפּזוכען די שוועבעלאַך און אַ קוק געבען אין בעט אַריין. נאָר איך דערמאָן זיך ווידער אָן מיין פרוי און איך פיהל, ווי דאָס בלוט איז מיר אריין אין פּנים פאַר גרויס חרפּה. איך צושמייכעל זיך און גיב מיר האַסטיג אַ לאָז צום בעט,

— גיב אַ ריס אויף די קאָלדרע און וואַרף זיך אַריין אין בעט.

נו, איצט בין איך שוין, דאַכט זיך, רוהיג; פאַרמאַכט, פאַר־קלאַפּט אַרום און אַרום — איך קען שוין שלאָפען; נאָר אָפּליגענ-

דיג א פּאָר מינוט האָב איך דערזעהן, אז איך האָב מיך אַליין אָפּ־גענאַרט: דאָס איז נישט געווען קיין מורא פאַר גנבים, נאָר א מוראַ... א מורא, וואָס איז טויזענט מאָל ערגער ווי די מורא פאַר גנבים.

איך האָב אָנגעשטרענגט אַלע כחות אנטשלאָפען צו ווערן. איך האָב צונויפגענומען אַלע מיינע אברים אינאיינעם, איך האָב זיך צונאַנדגעקייקעלט, העגד מיט די פיס צונויפגעפלאָכטען, די אויגען איינגעצויגען, און ווי איך בין נאָר אַנדרימעלט געוואָרען גיב איך מיך פּלוצלונג א כאַפּ־אויף און איין ציטערניש: דאָרטען אין צימער, וואָס אַנטקעגען מיר, האָב איך שטילע באָרוויסע טריט דער־הערט, אַזעלכע שטילע, וואָס איך האָב מיר נאָר געוואונדערט, ווי אַזוי איך האָב זיי דערהערט. איך האָב מיר איינגעהערט, איינ־געהערט מיט אַלע אברים, איך הער שוין אָבער גאָרנישט. דאַכט זיך מיר, אז „יענער" הערט זיך איין, צי איך הער... א פראָסט האָט דורכגענומען אַלע מיינע גלידער, איך האָב דערפיהלט, ווי די האָר אויפ'ן קאָפּ ריהרען זיך, שטעלען זיך אויף איינע נאָך דער אַנדע־רער. איך וויל אַרויסשטעקען דעם קאָפּ א קוק געבען, האָב איך מורא. און נישט אַרויסשטעקען דעם קאָפּ איז ווידער שלעכט. מיר האָט א שרעקלאכער פאַרדראָס אָנגענומען, איך האָב די פּויי־כטען איינגעצויגען און מיט איינמאָל געגעבען א וואָרף אָפּ די קאָלדרע פון זיך און האָב זיך שטייף איינגעקוקט געגענאיבער.

פארשטעהט זיך, אז איך האָב גאָרניט געזעהן און זיך צוריק איינגעדעקט מיט דער קאָלדרע און ווידער אָנגעהויבען צו דרימלען און ס'האָט שוין ניט ווייט געהאַלטען דערפון איך זאָל אַנטשלאָ־פען ווערען. דאָ האָב איך פּלוצלונג דערהערט ווי עמיצער פּאָרעט זיך ביי דער טיר, טאַפּט זי, טאַפּט זי דאָרטען...

— ווער איז דאָרטען? — האָב איך אויסגעשריגען ניט ווי מיט מיין קול. ס'האָט אָפּגעקלונגען די פוסטקייט, די ליידיגקייט אין שטוב.

איך הויב ווידער אָן צו דרימלען, איך פיהל ווי מיינע גע־דאַנקען ציהען זיך איבער ווי מיט עפּעס ווייכעס. דאָס איז א סימן

פון אַנטשלאָפען ווערען. נאָר פּלוצלונג שפּרינגט דער דרימעל אָפּ און דאָס הארץ גיט אַ צאַפּעל. איך האָב דערהערט, ווי עמיצער פאַרעט זיך ביי דער טיר, ווי מען וואָלט די קליאַמקע געריהרט, נאָר באַלד כאַפּ איך מיר, אז דאָס האָט זיך מיר געקענט דאכטען. איך באַרוהיג זיך און ווער אַנטשלאָפען.

וויפיל איך בין אָפּגעשלאָפען — ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אז איך האָב דאָרטען אין צווייטען צימער אַ קלאַפּ דערהערט, אַ דייטליכען קלאַפּ. דאָ האָב איך באין אופן נישט געקענט קלערען, אז עס האָט זיך מיר געדאכט, און ווי נישט מיט מיין קול האָב איך אויסגעשריגען: ווער איז דאָרטען !!? אין שטוב האָט די פּוסט־קייט אָפּגעקלונגען.

— — — — — — — — — — —

איך ווייס נישט, וואָס מיט מיך איז געווען, נאָר אז איך האָב די אויגען געעפענט, האָב איך דערזעהן אַ פולע שטוב מיט מענשען און מיין ווייב מיט די קינדער זיינען געשטאַנען און געוויינט אי־בער מיר, אי דאָס — האָב איך זיך אויף דער אַלטער דירה דערזעהן.

אין דער פריה בין איך אינגאַנצען געזונד געוואָרען. דאָס ערשטע בין איך אוועקגעלאָפען אין דער נייער דירה געוואָהר ווע־רען צו די זאכען. איך האָב די טיר אינגאַנצען אָן אָפענע געטראָ־פען און פון די זאכען איז אפילו קיין סימן נישט געבליבען.

— — — — — — — — — — —

עד היום ווייסט מיין פרוי נישט, וואָס מיט מיר איז געווען, און ווען זי פרעגט מיר, ווער איך פאַרשעמט און ענטפער איהר נישט...

# אין א פריה־מאָרגען.

ווען דער אַלטער מאיר וואָלף איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג צו דער ארבייט, האָט ער דערזעהן די פענסטער פון זיין קעלער־וואוינונג כמעט א העלפט פארשאָטען מיט שניי, און געמאַכט האָט עס אויף איהם אזא שוידערליכען איינדרוק, גלייך נישט קיין שניי וואָלט אין שטוב אריינגעקוקט, נאָר עפּעס א פּאָר אומ־באַקאַנטע מתים זיינען פון ערגעץ, פון אן אונבאוואוסטער ווייטער וועלט געקומען און זיך אַוועקגעזעצט מיט די ווייסע רוקענס אין די פענסטער...

און כאָטש אין שטוב איז נישט געווען קעלטער ווי נעכטען, איידער דער שניי איז אויסגעפאַלען, האָט זיך איהם דאָך גע־דאַכט, אז דער שניי אָטעמט אריין אין די פענסטער א קאַלטען אָטעם.

אין שטוב איז פינסטער געווען, און שווער איז געווען צו אָריענטירען זיך, צי מאַכט דער שניי פינסטערער, צי ליכ־טיגער: עפּעס אי דאָס, אי יענעס, אָדערביידע נישט... די פינסטערניש אין שטוב און די ווייסקייט אין דרויסען האָבען צווישען זיך ווי א שטילען אָפּמאַך געשלאָסען: נישט שטערען איינס דאָס אַנדערע... דער שניי איז ווי א טעמפּע אויסגעלאָ־שענע ליכטיגקייט איבער'ן הויף געלעגען צושפּרייט, עפּעס ווי א ווייסער אָפּזעץ פון דער שווארצער נאַכט, אָדער א געשטאָר־בענער טאָג...

דער אַלטער איז אריינגעגאַנגען אין קיך, האָט אן אומעטי־גען קוק געוואָרפען אויף דער גרויסער מאַשין, וועלכע איז דאָרט נעבען דער פענסטער־וואַנט געשטאַנען, האָט אויף דער וואַרעמער שווארצער פּליטע אָנגעטאַפּט די שוועבעלאַך און אָנגעצונדען דאָס

בלעכענע לעמפּעל מיט'ן פאררויכערטען גלעזעל, נאָכהער זיך אָפּגעגאָסען געגעל־וואסער און אויף אן אומעטיג שטיל קול אָנגעהויבען דאַווענען פון פּאָרענט.

ווען דער אַלטער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי דער מאשין, האָט ער גלייך באַמערקט, ווי אין די הינטערשטע צוויי שויבען, וועלכע זיינען געווען מיט שניי פארשטעלט פון אנטקעגענדיגען פענסטער, באַווייזט זיך עפּעס אַן אונדייטליכע פיגור, וועלכע איז גאָר נישט ענליך אויף איהם, און נישט ענליך איז זי געווען דערפאר, וואס דאָרטען, אין ווייסען שפּיגעל, איז די ווייסע באָרד זיינע כמעט ווי נישט געווען צו באמערקען... דייטליך האָט זיך נאָר אָנגעזעהען דאָס שווארצע לייבעל און דאָס שווארצע היטעל אויפ'ן קאָפּ; דאָס פּנים אליין איז עפּעס געווען שיטער, עפּעס איז דאָס ענליך געווען אויף אַ שטיק נעבעל, און אויף דער נעבעלדיגער קוים באמערקענדיגער נאָז האָבען געגלאנצט אַ פּאָר ברילען...

דער אלטער האָט געליטען אויף אַ מאָדנער קרענק: ער האָט מורא געהאַט פאר אַ שפּיגעל. אויף דער קרענק האָט ער אָנגעהויבען צו ליידען פון פּאָגראָם אָן, ווען ער איז פּלוצלונג, פון גרויסע צרות, וואס מ'האָט גע'הרג'עט פאר איינמאָל דאָס ווייב זיינס, אַ זוהן און דעם אלטען טאַטען זיינעם, — גרוי געווארען, און דערזעהענדיג זיך אין שפּיגעל, האָט זיך ביי איהם עפּעס אזוי ווי אַ ריהר געטאָן דער מוח, און ער האָט אָנגעהויבען צו שרייען, אז דאָס איז נישט ער... ער איז אינגאנצען ענליך געווארען מיט דער ווייסער באָרד אויפ'ן גע'הרג'עטען טאַטען. און עפּעס דרעהט זיך ביי איהם אין קאָפּ ביז היינטיגען טאָג אַ פלאָנטערניש, אז דער פּאָטער איז נישט גע'הרג'עט געווארען, נאָר האָט זיך אריינגעכאַפּט אין איהם... האָט זיך באהאַלטען אָדער איז מגולגל געווארען... ווייסט ער נישט, צי איז ער דער טאַטע, אָדער דעם טאַטענס זוהן... גיכער דער טאַטע, אָדער גאָר ביידע צוזאמען, — און גע'הרג'עט האָט מען וועמען?...

דער אַלטער איז אומרוהיג געזעסען ביי דער ארבייט, פּיה־

לענדיג ווי אנטקעגען באוועגט זיך עפּעס אַן אונבאַקאַנטע האַלבע פיגור, וועלכע מאכט נאָך אַלע באוועגונגען זיינע... איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דער „נאָכמאַכער" איז צוזאַמען מיט'ן שניי ערגעץ פון אַ ווייטער ווייסער וועלט געקומען, פון אַ ווייס־טויטער וועלט, און קוקט אַריין צו איהם, צום „ווייסען", און רופט איהם ערגעץ...

דער אַלטער האָט זיך אפילו געוואונדערט, פאַרוואָס ער זעהט זיך דאָרטען אָהן אַ באָרד: ער האָט דאָך פאַרשטאַנען, אַז דאָרטען שפּיגעלט זיך אָפּ זיין פיגור. פאַרוואָס־זשע אָהן אַ באָרד? פאַרוואָס? — און געדאַכט האָט זיך דעם אַלטען, אַז צו איהם איז די יוגענד צו חלום געקומען, איז צוזאַמען מיט'ן שניי, עפּעס ווי אין אַ זויבער־ווייסער עלטער איינגעהילט, פון די הויכע הימלען אַראָפּגעפאַלען... ער האָט פון צייט צו צייט אַהין אַ קוק געוואָרפען, נאָר דאָ האָט ער עפּעס נישט געפיהלט די מורא, ווי אַמאָל, ווען ער דערזעהט זיך אין שפּיגעל... דאָ האָט ער דאָך זיין יוגענד געזעהען. פון איין קוק צום אַנדערען איז די מורא אַלץ שוואַכער און שוואַכער געוואָרען, און ער האָט זיך אויפגעלעצט אָנגעהויבען איינקוקען אין דער נעבעלדיגער פיגור, און איז ערשטוינט געבליבען: ס'איז דאָך גאָר זיין זוהן, זיין גע'הרג'עטער זוהן. נאָר אַ וואונדער: אין טאַטענס לייבעל געהט ער... יאָ. דאָס איז דער זוהן זיינער. פּונקט ווי ער אַליין, ווי דער טאַטע איז אַמאָל אין דער יוגענד געווען; און ער אַליין — ער זעהט אויס, ווי דער זיידע, און אַלע דריי צוזאַמען זיינען עפּעס ווי איינער, גוואַלדיג ענליך איינס אויף דאָס צווייטע, און אַלע דריי לעבען עפּעס ווי אין איהם איינעם, אָדער ער אַליין אין זיי ביידען... ער האָט אויך איצט געוואוסט, אַז דער זוהן שטעהט דאָ נישט אַנטקעגען, נאָר אַ חידוש איז דאָך, וואָס דאָ זיצט דער טאַטע, און דאָרטען שפּיגעלט זיך אָפּ דער זוהן...

אויף דעם אַלטען איז אַן אומעט אָנגעפאַלען. ער האָט לענגער נישט געקענט בלייבען זיצען ביי דער אַרבייט. דערצו

איז נאָך אַזוי קאַלט דאָ אין קיך. ביי דער שוועל פון דער טיר, וואס עפענט זיך אין דרויסען אַרויס, ליגט א ווייסער פּאַס שניי, וואס וואַרפט אָן עפּעס א מין טרויער דאָ אין דער שוואַרצער קויטיגער קיך, און גערשטרעכט האָט זיך, אַז דאָס פּאַסיקעל שניי ברענגט אָן די גאַנצע קעלט אין שטוב.

אויפהויבענדיג זיך פון בענקעל, האָט ער באַמערקט, ווי דאָר־טען, אין אָפּשפּיגעל, איז דער קאָפּ, וועגען וועלכען ער האָט זיך נישט געקענט אָפּשטעלען קיין פעסטע מיינונג, צי איז ער זיינער, דעם זוהנ'ס, אדער דעם פאָטער'ס, — פארשוואונדען געוואָרען. געבליבען איז נאָר דאָס שוואַרצע לייבעל, אָנהויבענ־דיג פון די אקסעל ביז צום הינטערשטען טייל קערפּער... דער קאָפּ איז פארשוואונדען געוואָרען, האָט זיך מיט אַ וואונדערלי־כער לייכטקייט פון קערפּער אָפּגעטיילט, און ווער וויס, פארוואָס דעם אַלטען איז פּלוצלונג איינגעפאַלען, אַז דאָס האָט מען איהם אָנגעוויזען, אַז ער דאַרף שטאַרבען... און וואונדערליך: ער האָט זיך דוקא פאר דעם געדאנק נישט דערשראָקען. ער האָט עס געפונען פאר גאַנץ נאַטירליך, און דאָס, וואָס איהם איז פריהער איינגעפאַלען זיך צוריק צו לייגען אין בעט אריין, האָט זיך איהם איצט גערשטרעכט, האָט אַ צוזאמענהאַנג מיט'ן איצטיגען אָנווייז, ווייל ס'האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפען, ער זאָל אויפשטעהן און זיך ווילען צוריק לייגען...

ער איז געשטאַנען עטלאכע מינוט אונבאוועגליך, פּאַמע־לאכקע איז ער אריין אין פינסטערען צימער, פון וואנען ער איז צוריק מיט אַ האַלבער שעה געקומען, איז שטיל צוגעקראָכען צו זיין בעט, אַראָפּגעוואָרפען די שטיוועל מיט'ן גראָבען לייבעל און זיך אריינגעוואָרפען אין בעט אריין...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

גאַנץ פריה, ווען גיטעל, דעם אַלטענס טאָכטער, האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהען דעם ווייסען שניי ביי די פענסטער, האָט עפּעס אַן אונבאוואוסטע פרייד דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזען איהרס. זי האָט גאָר פארגעסען אָן דער גאנצער אָרימ־

קייט, און גאָר איננאַנצען פארגעסען, אַז זי האָט נאָך נישט קיין ווארעם מלבוש אויף ווינטער... אַ צאַרט שמייכעלע האָט זיך אויף איהרע בלאַסע ליפּען צולייגט, ווען זי איז צוגעשפּרונגען אַ נאַקעטע צום פענסטער... אוי, ווי שעהן אין הויף איז! און די דעכער — איין שטיק ווייסקייט. אַ יום־טוב אין דרויסען, און אָט שטעהען שוין אָנטקעגען אַ פּאָר אינגלאַך און מאַכען אַ מענש פון שניי, און זי איז אזוי מקנא: וואָלט זי נישט געווען קיין גרויסע מויד, אָדער וואָלט זי נישט געווען דעם אָרימען שניידער'ס אַ טאָכטער, וואָלט זי ארויסגעלאָפען זיי העלפען.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז דער קוואַרטיראַנט, וואָס האָט זיך ערשט נעכטען צו זיי אריינגעצויגען, האָט זיך געבעטען אויפוועקען, ווייל ער קען, אזוי ווי ער שלאָפט אויף אַ ניי געלעגער, פארשפּעטיגען צו דער ארבייט. זי האָט מיט אַ פרעהלאך אונרוהיג הארץ אָנגעקלאַפּט אין טיר, אויף וואָס ס'האָט זיך אין אַ ווייל ארום דערהערט אַ שטילער אויסרוף: „אַ — אַ", און גיטעלע האָט געשווינד ארויפגעוואָרפען אויף זיך אַן אונטערשט קליידעל מיט אַ בלוזקעלע, האָט דערביי פארוואונדערט געקוקט אויפ'ן פאָטער, וועלכער איז נאָך אזוי שפּעט געשלאָפען, און איז אריינגעלאָפען אין קיך אריין, דאָרטען אביסעל צורוימען, איידער דער יונגערמאַן, וועלכען זי האָט נאָך רעכט נישט געקענט, וועט אריינקומען זיך וואַשען.

דאָס ערשטע האָט זי גענומען אויסווישען די שווארצע פארב פון דער פּאָדלאָגע. וואָס איז אָנגערונען פון די אויסגעפארבטע מלבושים, וועלכע זיינען דאָ אין קיך אויף שטריקלאַך געהאָנגען, און ווען די ארבייט האָט שוין געהאַלטען ביי ענדע, איז דער יונגערמאַנטשיק אריינגעקומען, — אַ יונג, פריש בחור'ל פון עטלאַכע און צוואַנציג יאָהר. ביידע האָבען זיך אָהן אַ שום סבה צושמייכעלט, און דער יונגערמאַנטשיק האָט אַ פרעג געגעבען:

— זענט איהר שוין געווען אין דרויסען?

זי האָט באַלד פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט, און לעבעדיג געענטפערט:

— אַ גוואַלד, וואָס פאַר אַ שניי!

ביידע זיינען אַ פּאָר מינוט געשטאַנען, ער — פאַרלייגט ביידע הענד אויף דער ברוסט; זי — מיט אַ שוואַרצער שמאַטע אין האַנד, און געקוקט, מיט צופרידענע שמייכלאַך אויף די פּנים'ער, אין דרויסען אַרויס. אויף לעצט האָט ער געזאָגט:

— מ'מוז שוין אודאי פאָהרען אויף שליטלאַך! — און זי האָט פון זיך צוגעגעבען:

— געוויס!...

— אַ שאָד, וואָס היינט איז נישט שבת! — האָט דער יונגערמאַנטשיק באַדויערט, און גיטעל האָט דאָס אויך גלייך פאַרשטאַנען, און באַמערקט:

— אין אַזאַ שניי איז גוט צו שפּאַצירען.

דער יונגערמאַנטשיק האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט און אַריינגעוואָרפען אַ פּאָר ווערטער:

— אויב ס'איז נאָר דאָ מיט וועמען...

גיטעל האָט אין די ווערטער און אויך אין דעם שמייכלענדיגען קוק, וואָס ער האָט אויף איהר געוואָרפען, פאַרשטאַנען, אַז מיט'ן „מיט וועמען" מיינט ער ז י, און זי האָט מיט אַ באַהאַלטענער צופרידענהייט אָפּגעווענדט די אויגען אָן אַ זייט.

באַלד נאָך זיין אַוועקגעהן, איז זי אַריינגעגאַנגען אין זיין צימער און גענומען פאַרבעטען דאָס בעט, און געטאָן האָט זי די אַרבייט מיט גרויס חשק... עפּעס איז איהר אַנגענעהם געווען זיך צו פּאָרען מיט דעם געלעגער, פון וועלכען ס'האָט זיך געשפּירט אַ פרישער מאַנסבילשער ריח, און אָפּטועענדיג די אַרבייט, איז זי געשטאַנען אַ ווײַלע און באַטראַכט דאָס צימער, ווי זי וואָלט עס דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען געזעהען, און האָט באַקומען אַ גוואַלדיגען חשק דאָס שעהן אויפּצופּוצען... נישט פאַר איהם, נאָר... זי האָט זיך אין דעם קיין רעכענונג

נישט געקאָנט אָפּגעבען... עפּעס האָט זיך איהר געגלוסט פאַר־מיידעלשען דאָס צימער, אָנהויבען דאָ איהר אָטעם, צוזאמענמי־שען איהם מיט'ן מאַנסבילשען ריח, וואָס האָט זיך דאָ געפיהלט... איהר האָט זיך געגלוסט דאָ אויף די ווענט און אין דער לופט עפּעס אוועקגעבען אַ טייל פון זיך, אַ טייל פון איהר מיידעלשען גייסט...

ווען דאָס צימער איז געוואָרען ריין צוגערוימט, איז זי אַן אומרוהיגע צוגעגאנגען צום פאטער און איהם אויפגעוועקט. און ווען דער אַלטער האָט צועפענט די אויגען, האָט זי מיט אַ צערטליך קול געזאָגט:

— טאַטע, שטעה אויף, ס'איז שוין אזוי שפּעט!

נאָר דער אַלטער, אַ קוק־געבענדיג אויפ'ן צויבער־ווייסען שניי, האָט גאָרנישט געקלערט אויפצושטעהן, און פּונקט ווי דער שניי איז דארטען אין דרויסען געלעגען צושפּרייט, אזוי האָט זיך ביי איהם צושפּרייט אין הארצען עפּעס אַ מין ווייסער שרעקלאָ־בער אומעט, גלייך ווי אַ וועלט מיט מתים וואָלטען זיך צוזאַ־מענגעזאָמען און באדעקט די ערד מיט ווייסע תכריכים...

— איך האָב עפּעס קיין כח נישט... — האָט ער אין אַ פּאָר מינוט אַרום געענטפערט.

— טאַטע, גיב נאָר אַ קוק אין דרויסען! — האָט די טאָכ־טער געמיינט אויפצומינטערען דעם אַלטען.

— וואָס אין דרויסען?... — האָט ער מיט אַ צומישטען קוק געפרעגט.

— זעה נאָר ס'ווייסקייט!

ער האָט אוועקגעשטעלט אויף איהר צוויי טעמפּע אויגען, נאָר גיטעל האָט זיי נישט באַמערקט. זי האָט געקוקט אין דרוי־סען, און געדאכט האָט זיך איהר, אז די גאנצע וועלט האָט זיך אין אַ ווייסען שלייער איינגעהילט, פּונקט ווי אַ כלה צו דער חופּה, און דאָס הארץ איז עפּעס אזוי פרעהליך געווען, אזוי פרעה־ליך, אז ס'איז איהר, דאכט זיך, נאָך קיינמאָל אזוי גוט נישט געווען... עפּעס אַן אונדייטליכע האָפנונג האָט אָנגעפילט די

נשמה איהרע... עפּעס האָט עס איהר געצויגען, געשלעפּט אין אַן אונבאַוואוסטער ווייסער ווייטקייט... פרעהליכע, נעבעלדיגע געדאַנקען האָבען זיך, ווי הינדעלאַך, אויסגעוואָרעמטע אונטער דער הוהן, געריועט און געשטופּט... דאָס האַרץ האָט שטאַרקער געקלאַפּט, ווי געוועהנליך, און דאָס בלוט האָט זיך מיט אַ לייכ־טער זיסער וואַרימקייט געשפּאַצירט, האָט זיך פון צייט צו צייט אין פּנים באַוויזען, באַפאַרבענדיג איהרע בלייכע בעקלאַך...

— טאַטע! — האָט זי געזאָגט אין אַ פּאָר מינוט אַרום — זעה נאָר דעם מענשען, וואָס מ'האָט געמאַכט פון שניי.

דער אַלטער האָט זיך אויסגעדרעהט צו דער וואַנט און האָט אַ מאַך געגעבען מיט דער האַנד, זי זאָל איהם לאָזען צורוה, און גיטעל האָט געכאַפּט אויף זיך אַ שאַל, איז אַרויס אין דרויסען, האָט זיך אָרומגעוואַשען דאָס פּנים מיט דעם פרייש אויסגעפאַלענעם שניי, און דערביי געטראַכט פון'ם שכן, וועלכער האָט זיך נעכטען צו זיי אריינגעצויגען...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

# איבערגעשראָקען.

ווען בנימין איז נאָך אַ קליין אינגעלע פון אַ יאָהר 9 — 10 געווען, האָט זיך איהם אָנגעהויבען דרעהען אַ געדאַנק, אַז ער איז אַן אומגליקלאָך אינגעלע, אַז ער איז געבאָרען געוואָרען אין אַ שלעכטער שעה מיט אַ פינסטער מזל — און ער איז כסדר געווען פאַרזאָרגט. זעלטען ווען עס האָט זיך אַ שמייכעל געוויזען אויף זיינע ליפּען, דאָס פּנים האָט ביי איהם אויסגעזעהן ערנסט און עלטער מיט אַ יאָהר צוויי, ווי ער איז אַלט געווען.

אויפ'ן צוועלפטען יאָהר האָט איהם דער פאָטער אריינגעגעבען צו אַ שניידער, איז ער געווען דאָרטען אַ פּאָר טעג און מ'האָט איהם משלח געווען אָהן אַ שום סבה; פּשוט: ער איז נישט געפעלען געוואָרען דעם בעל־הבית מיט דער בעל־הבית'טע — האָט איהם דער פאָטער אָפּגעגעבען צו אַ סטאָליאַר, און פון דאָרטען האָט מען איהם אויך אָפּגעשיקט אַ היים, געפינענדיג, אַז ער איז צו שוואַך פאַר דער אַרבייט. פונ'ם סטאָליאַר איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ שוסטער און האָט דאָרטען אויך לאַנג נישט אָנגעהאַלטען. געוועהנליך איז ער פון איין בעל־מלאכה צום אַנדערען נישט באַלד אריבער, נאָר איז אָפּגעזעסען אַ פּאָר וואָכען אין דערהיים און דער טאַטע מיט דער שטיף־מאַמען האָבען איהם געשלאָגען, פאַרוואָס ער האַלט זיך אין ערגעץ נישט איין. בנימין האָט די קלעפּ מקבל באהבה געווען: ער האָט געוואוסט, אַז איהם קומט צו שלאָגען, אַז מ'דאַרף איהם שלאָגען — ער איז אין אַ פינסטער מזל געבוירען געוואָרען, ער האָט זיך אַליין אויך פיינד געהאַט, שרעקליך זיך אַליין נישט געקענט אָנקוקען, און נישט איין מאָל, ווען ער האָט געכאַפּט אַ קוק אין דער „מוהמע'ס" קליין שפּיגעלע, האָט ער זיך געגעבען אַ ריס ביי אַ באַק און זיך געגעבען אַ קללה...

ענדליך האָט איהם צוגענומען א ראזירער, טאקע דעם פּאַ־טער'ס אן אייגענער. די ארבייט איז בנימינ'ען שטארק געפעלען געוואָרען און ער האָט זי זעהר גיך אויסגעלערענט.

נאָר געבליבען איז ער דער אייגענער — אן אומעטיגער, א שווייגעדיגער און אן אָפּגעלאָזענער. דער בעל־הבית האָט איהם מיט געוואלד אוועקגעזעצט אויף א שטוהל אנטקעגען שפּיגעל און איהם אָפּגעשווירען. בנימין האָט די גאנצע צייט געהאַלטען פאר־מאכט די אויגען, נישט געוואָלט קוקען אויף זיך אין שפּיגעל; פון די אָנגעפּאַלענע האָר אויפ'ן פּנים האָט ער נאָך מאוס'ער, עקעלהאפטער אויסגעזעהן, ווי ער איז געווען. איהם האָט זיך נע־בעלדיג געדאכט, אז דאָס מאוס'ע פּנים איז עפּעס דאָס זעלבע, וואָס זיין מאוס פינסטער מזל... די, וואָס ווערען געבוירען אין שלעכטע מזלות, האָבען אזעלכע מאוס'ע פּנימ'ער.

ווען ער איז אריין אין די 16—17 יאָהר, האָט זיך איהם דער געדאנק, אז ער איז געבוירען אין א פינסטער מזל, בולט'ער ארויס־גערוקט, און כאָטש עס איז נאָך דעמאָלט אויך נישט געווען אינ־גאנצען דייטליך, נאָר איינגעוויקעלט, ווי אין א געדיכטען נעבעל, האָט ער דאָך דערפיהלט, אז ער דארף זיין פאָרזיכטיג, אז ער דארף זיך פאר עפּעס היטען נישט אריינצופאלען דעם פינסטערען מזל אין די הענד אריין. און וואָס ער האָט גענומען טאָן און וואוהין ער האָט זיך נישט געלאָזט געהן, האָט זיך ביי איהם מורא'דיג א טראכט געטאָן: צי פיהרט עס איהם נישט ערגעץ אהין, צו דעם פינסטערען מזל? . . .

און ביי בנימינ'ען איז געוואקסען וואָס ווייטער א מורא פאר עפּעס אונבאוואוסטעס, געהיימעס, שרעקליכעס. עס איז אוועק־געגאנגען א שטיקעל צייט, איז ער געוואָרען נאָך אָנגעשטרענג־טער, די אויערען האָבען זיך אָנגעהויבען צוהערען און די אויגען צוקוקען . . .

ווען ער האָט זיך אמאָל געפּרוּווט פּארטיפען, זיך קלאָר מאכען, אין וואָס באשטעהט זיין „פינסטער מזל" און וואָס קען דערפון זיין, זיינען אלע געדאנקען ביי איהם שטעהן געבליבען.

דער געדאַנק פון דעם פינסטערן מזל איז אָפּגעטראָטען, און בנימין האָט אָנגעהויבען צווייפלען, צי האָט זיך גאָר געפונען ביי איהם אמאָל אזא געדאַנק...

בנימין איז געוואָרען פאַרזיכטיג, ווי איינער, וואָס ווייס, אז מ'לאָקערט נאָך איהם, מ'זוכט איהם אומצוברענגען. בנימינ'ען איז נאָך ערגער געווען: ער האָט נישט געוואוסט, פאַרוואָס, פאַר וועמען זיך צו היטען. דאָס איז געווען איין שווארצע, געדיכטע שטיק מורא, א מורא אָהן בילדער. דאָס איז נישט געווען קיין שרעק פון טויט, נאָר עפּעס נאָך גרעסערס, גרויזאַמער פונ'ם טויט.

יעדען אויפדערנאַכט, ווען אין ראַזיר־הויז איז אויסגעלאָשען געוואָרען די גאַז־באַלייכטונג, האָט זיך בנימין אריינגענומען פון קיך דאָס קליינע לעמפּעלע, האָט עס אַוועקגעשטעלט אויפ'ן וויי־סען, מאַרמאָרנעם קאַבעלע אונטערן שפּיגעל און האָט זיך גענומען צוגלעטען די גאָל־מעסערס. אין ראַזוריע איז שטיל געווען. ווי געשטאָרבענע זיינען געלעגען די שערלאַך אויף דער עטאַזשערקע און מ'האָט פון זיי קיין פּיפּס נישט געהערט. אויף א וואַנט איז געהאַנגען א גרויסער הילצערנער זייגער, און דער שטילער אומ־רוה האָט זיך קוים, קוים געריהרט, ארויסלאָזענדיג פון זיך אַלע רגע א שטילען און א ווייכען: קלין־קלאַן, קלין־קלאַן.

בנימין האָט געגלעט די גאָלמעסער אויף א לאַנג, שמאָל שטיינדעלע. אַנטקעגען, אין שפּיגעל, איז געשטאַנען נאָך א בנימין און האָט אויך געגלעט; נאָר איין חלוק: פון דעם אמת'ען בנימינ'ען האָט זיך געהערט דאָס גלעטען און דער בנימין פון שפּי־געל האָט עס שטיל געטאָן. און פון דער זעהענדיגער, נאָר נישט הערענדיגער באַוועגונג, פון טונקעל'ן שפּיגעל־גלאַנץ און פון דעם גאַנצען זאַל, וואָס האָט זיך דאָרטען אָפּגעשפּיגעלט, האָט געזעצט א שטילע טרויעריגע אומעטיגקייט...

בנימין האָט שטאַרק ליב געהאַט די אַרבייט. ער האָט גע־פיהלט עפּעס א מין תאוה צו א שאַרף מעסער. ווען איהם האָט זיך איינגעגעבען גוט אויסצושאַרפען א גאָלמעסער איז ער העכסט

גליקלאַך געווען, נישט דערפאַר, וואָס עס וועט גוט גאָלען, נאָר פשוט דערפאַר ,ווייל ער האָט ליב געהאַט, אַז עס זאָל זיין שאַרף. נישט אַנגעגעהם איז איהם נאָר געווען, וואָס אין שפּיגעל שטעהט פּונקט נאָך אַזעלכער, אַזוי ווי ער, און טוט איהם נאָך יעדעס ברעקעלע. אַ וואונדער איז עס: ביי טאָג באַמערקט ער זיך כמעט נישט אין שפּיגעל און ביי נאַכט איז ער דאָ. דאָס איז ער, בנימין. נאָר טאַקע פון דעם בנימינ'ען אַליין ווערט איהם אַזוי טרויעריג אויפ'ן הארצען און ער קען זיך נישט אָפּהאַלטען, ער זאָל נישט קיין קוק געבען אין שפּיגעל; גיט יענער אויף איהם אויך אַ קוק און אַ מאָל פאַלט איהם אריין אַ צווייפעל: ווער איז דער אמת'ער בנימין: ער, צי דער, וואָס שטעהט אין שפּיגעל? ווער האָט פריהער אַ קוק געגעבען אויף וועמען: יענער אויף איהם, צי ער אויף יענעם?...

בנימין האָט זיך אַלע מאָל דערמאָהנט, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט, אַז איינע אַ פאַרזעסענע מויד פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג ,האָט געוואָלט וויסען, צי האָט זי ערגעץ אַ זווג, צי ניין, האָט מען איהר געהייסען זיך אָוועקזעצען נאָך צוועלף אַ זייגער ביינאַכט אַנטקעגען אַ שפּיגעל מיט צוויי ליכט ביי די זייטען און אין מיט'ן אַ גלאָז וואַסער. ווען זי איז אָפּגעזעסען אַ שעה צייט, האָבען אָנגעהויבען פליהען און דורכטאַנצען פאַרשידענע רוחות, שדים מיט שוואַרציאָהרען, און ענדליך איז געבליבען שטעהן איינער אין ווייסען... אַ מת... איהר זווג איז געשטאָרבען...

בנימין האָט גע'שמ'ט פאַר אַ ספּעציאַליסט צו גלעטען גאָלמעסערס. זעהר אָפט פלעגט מען ברענגען צו איהם פון אַנדערע ראַזוריעס גאָלמעסערס אויף אויסצוגלעטען. און אַ חוץ דעם האָט ער נאָך געהאַט אַ גרינגע האַנד צו ראַזירען. דער קליענט האָט אפילו נישט געפיהלט, אַז מ'גאָלט איהם. מ'האָט זיך פאַר בנימינ'ען געשלאָגען, אַלע האָבען זיך געוואָלט גאָלען נישט ביים בעל-הבית, נישט ביים ארבייטער, נאָר ביי איהם. און מערקווירדיג: בנימין האָט עס אַלץ אָנגענומען פאַר אַ שלעכטען סימן. אין אַלץ, סיי אין גוטס, סיי אין שלעכטס, האָט ער געשפּירט, ווי טיף, פאַר

איהם אַליין נישט צו באַמערקען, לאָקערט נאָך איהם דער פינסטע־רער מזל... ער האָט געוואוסט, נישט געצווייפעלט, אַז ער איז אַ אומגליקליכער מענש, און נישט איין מאָל איז עס איהם אַזוי דער־גאַנגען צום האַרצען, אַז איהם האָט זיך געגלוסט וויינען, אויס־רעדען זיך פאַר אימיצען דאָס האַרץ. כאָטש וואָס האָט ער געקענט רעדען! ווי אַזוי וואָלט ער יענעם אַרויסגעגעבען, וואָס איהם פרעסט דאָרטען און דריקט אַזוי פיל יאָהרען... ער האָט געפיהלט אַרום דער צונג אַ פוסטקייט און אַראָפּ־צו, צום האַרצען, איז דאָ אַזוי פיל, — אַזאַ מין געדיכטע, שווערע, שוואַרצע שטיק...

ביינאַכט האָבען זיך איהם מאָדנע חלומות גע'חלום'ט און ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער זיי פאַרגעסען. ער האָט זיי נישט געקענט געדענקען, ווייל דאָס זיינען נישט געווען קיין געוועהנליכע חלומות, נאָר עפּעס אַזעלכע שרעקליכע, מאוס'ע שוואַרצע, געפּלאָנטערטע... נאָר איין חלום געדענקט ער פאַר דער גאַנצער צייט, ער געהט איהם אויף קיין מינוט פון קאָפּ נישט אַרויס! ערגעץ אין אַ שרעקלאַך פינסטער אָרט האָט ער אַ וואונ־דערלאַך גרויסען שפּין געזעהן, אַ שווערען, גרויסען שפּין, מיט לאַנגע, לאַנגע לאַפּעס און אַרום דעם שפּין איז געווען אויסגע־וועבט, ווי אַ לייווענט, אַ געדיכטע שפּינוועבס... ווייטער געדענקט ער גאָרנישט, נאָר דאָס איז ביי איהם ווי פאַר'חתמ'עט געוואָרען אין קאָפּ...

און געפינענדיג זיך שטענדיג אין אַ שלעכטען הומאָר, האָט איהם אָנגעהויבען צו פאַרדריסען אויף די קליענטען, פאַרוואָס זיי ווילען זיך נאָר ביי איהם גאָלען. ס'האָט איהם פאַרדראָסען, ווען דער קליענט איז געזעסען צושפּרייט אויפ'ן ווייסען פאָטעל, מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ, מיט האַלב־דרעמעלדיגע אויגען און מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז, איהם האָט געקרענקט די רוהיגקייט... ער האָט ביי זיך אַזוי געטראַכט: ס'קען דאָך מעגליך זיין, אַז אַ מענשען... נו, אפילו איהם אַליין זאָל איינפאַלען, שקראַבענדיג דעם האַלז... צו געבען איין פיהר... ס'קען דאָך אַמאָל אָנכאַפּען אימיצען אַזאַ חשק, אַזאַ תאוה... — האָט זיך ביי איהם אַ געדאַנק

צוהיצט — וואָס ליגט ער זיך אַזוי, דער פּאַרשוין, רוהיג מיט'ן אויסגעצויגענעם האַלז...

איינמאָל האָט ער זיך אַזוי פאַרטיפט אין דעם געדאַנק, אַז איהם האָט אַזש אָנגעהויבען קלאַפּען דאָס האַרץ, די האַנד ציטערן און ער האָט דעם פּאַציענט צוגראַבעלט...

יענער האָט זיך אָנגעבויגען צום שפּיגעל און דערזעהענדיג בלוט, רוהיג געזאָגט:

— האָסט מיך שוין צושניטען.

בנימינ'ען האָט שרעקליך פאַרדראָסען יענעמ'ס רוהיגקייט, פיהלענדיג אין זיך, אַז עס האָט געקאָנט ביי איהם טרעפען עפּעס פיל שרעקליכערעס פונ'ם גראַבעל. ער האָט געוואָלט, אַז דער „פריץ" זאָל עס אויך וויסען... אין דער זעלבער צייט האָט ער, ווי געגען זיין איינענעם ווילען, געכאַפּט פון דער עטאַזשערקע אַ פלעשעלע מיט אַ געלער פליסיגקייט, האָט אָנגענעצט אַ שטיקעלע וואַטע און צוגעלעגט.

דער בעל־הבית, וועלכער איז געשטאַנען אַנטקעגען ביי אַ צווייטען שפּיגעל און אימיצען געשוירען, האָט שמייכלענדיג געפרעגט:

— וואָס ביזטו אַזוי בלאַס געוואָרען?

דאָס האָט זיך בנימינ'ען דאָס ערשטע מאָל געטראָפען זייט ער איז אַ ראַזירער.

---

פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער געדאַנק, אַז ער איז אַן'אומגליקליכער, אין אַ פינסטער מזל געבוירען געוואָרען, נאָך שטאַרקער איינגעגעסען איהם אין מח. דער געדאַנק האָט אָנגעהויבען דרייסטער צו אַרבייטען. אָנגעהויבען אויסצוטרעטען פאַרשידענע וועגען, אום צו באַפעסטיגען זיך, צו באַשטעטיגען, אַז אַזוי איז עס. דער ערשטער באַוויז איז געווען דאָס צושניידען יענעם... ער האָט נישט געוואוסט, נאָר נישט געצווייפעלט, אַז עפּעס דאַ אַרומערט וועט קומען צו איהם דאָס גרויזאַמע, שרעקליכע, וואָס לאָקערט נאָך איהם; אַז נישט אומזיסט האָט איהם קיין בעל

מלאכה נישט געוואָלט האַלטען... ס׳האָט איהם אַלץ געשטויסען אָהער אין ראַזוריע. אַ ראַזוריע... שאַרפע מעסערס...

און בנימין האָט מורא געקריגען פאַר די מעסער׳ס. ער האָט אויף זיי געקוקט נישט ווי אויף גאָלמעסער, נאָר ווי אויף אַזעל־כעס, וואָס קען איבערשניידען דאָס האַלז... איין פּיהר... בנימין האָט מורא געקריגען אפילו פאַר׳ן גלאַנץ, אפילו פאַר׳ן מענשעלע, וואָס דאָרטען האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט...

ווען עס איז אַריינגעקומען אימיצער זיך גאָלען איז בנימין טויט בלאַס געוואָרען, אָהן אַ סימן לעבען, און די אויגען זיינע האָבען געקוקט אָהן שום זין, ווי אַ קאַטשקע עטליכע רגע׳ס נאָכ׳ן שעכטען, וואָס ווייסט נישט, וואָס מ׳האָט איהר דאָרטען אויפ׳ן האַלז געטאָן, נאָר פיהלט דאָך ,ווי דאָס חיות געהט איהר אויס...

בנימין האָט אויך נישט געוואוסט, וואָס מיט איהם טוט זיך, נישט געוואוסט, פאַרוואָס ער שרעקט זיך, נאָר ווען ער האָט גע־נומען דעם גאָלמעסער אין די הענד, האָט איהם אָנגעהויבען קלאַ־פּען אין האַרצען, די קני האָבען זיך אונטערגעזעצט און אויבען אויפ׳ן קאָפּ איז איהם עפּעס אַזוי קאַלט געוואָרען, פון וואָס עס איז איהם איבערגעגאַנגען אַ שוידער איבער׳ן גאַנצען קערפּער. די האַנד איז ביי איהם פון טאָג צו טאָג אַלץ שווערער און שווערער געוואָרען און דאָס גאָלען האָט אַלץ לענגער און לענגער געדויערט. דער קליענט האָט זיך אַ פאַרנודעטער, אַ פאַרמאַטערטער אַרויס־געריסען פון זיינע הענט, האָט איהם שוין מוחל געווען דאָס באַ־שפּריצען, דאָס אָנפּוידערען און פאַרדרעהען די וואָנצעס.

דער בעל־הבית האָט ענדליך פאַרדראָסיג געזאָגט:

— וואָס איז עס מיט דיר, וואָס איז מיט דיר געוואָרען!

בנימין האָט נישט געענטפערט. דאָס פּנים איז געווען געל־בלאַס, און די קליינע אויגעלאַך האָבען זיך קיין אָרט נישט גע־פונען.

— ביזט אפשר נישט געזונד, — האָט שוין דער בעל־הבית געזאָגט, קוקענדיג אויף זיין פּנים.

„אפשר בין איך טאַקע נישט געזונד", האָט ער ביי זיך אַ קלעהר געגעבען.

„אפשר גאָר שטאַרבען?" — האָט בנימין ווייטער געטראַכט.

— ווייסט דיר... וואָס דיר איז געוואָרען — האָט דער בעל־הבית געזאָגט, קנייטשענדיג מיט די אַקסעל.

בנימין האָט זיך שטיל איינגעהאַלטען, אָפּגעזיפצט. ער האָט דערשפּירט, אַז אָט, אָט הויבט זיך עס אָן... ס'הויבט זיך שוין אָן ארויסצואווייזען, מ'דערקאָנט שוין... מ'מיינט שוין, אַז ער איז נישט געזונד... מיט איהם איז שוין עפּעס „געוואָרען"... נאָר גע־וואוסט האָט ער נאָך אַלץ נישט וואָס, און האָט אויף יעדער זאַך געקוקט מיט חשד... אין יעדער קליינינקייט האָט ער עטוואָס באַ־האַלטענעס, שרעקליכעס געזעהן...

---

ענדליך האָט איהם דער בעל־הבית אָפּגעזאָגט פון דער ארבייט און בנימין איז דוקא געווען צופרידען, ווייל ער האָט שוין אַליין געקלערט זיך אָפּצוזאָגען.

טרויעריג און מיט אַ שווער געמיט האָט ער זיך אַרויסגערוקט מיט זיין טשעמאָדאַנטשיקעל, האָט זיך שטיל און טרויעריג אָפּ־געזעגענט מיט'ן בעל־הבית און מיט דער בעל־הבית'טע און איז אין דרויסען אַרויס.

געווען איז אַ שעהנער זומער־טאָג, נאָר איהם איז אַזוי טרוי־עריג געווען אויפ'ן הארצען. ער האָט געפיהלט, אַז איצט מאַכט ער דעם ערשטען שריט צו דעם פינסטערן מזל, איצט הויבט זיך עס אָן . . .

ער האָט זיך אַריינגעקליבען צו דער שטיף־מוטער. דער פאָ־טער איז שוין געווען פון אַ פּאָר יאָהר געשטאָרבען, מיט איהר קיין קינדער נישט געהאַט. די אַלטיטשקע האָט זיך מיט איהם דערפרעהט, ווי מיט אַנ'אייגען קינד. זי איז שטאַרק מיט איהם צופרידען געווען, אַזוי איז זי עלענד איינע אַליין אין אַ צימער.

געהאַט האָט ער עטליכע רובעל, וועלכע ער האָט אָפּגעלעגט אין אַ פּאָר חדשים; פון געהן ארבייטען האָט ער אפילו נישט

געקענט קלערען. ביי איהם איז געווען אינגאַנצען איינגערעדט, אַז ער איז שוין נישט ביי זיך אין די הענד, נאָר ביי אימיצען אַנדערש און וואָס „יענער" וועט וועלען, וועט ער מיט איהם טאָן. וואָלט ער געהן צו דער ארבייט, וואָלט „יענער" געוויס אַ פיהר געבען מיט'ן גאָלמעסער אין זיין האַנד איבער אַנ'אויסגעצויגענעם האַלז . . .

די אַלטיטשקע איז געווען צו איהם זעהר גוט. דאָס איז געווען אַזוי אונערוואַרטעט פאַר בנימינ'ען, און נאָך מעהר האָט ער זיך געוואונדערט, ווען איהם האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס גאַנצע געלד און די אַלטע האָט איהם נאָך פריינדליכער און ליבער צוגעטראָגען דאָס עסען, ווי דעמאָלט ,ווען ער האָט איהר געצאָהלט. זי האָט איהם איינגערעדט, ער זאָל נישט זאָרגען. גאָט וועט העלפען ,ער וועט געפינען ארבייט וועט ער אָפּגעבען. נאָר בנימין האָט געוואוסט, אַז ער וועט נישט קריגען קיין ארבייט, אַז ער קען שוין נישט ארבייטען. נאָר אַ ברירה האָט ער געהאַט! ער האָט געגעסען. ס'האָט איהם אפילו זעהר געקרענקט, ער האָט אָבער אַנדערש נישט געקאָנט מאַכען, און וואָס די אַלטע איז צו איהם צוועלאָזענער, ווייכער געוואָרען, האָט עס איהם אַלץ מעהרער און מעהרער פאַרדרוס פאַרשאַפט. דאָס געוויסען האָט איהם שרעקליך געמאַטערט, און פאַרשטעלענדיג זיך, אַז ער וועט איהר קיינמאָל פאַר'ן עסען און פאַר איהר איבערגעבענהייט נישט קענען אָפּצאָהלען, איז ער אַזש בייז געוואָרען אויף איהר, פאַרוואָס זי איז אַזוי גוט צו איהם... אַ מאַמע איז דאָך נישט אַזוי גוט! אַ מאַמע טרייבט אויך איהר קינד צו פאַרדינען, ווען ס'האָט נאָר געזונטע הענד און פיס...

. . . אַ נאַרישע אַלטע!

איינמאָל ביינאַכט, אויפ'ן געלעגער, טראַכטענדיג פון דער אַלטער'ס גוטסקייט ,איז איהם אַ געדאַנק איינגעפאַלען, נישט איינגעפאַלען, נאָר איז ,דאַכט זיך, פון ערגעץ פון אַ שפּאַציר אַנגעקומען, האָט זיך דאָ ביי בנימינ'ען צוגעשטעלט. זיינע געדאַנקען האָבען אויף זיך אַ פרעמדען דערפיהלט, אַ פרעמדען, אַ ווייטען,

פונקט דער היפך פון זיי... דער געדאַנק איז, מעגליך, געווען אונ־טערגעשיקט פון „יענעם" געהיימען, וואָס לאָקערט אַלע יאָהרען נאָך איהם...

„אַ שטייגער, פאַר דעם גוט'ס, וואָס די אַלטע טוט מיט איהם, דאַרף ער צאָהלען מיט שלעכט'ס... מיט גאָר שלעכט'ס, אויף אַזוי פיל, וויפיל זי איז גוט..." אַ טשיקאַווער געדאַנק. בנימין האָט זיך מיט איהם פאַראינטערעסירט און פּאַמעליך, צו ביסלאַך, שווער, זעהר שווער, האָט ער זיך ביי איהם אָנגעהויבען פאַנאַנדערוויקלען.

„אַ שטייגער... די אַלטע... ער... זי... זי איז אַזוי גוט צו איהם... ווי צו אַנ'אייגען קינד. זי און ער... בנימין... בנימין... געהט אַרויס... ביינאַכט... נעהמט... נעהמט??? ... אַ האַק... אַ מעסער... געהט צו... צו דער אַלטער און??... שטעלט זיך אַוועק נעבען איהר... נעבען איהר בעט, שטעהט אַזוי לאַנג, ביז זי זאָל דערפיהלען, אַז מ'שטעהט איבער איהר, און עפענט די אויגען, און דערזעהט, ווי ער, בנימין, שטעהט איבער איהר האַלז מיט אַ מע־סער... וואָס וואָלט זי געזאָגט?..."

בנימין איז אַזש פאַרציטערט געוואָרען און דאָך איז איהם גאַנץ אַנגענעהם געווען דערפון צו טראַכטען...

אין דער פריה, ווען די אַלטע האָט איהם צוגעטראָגען אַ גלאָז טיי און געזאָגט מיט אַ מוטערליך קול „טרינק, בנימ'טשיק", האָט ער דערפיהלט געוויסענביסען. כאָטש וואָס? נישט מעהר ווי אַ נאַרישער געדאַנק, און ווי איהם האָט זיך געדאַכט, איז זי צו איהם דעם פריהמאָרגען בעסער געווען, ווי אַלע מאָל. ער האָט גנב'דיג געכאַפּט אַ קוק אויף איהר פּנים, אין די אויגען... אפשר האָט זי עפּעס דערשפּירט?... און אָהן זיין ווילען האָט עס זיך גלאַט אַזוי פאַר זיך ,איבערגע'חזר'ט דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געטראַכט ביינאַכט, נאָר פלינק בליץ־שנעל...

— פאַרוואָס בייסטו נישט צו צו דעם טיי? — האָט ער פלוצלונג דערהערט — וואָס זיצסטו אַזאַ פאַרטראַגענער? נעהם, טרינק גיכער אָפּ, איך באַדאַרף אַוועקגעהן אין מאַרק אַריין, שוין שפּעט.

ס'האָט איהם פאַרדראָסען... ער וואָלט געוואָלט, אַז זי זאָל וויסען, וואָס ער טראַכט, און ער האָט, איהר אויף להכעיס, איבער־געלאָזט אַ האַלבע גלאָז טיי.

— פאַרוואָס טרינקסטו נישט? — האָט זי געפרעגט ווייטער — אפשר ביזטו עפּעס נישט געזונד?

„אפשר ביזטו עפּעס נישט געזונד"?... דער בעל־הבית האָט איהם אויך געפרעגט דאָס זעלבע...

זי האָט איהם געזאָגט אַ „גוטען טאָג", נעהמענדיג דעם קאָשיק אין האַנד, נאָר בנימין האָט איהר נישט געענטפערט: ער איז געווען ערנסט אין כעס אויף איהר... איהם האָט שרעקליך גערייצט איהר גוטסקייט צו איהם... עפּעס אַ מין וועהטאָג'דיגען פאַרדרוס, אַ כעס, האָט ער געשפּירט אויף איהר, ווי זי וואָלט אַנטקעגען איהם די גרעסטע עולה אָפּגעטאָן, דאָס איז נאָך עפּעס ערגערס געווען: די אַלטע האָט איהם פאַרמאַטערט מיט איהר גוטסקייט. וואָלט ער פון איהר כאַטש איינמאָל אַ שלעכט וואָרט געהערט, וואָלט זי איהם כאָטש איינמאָל געזאָגט: אָט, וואָס ועט זיין דער תכלית, פאַרוואָס געהסטו נישט ערגעץ זוכען ארבייט... זי, גאָרנישט... ס'אַ בהמה דאָס איז! ס'אַ פערד, נישט קיין מענש, אַן עזעל־קאָפּ איז זי, די אַלטע, די מוהמע דיינע, אַ מיאוס'ע עקעל־האַפטע אַלטע! האָט אריינגענומען אַ בחור צו זיך אין שטוב אריין, גיט איהם עסען, טרינקען און גאָר נישט... ער האָט אַזש מיט די צייהן פאַרקריצט און האָט אָנגעהויבען ארומצוגעהן הין און צוריק איבער'ן שמוציגען, ענגען צימער'ל און האָט אין אַ מינוט ארום כמעט הויך אויסגעשריען:

—ס'אַ מאוס'ע מכשפה דאָס איז, העגד און פיס זאָל זי ברעכען! — און האָט שווער פונ'ם הארצען אָפּגעזיפצט.

בנימין האָט מיט אַמאָל דערשפּירט, אַז ער איז געפּלענט, געפּלענט פון יענעם, וואָס לאָקערט נאָך איהם אַלע יאָהרען. ער האָט דערפיהלט, אַז דאָס שוואַרצע פינסטערע מזל האָט איהם שוין אריינגעכאַפּט אין די שוואַרצע לאַפּעס אריין און גיך, גיך וועט געשעהן מיט איהם עפּעס שרעקליכעס. וואָס — האָט ער נאָך

אַלץ נישט געוואוסט, נאָר ער האָט נישט געצווייפעלט, אַז „יע־נער" ווייסט שוין... עס וועט באַלד געשעהן...

איהם האָט אָנגעהויבען צו הונגערען. ער איז צוגעגאַנגען צום שאַפקעלע, דאָס געעפענט און דערזעהענדיג דאָס מעסער מיט'ן ברויט איז ער אַ צומישטער שטעהן געבליבען, כמעט ווי פאַרגע־סען, צי איז ער געגאַנגען נאָכ'ן מעסער, צי נאָכ'ן ברויט...

נאָך וואָס דאָס מעסער?...

דאָס מעסער איז איהם עפּעס ווי אומגעריכט אין די אויגען געקומען, ווי עס וואָלט געזאָגט: יאָ, אָט בין איך! דאָס מע־סער!... פריהער איז עס ביי איהם אין גערדאַנק געלעגען — איצט אין שאַפע...

ער האָט גענומען דאָס מעסער אין די הענט אַריין... נישט ער האָט גענומען, נאָר ס'האָט זיך גענומען אין די הענד אַריין... די האַנד האָט זיך אויסגעצויגען און האָט גענומען דאָס מעסער, אָפּצושניידען אַ שטיקעל ברויט? ניין... ער האָט עס נאָר באַ־טראַכט. נאָך וואָס? ס'איז געווען פאַרפאַקט מיט ברויט... מ'קען עס אָפּרייבען. נאָך וואָס אָפּרייבען?... און כאַפּט זיך אַ דער־שראָקענער: וואָס וויל ער טאָן?... אימיצער ענטפערט:

— איבערשרעקען דער אַלטער!...

ער האָט אָנגעהויבען רייבען דאָס מעסער אָן טיש, אָן די בענקלאַך, אָן אייזערנעם בעטעל, וואו ער האָט נאָר געטראָפען. צום סוף האָט ער ביי זיך פון טשעמאָדאַנטשיק אַרויסגענומען אַ לאַנג, שמאָל שטיינדעלע און האָט אויסגעגלעט דאָס מעסער...

ס'איז געוואָרען שאַרף, נאָר צום גאָלען.

און איהם איז טאַקע איינגעפאַלען זיך אָפּצוגאָלען, אַזוי ווי ער טראָגט שוין אַ באָרד פון אַ פּאָר חדשים, און נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צום גאָלען; נאָר ווען אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט, האָט ער פאַרלוירען דעם גאַנצען חשק און האָט זיך שוין נישט געגאָלט; ער איז שטעהן געבליבען, ווי אַ צומישטער, און נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ענדליך איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום שאַפקעלע, האָט מיט'ן אויסגעשאַרפטען

מעסער אָפּגעשניטען אַ שטיקעל ברויט און האָט זיך גענומען צום עסען . . .

---

פאַרנאַכט איז די אַלטע געקומען אַ פאַרמאַטערטע, אַ פאַר־שוויצטע, איהם געזאָגט אַ שטילען „גוטען־אָוועגד", האָט אַרויס־גענומען פון קוישעל, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך, אַ צוויי־דריי פעקלאַך עסענוואַרג, האָט עס אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש און זיך אָפּגערופען:

— נעהם, זוהן, צינד אָן דאָס לעמפּעל.

ער האָט אָנגעצונדען דאָס לעמפּעל און זי האָט גענומען גרייטען צום טיש.

— ווער האָט עס אַזוי אויסגעשאַרפט דאָס מעסער? — האָט זי אַ צופרידענע געפרעגט, באַטראַכטענדיג עס, — ס'גלאַנצט אַזוי ווי אַ חלף.

פון דעם וואָרט „חלף" איז בנימינ'ען איבערגעגאַנגען אַ שויּדער איבער'ן לייב . . .

— דו זאָלסט זיך כאָטש היטען — האָט די אַלטע געזאָגט אין אַ ווייכע אַרום — זאָלסט אַכטונג געבען, ווי דו שניידסט.

בנימינ'ען האָט עפּעס ווי פאַרדעכטיג אויסגעזעהן איהר רע־דען... „זאָלסט אַכטונג געבען, ווי דו שניידסט" — וואָס?...

— היט איהר זיך נאָר, מוהמע, פאַר'ן מעסער — האָט ער וועלענדיג און נישט־וועלענדיג געזאָגט, און באַלד נאָכ'ן זאָגען דער־שפּריט אַ צווייפעלדייטיגען געדאַנק...

נאָכ'ן עסען האָבען זיך ביידע, ווי אַ פּאָר פאַלק, געלעגט איינער גענען אַנדערען אין די בעטלאַך. זיי זיינען באַלד אַנטשלאָ־פען געוואָרען.

נאָר בנימין האָט זיך אין אַ האַלבע שעה אַרום אויפגעכאַפּט, נישט אויפגעכאַפּט, נאָר ווי אימיצער וואָלט איהם אויפגעוועקט, און געפיהלט האָט ער זיך אַזוי אויסגעניכטערט פון שלאָף, ווי ער וואָלט שוין צעהן שעה אָפּגעשלאָפען, נישט אַ האַלבע.

ס'איז געווען שטיל. דאָס קליינע לעמפּעלע איז געשטאַנען

אויפ'ן טיש האַלב אַריינגעדרעהט און האָט טרויעריג, שטיל באַ־לויכטען דאָס צימער... די אַלטע איז געלעגען מיט אַ האַלב אָפען מויל, פון וועלכען עס האָט אַרויסגעקוקט אַ שטיקעל פאַרגליווערטע צונג און אַ פּאָר שוואַרצע, פאַדערשטע ציין. זי איז געשמאַק געשלאָפען איינגעהילט אין אַ גראָבער, אַלטער, שמוציגער קאָלדרע. בנימין איז געלעגען, אינגאַנצען נישט צוגעדעקט.

דערזעהענדיג זי, איז ער עפּעס פאַרוואונדערט געוואָרען, פּונקט ווי זי וואָלט דאָ אומגעריכט געלעגען איהם אַנטקעגען. איהם איז עפּעס שווער געוואָרען אין קאָפּ און ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז עפּעס האָט ער געטראַכט בייטאָג... און איידער נאָך ער האָט זיך דערמאָנט וואָס, איז ער שוין אַרויס פון דעם גלייכגילטיגען צושטאַנד, אין וועלכען ער האָט זיך געפונען, און איז איבערגע־גאַנגען צו אַן אויפגערעגטען.

אין אַ מינוט אַרום איז אָנגעקומען דער טשיקאַוועד געדאַנק, נאָר איצט האָט ער אָבער פון איהם קיין פאַרגעניגען נישט גע־האַט. דער געדאַנק האָט איהם איצט גערייצט און אין דער זעל־בער צייט זיך אַריינגעלאָזט אין איהם אַלץ טיפער און טיפער, פאַרשטעלענדיג זיך אַלץ דייטליכער, העלער. וואָס וועט זאָגען די אַלטע, ווען זי וועט איהם דערזעהן מיט'ן מעסער איבער'ן האַלז?...

דאָס מעסער איז געלעגען אויפ'ן טיש, ווי געשלאָפען. און צוקאָפּען, ביים שפּיץ, איז איהם אַ שטיקעל ברויט געלעגען. בנימין האָט דערזעהן דאָס מעסער...

אין אַ פּאָר מינוט אַרום, נאָכ'ן דערזעהן דאָס מעסער, האָט בנימין די פיס פון בעטעל אַראָפּגעלאָזט, איז מיט איין שפּרונג צו צום טיש און מיט'ן צווייטען — צו דער אַלטער.

דאָס האַרץ האָט איהם וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער אָנגעהויבען קלאַפּען, און אין איהם האָט זיך דער־וועקט אַ ווילדער אינסטינקט, עפּעס אַ דורשטיגקייט נאָך בלוט...

געשטאַנען איז ער אַנטקעגען דער אַלטער אַ פערטעל שעה. די האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטען דאָס מעסער איבער איהר האַלז, האָט אָנגעהויבען צו פאַרגליווערען... ווייטער אַזוי

האַלטען איז געווען אוממעגליך און זי האָט זיך ווי געבעטען אַראָפּ־צולאָזען. נאָר ער האָט נאָר געוואָלט, זי זאָל איהם זעהן, נישט אַנ־דערש, נישט אַנדערש, און איהם האָט שרעקליך פאַרדראָסען, פאַרוואָס זי שלאָפט.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס מעסער נעהענטער צום האַלז... אפשר וועט זי אַזוי גיכער דערשפּירען... זי האָט ווירקליך גע־עפענט די אויגען און האָט זיי אָנגעשטעלט אויף איהם. אויף די ליפּען האָט זיך באַוויזען אַ שמייכעלע און זי האָט איהם געוואָלט עפּעס זאָגען. בנימין האָט פאַרשטאַנען, אַז זי זעהט נישט דאָס מעסער, ווייל עס איז צו נאָהענט נעבען איהר האַלז, ער האָט עס געגעבען אַ הויב אין דער לופטען...

ביי דער אַלטער האָבען זיך די אויגען איבערגעדרעהט, דער שמייכעל פון די ליפּען איז פאַרשוואונדען געוואָרען.

בנימין האָט זיך צולאַכט...

דער אַלטער'ס אויגען האָבען אַ טויט־גלאַנץ באַקומען. זי איז געלעגען אַ פאַרשטיינערטע, אָהן לשון און האָט פון צייט צו צייט געבאַפּט אַ קוק, דאָ אויף איהם, דאָ אויפ'ן מעסער. און דאָס האַרץ האָט זיך, וואָס עס איז אוועקגעגאַנגען אַ רגע, אַלץ שטאַר־קער און שטאַרקער געהויבען און געקלאַפּט...

— כאַ־כאַ־כאַ ! ! ! . . .

די אַלטע האָט זיך געטאָן אַ זעץ אויף, ווי צו אַנטלויפען, נאָר איז געבליבען זיצען אַ פאַרגליווערטע. די גאָמבע האָט זיך ביי איהר מיט אַ וואונדערליכער געשווינדקייט אָנגעהויבען צו וואַרפען און עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּען פון די ציין.

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ ! ! ! . . . . מוהמעניו, איהר האָט טאַקע מורא, איך וועל אייך קוילען, עט, נאַרישקייטען... לעגט זיך... איך הייס אייך זיך לעגען ! — האָט ער אָנגעשריען.

די אַלטע, נישט אַראָפּנעהמענדיג פון איהם די אויגען, האָט זיך געלעגט.

— איהר מיינט טאַקע אין אמת'ען, אַז איך וועל אייך שעכ־טען, עט, נאַרישקייטען... אפשר וועט איהר אָפּזאָגען ודוי...

ער האָט איהר אָנגענומען פאַר דער גאַמבע, זי געטאָן א ריס ארויף און, נישט באמערקענדיג פאר איהר, געטאָן א דרעה איבער דאָס מעסער אויף דער שטומפיגער זייט און געגעבען א פיהר איבער'ן האלז...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

די אלטע האָט זיך איין קאָרטש געגעבען און איז געבליבען ליגען א פארגליווערטע...

# רייזעלע.

לעבעדיג איז אין מיין זכרון דאָס קינד געבליבען. דעם נאָמען האָבען אלע, וואָס האָבען זי געקענט, שוין לאַנג פארגעסען; דאָס קבר'ל איהרס איז שוין לאַנג אויסגעגלייכט מיט דער ערד און באַוואקסען מיט ווילדען גראָז; נאָר ביי מיר אין זכרון לעבט זי, זי שטעהט מיר פאר די אויגען און ערשט איצט ווייס איך, ווי אָפּצושאַצען איהר געטליכע שעהנקייט. דעמאָלט האָב איך עס נישט פארשטאַנען. מיך האָט נאָר געצויגען צו איהר, איך האָב אָבער נישט געוואוסט — וואָס. איך בין דאָך אויך נאָך א קינד געוועזען, עלף יאָהר אינגאַנצען; איצט קאָן איך זאָגען, אז זי איז געוועזען די ערשטע, וואָס האָט אויפגעוועקט אין מיר דעם געטליכען פונק, וועלכען איך קאָן היינט אָנרופען מיט'ן נאָמען: ליבע... און ווען גרויסע מענשען זאָלען קאָנען אזוי רייך און שעהן ליבען — ווי גוט וואָלט עס אויף דער וועלט געוועזען!

שוין צוואַנציג יאָהר זיינען אַוועק זינט זי איז מיט אַן אומנאַטירליכען, פריהצייטיגען טויט געשטאָרבען און מעגליך, אז איך בין אפשר געוועזען דער גורם דערצו... נאָר דאָס וועט שוין קיינער נישט וויסען — ווייל איך ווייס עס אליין אויך נישט אויף זיכער... איך טראַכט אלץ: וואָס האָט עס רייזעלען אזוי צום בארג געצויגען?... נאָך זאַמד איז זי געגאַנגען, נאָך געלען זאַמד... און אפשר האָט זי אהין געצויגען עפּעס א געהיימע, טייוועלשע האנד -- א האנד פון יענע, וואָס האָבען נאָך איהר גרויזאַמען טויט זיך א פּאַטש געגעבען איינע אַן דער אַנדערער, און ווי א שטים האָט זיך געהערט: „נישטאָ רייזעלע!"

אזוי האָט מען דערצעהלט.

רייזעלע! איהר לעבעדיג בילד צאַפּעלט זיך אין מיין זכרון,

ווי נעכטען איז דאָס געווען, ווי פון נעכטען געדענקט זיך ווי איך בין איהר טריט ביי טריט אונטער'ן בארג נאָכגעגאנגען... און האָב זיך געהיט נישט צו פאַרטרעטען איהרע קלייניקע טריטעלאַך, וועלכע זיינען נאָך איהר אויפ'ן זאמד געבליבען. באָרוועס איז זי געגאַנגען, איהרע פיסעלאַך זיינען אַזוי ווייס געווען ווי העלפאַנט־ביין. אויף איהר אַקסעל האָט זי אַ קליין הילצערן געפלאָכטען קערבעלע געטראָגען און די שוואַרצע געלאָקטע האָר איהרע האָבען, ווי ליאַלקעס, אויף איהרע אַקסעלאַך געטאַנצט... זי איז אַראָפּ אונטען, אונטער'ן באַרג, און איך בין פון אויבען, אויפ'ן שפּיץ, געבליבען. דאָ האָב איך זיך אויסגעצויגען מיט'ן האַרצען אַראָפּ, דעם קאָפּ געלאָזט אין דער לופטען הענגען און נאָך אַ פּאָר מינוט אַראָפּקוקען צו איהר, האָב איך איהר נאָמען געלאָזט הערען:

— רייזעלע!...

און זי האָט צו מיר איהרע גרויסע, שוואַרצע אויגען אויפגע־הויבען, האָט צו מיר אַ שמייכעלע געטאָן און זיך אָנגעבייזערט אויף מיר — איך זאָל שוין אַוועקגעהן פון דאָרט, ווייל ס'איז גע־מעהרליך: עס קאָן זיך, חלילה, אָפּברעקלען דער באַרג און טאָמער געה איך נישט אַוועק — וועט זי עס דערצעהלען מיין טאַטען. נאָר איך האָב זי נישט געהערט... מיין נשמה איז ווי אין גוטען וואַרימען בוימאויל ארומגעשוואומען, הערענדיג איהר בייזער, קור־קענדיג אויף איהר רונד־אַלבאַסטער פּנים. וואָס איז מיר דעמאָלט מיין טאַטע געווען, אַז איך האָב זיך שוין געקאָנט איינשטעלען אַרויפצוקריכען אויף אַזאַ געפעהרליך אָרט, וואו קיין מענשליכער פוס איז נאָך, דוכט זיך, נישט געשטאַנען? וואָס האָב איך גע־קאָנט מורא האָבען פאַר'ן טאַטען, אַז איך האָב קיין מורא נים געהאַט צו קוקען אַראָפּ, אונטען, אין תהום?... נאָר פאַרוואָס האָט זי, רייזעלע, קיינמאָל נישט איבערגעקלערט, אַז דיזעלבע סכנה, וואָס שטעהט פאַר מיר, שטעהט דאָך פאַר איהר אויך? צי האָט זי דען נישט געוואוסט, אַז דאָרט האָט שוין ניט איין מענש זיין קבר געפונען, וואָס איז לעבעדיגערהייד באַגראָבען געוואָרען פון אַ שטיק באַרג, וואָס האָט זיך אָפּגעוואַלגערט און איך האָב אַלע מאָל

געלאכט און געזאָגט, אַז אויב איך וועל פאַלען, וועל איך אַרויפ־פאַלען אויף איהר און מיר וועלעןביידע דער׳הרג׳עט ווערען.

איך האָב געגלויבט, אַז דאָס קען טרעפען, און דאָך איז עס מיר ניט געווען שרעקליך און בין ווייטער געלעגען און געטאַפּט ביי דער זייט, ביים סאַמע אָפּגרונד, די לעכער, וואו שוואַלבען האָבען זיך זייערע נעסטען געמאַכט. וויפיל איך האָב זיך נישט געמ׳בריה׳ט צו דערלאַנגען אַהין מיט מיין האַנד, האָט זיך דאָס מיר נישט איינגעגעבען — ווייל די לעכער זיינען געווען צו־טיף. וואָס וואָלט איך דען נישט געווען דאַן אוועקגעגעבען, אַז איך זאָל פון דאָרט אַ שוועלבעלע אַרויסנעהמען און עס געבען רייזעלען אַ כּ״תנה! איך האָב געהערט, ווי די יונגע שוועלבעלאך האָבען פון דאָרט אַרויסגעפּישטשעט און די מאַמעס זייערע האָבען זיך פון צייט צו צייט באַוויזען פון ערגעץ מיט ווערים אין די פּיסקלאך, האָבען אַרומגעשוועבט איבער מיין קאָפּ, געדרעהט זיך און פּראָטעסטי־רענדיג געפּישטשעט.

— רייזעלע, אַרויסנעהמען דיר אַ פויגעלע? — האָב איך זי אָפּט געפרעגט, בלאָנזשענדיג מיט דער האַנד אַרום די לעכער — רייזעלע, ווילסט אַ פויגעלע?

נאָר רייזעלע האָט געלאַכט פון מיר. זי האָט געוואוסט, די קליינע, אַז מיר וועט זיך קיינמאָל ניט איינגעבען פון דאָרטען אַ פויגעלע צו באַקומען, און דאָס האָט מיר זעהר געקרענקט.

— אָבער דיין נחמנ׳קע וועט דאָ מורא האָבען צו ליגען, יאָ? און איך ליג דאָ... האַ!! — האָב איך כאָטש דערמיט געוואָלט ביי איהר אויסנעהמען.

נחמנ׳קע איז געווען רייזעלע׳ס אַ ברודערל און איך האָב זי געאייפערט צו ברודער דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט דאָס גליק בסדר צו זיין מיט איהר אין שטוב. חוץ דעם האָב איך אויף איהם אַ שלעכט האַרץ געטראָגען דערפאַר, וואָס ער האָט אַמאָל דערצעהלט, אַז דער רבי האָט מיך אין חדר געשמיסען. ווי איך האָב דערפון געליטען! איך האָב זיך אַזוי געשעהמט פאַר רייזעלען! דערפאַר פלעג איך זיך דאָנערשטאָג אָן דעם אינגעל נוקם זיין. ער האָט

קיינמאָל די גמרא נישט געקענט. ער איז דער גרעסטער „גוי" געוועז אין חדר און איך בין געוועז דער „רבי". האָט מיר דער רבי א וואונק געגעבען, איך זאָל איהם אונטערזאָגען און איך זאָל איהם געבען א פּאטש. און איך האָב מיט פארגעניגען ערפילט דעם רבי׳נ׳ס באַפעהל און האָב עם דערנאָך רייזעלע׳ן דערצעהלט און זי האָט זיך אויף מיר אָנגע׳ברוגז׳ט.

און אלע מאָל, ווען זי האָט נאָר דאָס קערבעלע מיט זאמד אויף דער פלייצקע ארויפגענומען און זיך געלאָזט אוועקגעהן, האָב איך באלד אויך פארלאָזט דאָס געפעהרליכע אָרט. וואונדערלאך! ווי זי האָט נאָר אָפּגעטראָטען פון דאָרט, האָב איך שוין אויפ׳ן שפּיץ בארג מעהר נישט געקאָנט בלייבען... מיר האָט אָנגעהויבען צו שווינדלען אין די אויגען און דער גאנצער באָדען האָט זיך אונטער מיר אָנגעהויבען צו וואקלען הין און צוריק... אויפ׳ן הארצען איז מיר שרעקליך אומעטיג געוואָרען, אומעטיג און פּוסט... עפּעס האָט מיך געמאטערט, נאָר וואָס — האָב איך אליין ניט געוואוסט... איך האָב זי באגלייט מיט מיינע אויגען, נאָר בין איהר נישט נאָכגעגאנגען. איך האָב זיך גנבה׳ש דורך א צווייטער זייט אויס־געדרעהט און בין אוועק אהיים...

---

דאָס איז געוועזען אין יאָהר 1891, אין חודש סיון, ערב שבועות. איך מיט נאָך עטליכע אינגלאך זיינען געשטאַנען אין א געדיכטער בלאָטע א האלבע וויאָרסט פון שטעדטעל און געריסען לעפּעכע. די זון איז אין דער מיט הימעל געשטאַנען און האָט צוגאָסען א מילדע, ווייכע, קינדישע ווארימקייט אויף דער וועלט און אין אלץ האָט זיך געפיהלט א יונגשאפט, א ריינקייט, גלייך ווי די וועלט וואָלט נאָר־וואָס באשאפען געוואָרען. פון די קאָליזשעס האָט זיך געטראָגען א פריש־שמעקענדיגער ריח פון יונגען גראָז און מיר, אינגלאך, האָבען אין איין כאָר געזונגען „אקדמות". און אז מיר האָבען שוין געהאט די לעפּעכע אין שטריקעלאך איינגעבונדען און זיך געלאָזט אהיים מיט די פּעקעלאך אויף די פלייצעס, האָט זיך פּלוצלונג א געוואלדיגער קראך איבער׳ן שטעדטעל דורכגעטראָגען:

און געדאַכט האָט זיך, אַז עפּעס האָט אין דער לופטען געפּלאַצט. בלאַס ווי די מתים, האָבען מיר זיך איבערגעקוקט איינער מיט'ן צווייטען און, נישט אָפּגערעדטערהייד, אַראָפּגעוואָרפען די פּעקע־לאַך און זיך געלאָזט לויפען מיט'ן ברעג טייך גלייך אַהין צו די בערג־צו. און וואָס נעהענטער מיר זיינען צו די בערג צוגעקומען, אַלץ שטאַרקער האָב איך געהערט וואַקסט דער טומעל, וואָס האָט זיך פון ווייטען נאָכגעגעבען, ווי עפּעס אַ מין אומרוהיג ברומען פון בערג און אייביגער שטילקייט.

איך געדענק נישט, צי האָב איך אימיצען געפרעגט און צי האָט מיר ווער עפּעס געענטפערט. נאָר געהערט האָב איך, ווי נע־בען מיין אויער האָט זיך ווי אַ פאָך פון אַ פליגעל דורכגעטראָגען: „רייזעלע!” און גלייך האָב איך פאַר זיך דערזעהן אַ געדיכטע מאַסע... אַ געדיכטע שוואַרצע רוישענדיגע מאַסע... און אַזוי האָט זיך אויך דאָס אומגליק אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע פאַר־געשטעלט — גרויס, שוואַרץ און רוישענדיג...

אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דאָרט, אין מיטען דעם רייזענדיגען, פיהלט זיך נאָך פיל שרעקליכערעס... דאָרט ט ו ט זיך עפּעס שווייגענדיגעס... אַ שווייגענדיג שטיל גערויש בלעזעלט זיך אין דער לופט און איינס נאָך דאָס אַנדערע לאָזען זיך שטיל הערען ווייכע, טויבע קלעפּ... וואָס איז עס?... איך שטופּ מיך מיט אַלע כחות, גראָב זיך מיט מיין קאָפּ צווישען אַן עולם מענשען... אַ בערגעל פרישע ערד... עס ליגט זיך שטיל, מיט יענער געוועהנ־ליכער ערד-שטילקייט, אָבער נאָך אַן אַנדער מין שטילקייט פיהלט זיך דאָ... עס שפּירט זיך, אַז דאָ איז אַ מענש באַהאַלטען... אַרום דעם בערגעל אַרבייטען אַ פּאָר צעהנדליג מענשען. ווי שנעל זיי האָבען עס מיט די גראָב־אייזענס געאַרבייט; און יעדעס ביסעל ערד, וואָס איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען, האָט מיט זיך אַ שטיק סוד אַוועקגעטראָגען... יעדעס ביסעל אָפּגעוואָרפענע ערד האָט עפּעס געוואוסט פון רייזעלען, נאָר עס האָט געשוויגען... ווי לאַנג די צייט האָט זיך געצויגען? איך האָב געמיינט, אַז אייביגקייטען וועלען אַוועקגעהן, אַז אייביג וועט מען אַזוי שטעהן און אָפּוואַרפען לאַ־

פּאַטעס ערד און אייביג וועל איך ניט וויסען, צי זי לעבט נאָך דאָרטען אונטער איהר לעבעדיגער באַגרעבעניש, צי זי איז שוין טויט.

אז מ'האָט פון אויבען דאָס בערגעל אַראָפּגענומען, האָט מען ערשט אָנגעהויבען צו גראָבען אין דער טיף — ווייל דאָרט איז אַ גרוב געווען, נישט קיין טיפע, נאָר ביז די פיס, און דאָך האָט מען שוין פאָרזיכטיג אָנגעהויבען צו גראָבען, מ'האָט שוין נישט איינגעדרוקט די לאָפּאַטעס ווי פריהער, נאָר פון אויבען, ביסלאַכ־ווייז, האָט מען אָנגעהויבען אַראָפּצונעהמען די ערד. מיין הארץ האָט געפּלאַטערט. געציטערט האָב איך, מ'זאָל איהר, חלילה, אַ גראָב־אייזען נישט אריינרוקען אין קערפּערל אריין... און פּלוצלונג האָבען זיך איינס נאָכ'ן אַנדערען צוקוועטשטע שוועלבעלאַך אָנ־געהויבען באַווייזען... און אַ שוידער האָט מיך דורכגענומען, ווען אַ איינגעלע האָט איינס ביי אַ שפּיץ־פליגעל אָנגענומען, האָט עס באַטראַכט און אוועקגעוואָרפען...

ענדליך... ענדליך...

אָבער נישט קיין רייזעלע האָט מען פון דער ערד אַרויסגענו־מען, נאָר אַ הויפען פלייש מיט ביינער, ווי אַן אויסגעשפּיגענער ביסען פון טייוועל'ס מויל, פון יענעם טייוועל, וועלכער האָט ביי־נאַכט נאָך דעם שרעקלאַכען טאָג אַ פּאַטש געגעבען מיט די הענד און אויסגעשריען:

„נישטאָ רייזעלע!"

און ביז אויפ'ן היינטיגען טאָג קלינגען מיר שוידערלאַך די ווערטער:

„נישטאָ רייזעלע!" — — — — — — — — — —

# אַ שטילער טויט.

איבער׳ן קליין פינסטערען צימערעל שפּאַצירען שאָטענס ארום — לאַנגע גערדיכטע שווארצע שאָטענס, וואָס שלאָגען זיך דורך דורכ׳ן פאַרפרוירענעם פענסטער פון די פאַרבייגעהער. די שאָטענס לויפען, שפּרינגען, קריכען פון איין וואנט אראָפּ, אויף דער צווייטער ארויף, און עס דאכט זיך, אז הינטער די ווענט טאַנצען זיי צעהנדליגער ארום, טאַנצען ווי רוחות און קוקען ארויס אויף זעליג׳ס קראַנקער נשמה, ווילען זי אריינכאַפּען צו זיך אין די הענט.

זעליג זיצט ביים פענסטער און קוקט אויף די גראָב־אָנגע־פרוירענע שויבען און האָט דערביי נישט קיין פאַרלאַנג צו זעהן די גאַס. וואָס קען זי איהם אָנגעהן? וואָס אינטערעסירט איהם די אויסוועניגסטע וועלט? זי איז נישט זיינע, זי איז ניט פאַר איהם. ער האָט זיך זיין וועלטעל — אַ קליין באַזונדער פינ־סטער וועלטעלע, וואָס פאַרנעהמט מעהר נישט ווי עטלאכע שפּאַן אין דער לענג און אין דער ברייט: פיר קויטיגע ווענט מיט אַ סופיט פאַרמאָגט דאָס וועלטעל זיינס, און אַ פּאָדלאָגע אַ שוואר־צע. עס פעהלט דאָרט אויך נישט אין די ווינקעלאך קיין שפּינ־וועבס, נאָר וואָס געהט עס איהם אָן? איצט איז ער אפילו צו דעם אויך גלייכגילטיג געבליבען.

נישט קיין יום־טוב איז ביי זעליג׳ן, וואָס ער דרעהט זיך לעדיג ארום. עס איז אַ פשוט וואָכעדיגער טאָג, אַלע פאַבריקען און ווערקשטאַטען ארבייטען; אין דרויסען קאָכט, זידט, ווי אין אַ קעסעל, און זעליג וואָלט אויך באַדאַרפט נעהמען אַן אנטייל אין דעם דאָזיגען לעבען, נאָר ער קען נישט. דאָקטוירים האָבען איהם שוין לאַנג פאַרווערט צו ארבייטען. ער האָט אָבער גע־

מוזט, ער האָט קיין אַנדער מיטעל צום לעבען נישט געהאַט. ער האָט געפיהלט, אַז די אַרבייט שאַדט איהם, און ענדליך האָט ער געמוזט די אַרבייט אַוועקוואַרפען, דער בעל־הבית האָט איהם שוין מעהר אין פאַבריק נישט געוואָלט האַלטען.

שוין דריי חדשים, אַז ער אַרבייט נישט — זינט פון דער צייט, וואָס דער הערבסט האָט זיך אָנגעהויבען. דאָס איז ביי איהם תמיד די ערגסטע צייט געווען: דער הוסט האָט זיך ביי איהם געשטאַרקט, אַזוי, אַז זיצענדיג ביי דער אַרבייט האָט ער דעם טאַבאַק צובלאָזען מיט'ן הוסטען. פון יעדען הוסט האָט זיך איהם דער גאַנצער קערפּער אַ וואָרף געגעבען, די האַנט אַ ציטער געטאָן און נישט איינמאָל האָט זיך ביי איהם, שטאָפּענדיג אַ פּאַפּיראָס, די גילזע צוריסען. אַלע אין פאַבריק האָבען אויף איהם מיט רחמנות געקוקט, אַפילו דער בעל־הבית איז זיך אויך מיט איהם ווייכער, ווי מיט אַלע אַרבייטער, באַגאַנגען: ווען ער האָט אַמאָל צו דער אַרבייט פּאַרשפּעטיגט, האָט ער איהם קיינמאָל נישט אָפּגערעכענט, ווי ער טוט דאָס מיט אַנדערע. ער האָט איהם נאָר מיט אַ קאַלט שמייכעלע געפרעגט: וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? זעליג'ן האָט די ווייכקייט געקרענקט. ער האָט געוואוסט, פאַר וואָס דער בעל־הבית איז צו איהם אַזוי גוט... דער גוט־הערציגער בעל־הבית האָט דאָך איהם אויף ס'לעצט אָפּגעזאָגט, צוזאָגענדיג איהם דערביי אַ פּענסיע פון צעהן רובעל אַ חודש, און דאָ אויפ'ן אָרט האָט ער דעם טויט דערפיהלט. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעהט נישט אויף זיך אַזוי פיל, ווי אַנדערע זעהען אויף איהם, און דעם ערשטען צעהן־רובעל־דיגען, וואָס ער האָט גענומען, האָט ער באַטראַכט, ווי זיין טויט־אורטייל...

זעליג האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט אַלע אַרבייטער, געזעגענט זיך מיט דער פאַבריק, אין וועלכער ער האָט אַלע זיינע יאָהרען פאַרבראַכט. אויף וויפיל זי איז איהם פריהער נמאס געווען האָט איהב דאָך איצט, פאַר'ן אָפּשיידען זיך פון איהר, עפּעס באַנג געטאָן. ער האָט יעדען איינציגען די האַנט געגעבען,

אפילו דעם מייסטער, וועלכען ער האָט שרעקליך פיינט געהאַט. איינע פון די מיידלאך האָט זיך אָפּגעדרעהט אָן א זייט און אויסגעווישט די אויגען...

זעליג'ן האָט זיך דאָס מאָל געדאַכט, אז ווי נאָר ער וועט אהיים קומען ווארט שוין דאָרטען אויף איהם דער טויט און ער וועט זיך באַלד אוועקלעגען און שטאַרבען, און ווי ער איז אריינגעקומען אין קליינעם צימערעל האָט ער זיך באַלד אוועקגעלעגט אויפ'ן שמאָל-אייזערנעם בעטעל און געקוקט מיט ברייט-צו־עפענטע אויגען... ער האָט זיך איינגעהערט אין דער טויטער שטילקייט, געקוקט אויף די לעדיגע ווענט, אויפ'ן סופיט, אויף דאָס שמוציגע פענסטער און — געטראַכט פונ'ם טויט. איהם האָט זיך געדאַכט אז אָט־אָט וועט ער זיך פון ערגעץ באַווייזען...

ער איז אזוי לאַנג געלעגען, ביז ער איז אנטשלאָפען געוואָרען. און אַ שלאָף איז עס געווען אַ קאַלטער און אַ שיטערער... אַ פּאָר מאָל האָט זיך איהם געדאַכט, אז עס דרעהען זיך עפּעס אומבאַקאַנטע מענשען אין צימער... זיי האָבען גאָרנישט געטאָן, נאָר גלאַט אזוי זיך ארומגעדרעהט, איינער אַהער, איינער אַהין, און דאָך איז עס געווען עהנלאַך אויף דעם, ווי זיי וואָלטען עפּעס יאָ געטאָן... אויפּלעצט האָט ער דערשפּירט, ווי אימיצער שלעפּט איהם אַ שוך פון פוס און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אַ צומישטען צושראָקענעם קוק צו די פיס געוואָרפען, נאַכהער איז ער אַראָפּ פון בעטעל, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער: אַ נאַסער גרויער טאָג, בלאָטיגע טראָטואַרען און צעהנדליגער פּיס און קאַלאָשען דרעהען זיך הין און צוריק. געשטאַנען איז ער ביים פענסטער ביז די נאַכט איז צוגעפאַלען. זעליג האָט דאָס קליינע לעמפּעלע אָנגעצונדען און ווי פון דער פּאַדלאָגע ארויס האָט זיך באַוויזען אַ גרויסער געדיכטער שווארצער שאָטען, וואָס איז מיט אַ העלפט אָן סופיט אָנגעשפּאַרט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט ער זיך ארומגעדרעהט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, האַלטענדיג פאַרבויגען דעם אָנווייז־פינגער צווישען די ציין, און געטראַכט פונ'ם טויט... איהם

דאָט זיך געדאכט, אז ער שוועבט ביי איהם אין צימער ארום און קוקט נאָר אוים, ער זאָל זיך לעגען שלאָפען...

---

נישט געוואוינט ארומצוגעהן לעדיג, ווערט איהם נודנע אויפ'ן הארצען. ער איז אלע יאָהרען געוואוינט צו ארבייטען. ער וואָלט אפילו איצט אויך געארבייט, ווען מ'זאָל איהם ערגעץ וועלען צונעמען. ער וואָלט געארבייט, ביז ער וואָלט אויסגעגאנגען ביים ווערקשטאָט. אלץ איינס: שטארבען וועט ער דאָך שוין, פריהער־שפּעטער, איז טאקע גלייכער פריהער. ער גיט א הוסט און שפּייט אוים א שטיק בלוט. די ערשטע צייטען פלעגט ער שפּייען אין דער האנט און באטראכטען; היינט קוקט ער שוין נישט. עס איז שוין ביי איהם קיין נייעס נישט.

זעליג וויל, אז די צייט זאָל לויפען; ער ווייסט אליין נישט, פארוואָס. בייטאָג וויל ער, עס זאָל ווערען נאכט, און ביינאכט קוקט ער ארוים אויפ'ן טאָג. ער האלט אין איין קוקען אויפ'ן שווארצען זייגערעל אויף זיינעם. ער קוקט כמעט אלע מינוט און אויף יעדער מינוט דאכט זיך, אז א האלבע שעה וואָלט שוין באדארפט זיין, זינט ער האָט א קוק געגעבען, און חוץ דעם האָט ער גלאט ליב קוקען אויפ'ן זייגער. איהם ווערט עפּעס היימ־לאכער, הערענדיג דאָס קלאפּען. ער פיהלט נעבען זיך א לעבע־דיגען נפש... גאנצע נעכט הערט ער זיך איין צו די דראָבנע קלעפּערלאך. עס דאכט זיך איהם, אז ס'רעדט אויף אזא מין געדאנקען־שפּראך, און אמאָל — אז עס דערצעהלט גאנצע מעשיות, אזעלכע, וועלכע האָבען שוין לאנג, לאנג געפעהלט, דערצעהלט עפּעס אזעלכעס, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט אומקעהרען...

---

די נאכט איז מיט איהר גאנצער פינסטערקייט אין צימער אריינגעפאלען. די שאָטענס האָבען אויפגעהערט ארומצושפּרינ־גען, זיי האָבען זיך מיט דער נאכט צונויפגעגאָסען. זעליג האָט אָנגעצונדען דאָס לעמפּעל, און פארקוקענדיג זיך אין פייערעל,

איז פאַר איהם דאָס גאַנצע לעבען איבערגעגאַנגען, פון די קינ־דער־יאָהרען ביז דער לעצטער מינוט. באַזונדערס האָט ער זיך לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דער צייט פון דער אַרבייטער־באַוועגונג. ער האָט זיך אַ וואָרף געגעבען דערויף, ווי אויף אַ נייַ שטיק לעבען. ער האָט אפילו אויף אַ צייט אָן זיין שלאָפקייט פאַר־געסען, אין קאַלטע נאַסע נעכט אויף פאַרזאַמלונגען געלאָפען, פאַרטאָג אויפגעשטאַנען און געשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס אין די גאַסען, און נאָך און נאָך זכרונות, נאָהענטע און ווייטע, זיינען איבערגעגאַנגען אין זיינע געדאַנקען. ער האָט זיך אפילו אָן די לידער דערמאָנט, וואָס מ'פלעגט זינגען. פון אַלע לידער איז איהם שטאַרק געפעלען געוועזען דאָס ליד:

„דאָרט נישט ווייט אין אַ נאַסען חדר,
האַרט און קאַלט אויף אַ ביסעל שטרוי,
דאָרט ליגט אַן אַרבייטער אויף אַ ברוסט־פעהלער,
ער וויינט און שרייט: אוי וועה! אוי וועה!"

דאָרטען טיף ערגעץ זינגט זיך ביי איהם דאָס ליד, און אַ וואַרימער געשמאַקער טרויער וויקעלט זיך ביי איהם אַרום האַרצען. ער האָט דערפיהלט, ווי עס איז איהם הייס געוואָרען אין די אויגען און צוויי וואַרימע, נאַסע שנירלאַך האָבען זיך אָפּגעצויגען אויף די באַקען:

„הער צו מיין קינד די לעצטע רייד,
הער נאָר צו מיט פאַרשטאַנד;
אַזוי ווי איך נעם פון דער וועלט אָפּשייד,
שווער מיר צו און גיב מיר דיין האַנד"

און די שטילע טרויעריגע טענער גיסען זיך ביי איהם פון האַרצען אַרויס, שוואַרצע טענער, ווי פון אַ גאַנצען כאָר גוסס'־דיגע, פלעכטען זיך ביי איהם אין די אויערען; נאָר פּלוצלונג כאַפּט ער זיך, אַז ער אַליין זינגט דאָס ליד און איהם האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט עס גאָר פון ערגעץ ווייט־ווייט געהערט...

מיט דערשראָקענע תמ'עוואַטע אויגען האָט ער זיך אָנגע־הויבען אַרומקוקען אין אַלע זייטען, ווי ער וואָלט וועלען דערזעהן

די, פון וועלכע ער האָט דאָס ליד געהערט, נאָר ער האָט קיינעם נישט געזעהן אַ חוץ דעם שאָטען זיינעם אויף דער וואַנט...

עפּעס האָט איהם אָנגעהויבען צו שווינדלען אין די אויגען. אין די שפּיץ פינגער פון דער האַנט האָט ער אַ קעלט דער־שפּירט און פונ'ם גאַנצען קערפּער פון זיינעם האָט ער געפיהלט, ווי עפּעס געהט אַוועק פון איהם, ווי עפּעס טיילט זיך אָפּ און ס'געהט אַוועק אויף שטילע טריט, פון וואָס ס'ווערט איהם נישט גרינגער, נאָר, פאַרקערט, אַלץ שווערער און שווערער...

ער האָט זיך פּאַמעלאַך צוגעשלעפּט צום בעטעל, האַלטענ־דיג זיך מיט איין האַנד ביים שטערען און האָט זיך אַנידערגעג־לעגט. אַ פּאָר מינוט איז ער שטיל געלעגען און פּאַמעלאַך קאַלט האָט זיך דאָרטען ביי איהם עפּעס געטראַכט. דערנאָך האָט ער ווידער דערהערט דאָס ליד... טרויעריג־וויינענדיגע טענער האָ־בען זיך איבער'ן גאַנצען צימער געגאָסען און געדאַכט האָט זיך, אַז אַלץ העלפט איהם אונטער...

זעליג'ן איז עפּעס אַזוי גוט און גרינג געוואָרען אויפ'ן האַר־צען. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס באַזינגט מען איהם און ער אַליין, נישט פיהלענדיג, כאַפּט אונטער די ווערטער.

„דאָרט ליגט אַן ארבייטער אויף אַ ברוסט־פיהלער", רייסט זיך ביי איהם אַרויס... ער האָט דאָך אויך אַ ברוסט־פעהלער... און איהם טוט עס הנאה, וואָס ער קען זיך פאַרגלייכען מיט יענעם ארבייטער, פון וועלכען מ'זינגט דאָס ליד. איהם גלוסט זיך שטאַרק, אַז אַלץ, וואָס איז דאָ אין דעם ליד, זאָל זיין ביי איהם אויך...

„הארט און קאַלט אויף אַ ביסעל שטרוי..."
ביי איהם איז אויך קאַלט... דאָס געלעגער הארט...
„הער צו מיין קינד די לעצטע רייד..."
קיין קינדער האָט ער נישט...
און פון ווייט־ווייט ענטפער אַ גאַנצער כאָר:
„אַזוי ווי איך נעם פון דער וועלט אָפּשייד"...

... האָ ?...

מ'ענטפערט :

... „געה צום שטאַרבען יונגערהייד"...

... ? ? ?...

... שטאַ־אַ־רבען יונגערהייט...

# אין איינזאמקייט.

מ׳קלאפּט אין טיר, איך שפּרינג אויף און עפען : אַן אָרימאַן שטעהט מיט אַ פאַרקרימט פּנים, מיט אַן אויסגעצויגענער האַנט און מורמעלט :

— עפּעס אַ נדבה !

איך וויל איהם שיקען צו אַלע טייוואָלים, ערשטענס דערפאַר, וואָס איך בין געווען זיכער, אַז אימיצער איז געקומען צו מיר (כאָטש ווער האָט געקאָנט קומען ?) און צווייטענס דערפאַר, וואָס ער האָט מיך איבערגעריסען פונ׳ם שרייבען, נאָר איך האַלט מיך אָפּ, כאַפּט איהם דער גוטער יאָהר, אָט דעם שלעפּער ; ער זאָל ווערען אָנהויבען איבערצוקלערען, וואוהין מ׳קאָן יאָ אַריינגעהן און וואו ניט, וואָלט ער פאַרשפּאָרט אַרומצוגעהן איבער די הייזער ; מיר איז אפילו איינגעפאַלען, אַז ביי די פּראָפעסיאָנעלע שלעפּער האָט זיך שוין געמוזט אויסאַרבייטען אַ געוויסע טהירען־פּסיכאָ־לאָגיע, דאָס הייסט, נאָך די טהירען נאָך האָט זיך ביי זיי געמוזט אויסאַרבייטען אַ געוויסע פאָרשטעלונג, צי וועט מען דאָ יאָ געבען אַ נדבה און דאָרטען ניט, כאָטש וואָס פאַר אַ געמיינזאַמעס האָבען די טהירען מיט די מענשען ? אויף דער פראַגע נעם איך מיר ניט אונטער צו געבען אַ באַשטימטען ענטפער. עס גיבען אין לעבען פיל אַזעלכע ערשיינונגען, וועלכע בלייבען אומפאַרשטענדליך. צום ביישפּיל, אַזאַ מין ערשיינונג : דו זעהסט אַ מענשען אין גאַס, דאָס ערשטע מאָל אין דיין לעבען זעהסטו איהם און דיר פאַלט איין ,אַז דער מענש מוז הייסען יאַנקעל אָדער פייוועל. מיט מיר אַליין האָט איינמאָל געטראָפען אַזאַ קוריאָז : איך בין געגאַנגען אין גאַס, פאַר מיר איז געגאַנגען אַ מיידעל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען בלאָנדען צאָפּ. דאָס געזיכטס איהרס האָב איך ניט געזעהן, נאָר

א שטיקעל פּראָפיל, און מיר איז איינגעפאַלען, אז דאָס מיידעל מוז הייסען מאַניא, און האָב זי טאַקע א רוף געגעבען — „מאַניא״, און האָב מיך געוואונדערט, וואָס זי האָט זיך ניט אָפּגערופען.

דער איינפאַל וועגען דער בעטלער־פאָרשטעלונג וועגען די טהירען, האָט מיך אריינגעבראַכט זעהר אין א גוטען הומאָר. איך בין שטאַרק פרעהלאַך געוואָרען דערפון, וואָס איך האָב שוין א נייע טעמע. איך האָב איהם א ווײַלע באַטראַכט, אריינגעלעגט צוויי פינגער אין דער וועסטעל־קעשענע און געפרעגט:

— וויפיל ווילט איהר ביי מיר א נדבה?

ער קוקט מיך פאַרוואונדערט אָן. איך פאָרשטעהע זיין קוקען: אזא פראַגע הערט ער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען.

— זאָגט וויפיל איהר ווילט! — האָב איך אומגעדולדיג דאָס צווייטע מאָל געפרעגט.

ער שווייגט, קוקט אויף מיר מיט שמייכלענדיגע אויגעלאַך, באַקוקט אין צימער, באַטראַכט מיין ווירטשאַפט, וויל זיך מסתמא אַזוי אַרום אָריענטירען, צי בין איך טאַקע אזא פאַרמעגליכער, וואָס איך שטעל איהם אזא פראַגע, און פיליכט מאַך איך גאָר פון איהם חוזק? יאָ, דאָס האָט ער געמיינט, ווייל ער האָט זיך פּאַמעלאַך, מיט א באַהאַלטענעם פאַרדרוס, אָנגעהויבען אָפּצורוקען און זיך געלאָזט אַנטקעגען איבער צו דער צווייטער טהיר.

— רב איד! — שריי איך צו איהם, — וואָס געהט איהר אַוועק? איך טרייב מיט אייך קיין קאַטאָוועס ניט. זאָגט וויפיל איהר ווילט, וועל איך אייך געבען.

— צוויי קאָפּיקעס! — האָט ער אָהן צוטרוי געענטפערט.

איך צולאַך מיך: צוויי קאָפּיקעס. מעהר האָט ער שוין גאָר קיין השגה ניט, און אפשר האָט אָט דער שלעפּער מיט זיין שלעפּערישער נאָז דערשמעקט, אז איך בין א גרויסער דלות און איך וועל איהם מעהר ניט פאַרמאָגען צו געבען, אויב אזוי — וועל איך דיר שוין ווייזען, אז דאָס מאָל האָסטו א גרויסען טעות געהאַט (כאָטש ער האָט קיין טעות ניט געהאַט) און כאַפּ אַרויס א גריוונע, די לעצטע גריוונע, און גיב איהם, זאָגענדיג דערביי:

— זעהט איהר, איהר האָט זיך גראָד דאָס מאָל אָפּגענאַרט... איהר מיינט אודאי, אַ קבצן וואוינט דאָ... איהר וואָלט זיך געמענט ווינשען פאַרדינען אַלע טאָג, וואָס מיר וואַקסט אַ טאָג פּראָצענט... און אַ חוץ דעם, וויפיל געלט איך פאַרדין אַזוי. נאָר מיינט ניט, אַז איך בין תמיד אַזאַ מילדער... די גרויסע נדבה גיב איך אייך פאַר דעם, וואָס מיר איז, אַדאַנק אייך, איינגעפאַלען אַ טעמע... איהר ווייסט וואָס דאָס איז? נאָר דאָס איז פאַר אייך ניט וויכטיג... איך קאָן אייך נאָר זאָגען, אַז אייער באַזוך וועט מיר אַריינברענגען אַ פּאָר צעהנדליג רובעל... פאַרשטעהט איהר ווידער ניט, דער טייוועל זאָל עס נעמען, איך ווייס ניט, ווי אַזוי מען גיט עס אייך צו פאַרשטעהן... איך בין אַ שרייבער... אַ שריפטשטעלער, איהר ווייסט וואָס דאָס הייסט?... נו, אַ ליטעראַט... נו, אַזעלכער, וואָס שרייבט אין די גאַזעטען, אַזעלכער וואָס מאַכט ביכלאַך, ביכלאַך! איהר ווייסט דאָך, אַז ס'זיינען דאָ ביכלאַך אויף דער וועלט. יאָ, איהר ווייסט, נו, גוט, בין איך איינער פון יענע, וואָס מאַכען ביכלאַך, אַ פאַרפאַסער בין איך. ווייסט איהר שוין. נו, איז אויף די ביכלאַך דאַרף מען האָבען טעמעס... אַ טעמע איז אַזאַ מין זאַך, ווי זאָל איך אייך זאָגען?... נו, אַזאַ מין זאַך, וואָס אָהן דעם האָט מען ניט וואָס צו שרייבען. און אַלס טעמע קאָן דינען יעדע זאַך: אַ מענש, אַ קאַץ, אַ הונט, אַ קאַלב, אַן אינדיק, אַ פערד און אַ מייזעל קומט אַמאָל אויך צו־נוץ, און אויב איהר ווילט נאָר וויסען — אפילו אַ פליג אויך. איהר קוקט מיך אָן. זאָל איך אַזוי לעבען, ווי איך זאָג אמת. איך האָב אַליין געלייענט, ווי אַ נאַרוועגישער שרייבער האָט אָנ־געשריבען אַ מעשה פון אַ פליג און האָט, פאַרשטעהט איהר מיך, דערפאַר אָפּגענומען די שעהנע מטבעות... אַנטקעגען וואָס זשע דערצעהל איך עס אייך? אַנטקעגען אייך טאַקע. איהר, מיט אייער באַזוך, האָט מיר געגעבען אַ טעמע אָנצושרייבען אַ מעשה פון אַ בעטלער, ביי וועלכען ס'האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ געוויסע פאַרשטעלונג נאָך די טהירען נאָך, צי וועט מען איהם דאָ יאָ געבען אַ נדבה און דאָרט... קיין מענשען זעהט ער קיינמאָל ניט, ס'הייסט

די מענשען, וואָס גיבען איהם די נדבה... אָ, וואָס, ניט אמת? זאָגט מיר די וואַרהייט, צי האָט דען איינמאָל מיט אייך געטראָפען, איהר זאָלט ביי דעם זעלבען, וואָס האָט אייך פריהער מיט א פּאָר מינוט געגעבען א נדבה, איהר זאָלט בעטלען נאָך אמאָל, ווען איהר טרעפט איהם צופעליג אין א צווייטער שטוב?... איהר שמייכעלט, געטראָפען הייסט עס... איהר וואונדערט זיך אודאי, פון וואַנען איך ווייס עס; איהר מעגט מיר גלויבען, אז איך בין קיינמאָל קיין בעטלער ניט געווען, און אין דעם טאַקע ליגט די גאַנצע קונץ. און נעמט אשטייגער דאָס, וואָס איך באַשרייב ניט קיין מענשען, נאָר א פערד, א פּשוט'ן פערד, קריך איהם אריין אין מוח אריין און דערצעהל, וואָס ער טראַכט, וואָס ער פיהלט, און אז איך בין קיינמאָל קיין פערד ניט געווען, וועט איהר מיר דאָך זיכער גלויבען... נאָר איך זעה, אז איהר איילט זיך — פרנסה! גאַנץ גוט, נאָך א פּאָר מינוט וועט איהר זיך געהן געזונטערהייט. איך וויל אייך נאָך איין זאַך פרעגען, נאָר איהר זאָלט אויף מיר קיין פּאַראיבעל ניט האָבען און בעט אייך, איהר זאָלט מיר אָפענהערציג ענטפערען אויף מיין פראַגע: זאָגט מיר, איך בעט אייך, צי האָט איהר שוין אמאָל צוגענומען פון א צווישען־טהיר א כשר געמאַכטעס עוף, אָדער אן אויסגעזאַלצען שטיקעל פליייש... איך בעט אייך צעהן טויזענט מאָל איבער, איך באַדאַרף עס נויטיג וויסען, איך וויל וויסען, וואָס איהר האָט געפיהלט, טראָגענדיג אין קעשענע אזא גנבה... דאָס דאָזיגע געפיהל איז מיר א ביסעל פרעמדלאַך... וואַרט אויס, אנטלויפט ניט, איך מיין חלילה ניט, אז איהר זייט א גנב, איהר קאָנט זיך זיין א גאַנץ עהרליכער איד, אפילו ניט טשע־פּען א זילבערנעם לעפעל, וואָס בעט זיך אין טאַש אריין, נאָר... נאָר אזא מין אַרט גנבה... א גוטען טאָג! א גוט יאָהר...

נאָך זיין אוועקגעהן, האָב איך פלינק איינגעטונקט די פעדער און פאַרשריבען א נייע טעמע: „אן אָרימאַן", און אַרונטערגע־רוקט אונטער דער צייטונג, וועלכע איז געלעגען פאַרשפּרייט אויפ'ן טישעל, און האָב מיך גענומען צו מיין אַרבייט.

געשריבען האָב איך „א בריף צו א מיידעל". געשריבען האָב

איך איהם צו מיינער אַ באַקאַנטער, נאָר געטראַכט האָב איך, אויב דער בריף וועט האָבען אַ וועלכען עס איז ליטעראַרישען ווערט, וועל איך איהם שיקען ניט צום מיידעל, נאָר אין רעדאַקציע. דער אינהאַלט איז באַשטאַנען אין פאָלגענדעס:

איך האָב זיך מיט איהר געזעגענט, געשריבען, אַז מעהר וועל איך זיך מיט איהר ניט באַגעגענען. די סבה דערפון האָב איך ניט געפונען פאַר מעגליך איהר צו שרייבען, ניט וועלענדיג ערנידעריגען מיין אויטאָרישע זעלבסטווירדע. אָט דאָס מיידעל, מיט וועל־כער איך האָב זיך באַקענט נאָך איידער איך האָב אָנגעהויבען צו שרייבען, האָט מיך באַליידיגט מיט איהר גלייכגילטיגקייט צו מיין ליטעראַרישער טעטיגקייט, זי האָט אויף קיין האָר ניט געענדערט איהרע באַציהונגען צו מיר. ווען איך בין געגאַנגען צו איהר, האָב איך אָנגעפּאַקט אַ פולע בוזעם־קעשענע מיט מאַנוסקריפּטען, מיט דער האָפנונג, אַז זי וועט מיר בעטען, איך זאָל איהר עפּעס פאָר־לעזען, און בין תמיד אוועקגעגאַנגען ווי אַן אָפּגעשמיסענער, ווייל זי האָט מיר קיינמאָל ניט געבעטען, איך זאָל איהר עפּעס לייענען פון מיינע ווערק. נאָר דאָס איז נאָך ניט אינגאַנצען. איך האָב באַמערקט פון דער צייט, וואָס איך האָב אָנגעהויבען צו שרייבען, אַז זי איז עפּעס אומעטיג געוואָרען, גלייך ווי זי וואָלט ניט צו־פרידען געווען מיט מיין ליטעראַרישער אַרבייט, און האָב איך גע־פּרואווט צו רעדען דערפון, האָט זי זיך געמאַכט גלייך ווי זי הערט ניט, און זייענדיג שטאַרק אויפגערעגט פון אַזאַ באַציהונג צו מיין שאַפען, בין איך אָפּט אַנטלאָפען אַהן אַ „זיי געזונט", און זי האָט מיך קיינמאָל ניט געפרעגט וואוהין איך לויף. אויף מאָרגען, ווען איך בין געקומען צו איהר, האָב איך זי געטראָפען מיט אַ פאַר־בונדענעם קאָפּ, און זי, מורא האָבענדיג איך זאָל ניט מיינען, אַז איך בין די סבה פון איהר קאָפּ־וועהטאָג, האָט אַלע מאָל אויסגע־קלערט אַן אַנדער אורזאַך. דאָס האָט זי מיר געזאָגט, אַז ס'איז געווען אַ טשאַד אין שטוב, אַמאָל אָפּגעזוכט אַן אַנדער תירוץ און געקוקט אין אַ זייט אריין, האָט זיך אָפּגעזוכט אַן אַרבייט אין די הענט אריין, כדי זי זאָל האָבען וואוהין די אויגען אהינצוטאָן, און

איך בין פּאַמעלאַך צוגעגאַנגען צו איהר, אַרויסגעשלעפּט די אַר־בייט פון די הענט און געזאָגט:

— קוקט אויף מיר! איך וויל, איהר זאָלט קוקען אויף מיר. אַז איך בין דאָ, וויל איך ניט, איהר זאָלט זיין פאַרנומען מיט אַן אַרבייט.

זי איז געבליבען זיצען מיט נאַכלעסיג אַראָפּגעלאָזטע הענט, אַרומגעבלאָנדזשעט מיט די אויגען איבער'ן שטוב און אַ געדיכטע ראָזע פאַרב האָט פאַרגאָסען די פּוכקע בעקלאַך איהרע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ ? מיר דאַכט, ניט קיין שלעכטער מאַטעריאַל... איך וועל מיר אַלענפאַלס איבערלאָזען אַ קאַפּיע. אויב ס'וועט ניט זיין גע־דרוקט, וועל איך דעם בריף צושיקען צו איהר.

# דער ליידיג־געהער.

ס'האָט מיר לענגער געהאַט איינער געזאָגט, אַז שרייבעריי איז אַ רעזולטאַט פון ליידיג אַרומגעהן. ער האָט מיר טאַקע פּשוט געזאָגט „ווען איך האָב אַזאַ פּוסטען קאָפּ ווי איהר, וואָלט איך אויך געשריבען."

איך ווייס ניט אויף וויפיל דאָס איז אמת, נאָר ווייסען ווייס איך פון דעם, אַז איך בין אַ ליידיג־געהער און שרייב. קיין איבערקלייבער בין איך ניט. איך שרייב קאָרעספּאָנדענציעס, שיק אַמאָל אַריין אַ גלייכווערטעל, נאָר איצט האָט זיך מיר פאַר־גלוסט צו שרייבען אַן ערצעהלונג. צי וועט זי טויגען צי ניט, דאָס וועל איך שוין זעהן שפּעטער, ווען די ערצעהלונג וועט זיין אָנגעשריבען. ריזיקירען ריזיקיר איך מיט גאָר ניט. צייט איז דאָ גענוג. פאַרשפּאַר איך זיך אַרומצודרעהען אין די גאַסען. אַך, ווי נמאס די גאַסען זיינען מיר! מיר דאַכט, אַז אַלע קוקען מיר נאָך, טייטלען אויף מיר מיט די פינגער: אָט געהט דער לעדיג־געהער. באַזונדערס דאַרפען מיך קענען די קרעמער. זיי שטעהען דאָך כסדר ביי די טירען, ימח שמם! און וואָלט מיך אַמאָל אימיצער פאַרטשעפּעט און געזאָגט פּאַני, וואס קויפט איהר עפּעס? שטעלט זיך פאַר אַ אידענע, וועלכע זיצט ביז שבועות ביי א פייער־טאָפּ אין דרויסען, אַ אידענע מיט אַ שפּיציגען בויך און מיט נאַסע, רויטע אויגעלאַך, אַ אידענע, וועלכע לאָזט ניט דורך קיין „מוטער נפש" זי זאָל איהם ניט בעטען צו זיך אין קרעמעל אַריין — אפילו די אידענע רופט מיך אויך ניט. און איך בין זיך מודה ומתודה, אַז דאָס קרענקט מיך ביז דער זיבעטער ריפּ. כאָטש, אַז איך וויל, דאַרף איך מיר דערויף ניט וואונדערען, ווייל די אידענע קען מיך און ווייס,

אז איך קען צו איהר גאָר ניט דארפען. נאָר דאָס אליין פאַר־דריסט דאָך מיר אויך. נאָך וואָס עפּעס דאַרף זי מיך קענען? אז איך דערווייטער מיך אַ פּאָר קלאַפּטער ווייט פון אונזער שטוב, הויב איך אָן גיך צו געהן. אָט לאָז מען מיינען, אז איך געה ערגעץ געשעפטליך.

ווי איהר זעהט שוין, ליבע לעזער, וועט די ערצעהלונג זיין געשריבען פון מיר אליין, ס'הייסט, איך וועל דאָ זיין דער הויפּט־העלד. איך וועל זיך אליין באשרייבען. מיר דאַכט, אז דאָס איז קיין חלוק ניט פאַר'ן לעזער, צי דער אויטאָר באשרייבט אימיצען, צי זיין פּערזאָן. ס'דאַרף נאָר זיין אינטערעסאַנט. ווייס איך ניט, מיר דאַכט, אז איך בין אַ גאַנץ אינטערעסאַנטער עקזעמפּליאַר. איך וואָלט אפשר גיכער געדאַרפט אַ נאָמען געבען די ערצעהלונג „נאָטיצען פון אַ לעדיג־געהער", און זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, אז איצט, זיצענדיג ביים טיש, פיהל איך מיר גאַנץ גוט מיט מיין „פּראָפעסיע". אויף מיין עהרען־וואָרט, אז איך האָב עפּעס אין זיך אָריגינעלעס, אייגענאַרטיגעס, אזעלכעס, וואָס ניט קיין פּריקאַשטשיק און ניט קיין בעל־מלאכה, אין קורצען, די אלע יענע, וועלכע זיינען פאַרנומען צו פאַרדינען אויף זייער חיונה, קענען ניט זיין דאָס וואָס איך און נאָך פיל אזעלכע ווי איך.

עס קען זיין, אז יענער איז טאַקע גערעכט, יענער וואָס האָט געזאָגט, אז צו שרייבען דאַרף מען האָבען אַ פּוסטען קאָפּ. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווער נאָך קען דען זיין אזוי איינדרוקס־פעהיג, ווי אַ ליידיג־געהער? ווער נאָך קאָן אזוי באמערקען יעדע קליינינקייט, מעג עס האָבען אַ מעהר אָדער וויניגער אינטערעס! פון מיין אויער געהט קיין קלאַנג ניט פאַרלאָרען און אלץ, אי דאָס געזעהענע, איז דאָס געהערטע מאכט אויף מיר אַן איינדרוק, געפינט ביי מיר אַ מאָרנעם אפּשיין, און פאַרפעסטיגט זיך ביי מיר אויף אַ צייט לאַנג.

שטעלט זיך פאָר אזאַ קליינינקייט: איך בין איינמאָל, שוין אַ יאָהר פיר אין דעם, ווי איך בין דורכגעגאַנגען דורך אַ

שטוב און דערזעהן אין פענסטער א יונגע פרוי (ס'האָט געקענט זײן אַ מײדעל אויך) איז געשטאַנען און געװײנט. קײן קול האָב איך ניט געהערט, נאָר די טרערען האָבען זיך שטיל געגאָסען, קענטיג, האָט זיך באַהאַלטען פאַר די שטוב־מענשען. דאָס איז געװען אין הערבסט. נידעריג איבער די הײזער זײנען װאָלקענס געקראָכען, די אױסגעפּינסטערטע ערד איז געװען שרעקליך בלאָטיג, כאָטש קײן רעגען איז ניט געגאַנגען. פון צײט צו צײט איז געפאַלען אַ קאַלטער טראָפּען אױפען פּנים, נאָר איך האָב ניט געװאוסט, צי פאַלט ער פון הימעל, פון די טעלעגראַף־דראָטען, פון די אױסגעקראָכענע בױמער אָדער די לופט אַלײן, די נאַסע לופט האָט פון זיך אַ קאַלטען טרער געלאָזט; נו, דאכט זיך װאָס איז דאָ? איז געשטאַנען אַ װײבעל און געװײנט. װעמען געהט עס אָן? אַ פרעמד װײבעל, דו קענסט זי ניט און װײסט זי ניט. און װאָלט איך געװאוסט, אַז דאָס װײבעל װײנט דערפאַר, װאָס זי האָט ניט װאָס צו עסען, אָדער דער מאַן האָט זי באַלײדיגט, אָדער כ'װײס דאָרטען איבער װאָס נאָך אַ פרוי קען װײנען, װאָלט מיך ניט געאַרט. נאָר די טרערען זײנען אָבער ניט געװען פון יענע. װער װײסט װיפיל אַזעלכע טרערען װערען פאַרגאָסען אין דער שטיל און עס װײסט ניט פון זײ קײן מוטער־נפש; װאָסער זײנען יענע טרערען, װעלכע אַ פרוי פאַרגיסט װען אַנדערע זעהען זײ; בלוט זײנען אָבער די טרערען, װאָס װערען פאַרגאָסען בײ נאַכט אױפ'ן קישען... נאָר גענוג װעגען דער װײבעל.

הײסען הײס איך אײזיק. מײן פאַמיליע — הערשענהאָרן. נאָר איך מוז מיך אױפ'ן אָרט מודה זײן, אַז דער נאָמען מיט דער פאַמיליע איז אױסגעטראַכט, נאָר קאַליע מאַכען װעט עס ניט. דער װאוקס מײנער איז אַ מיטעלער, דאָס הײסט, איך בין ניט הױך און ניט קלײן. אַלט בין איך דרײ און צװאַנציג יאָהר. דרײ מאָל געשטאַנען צום פּריזיװ און „אַרױס״ מיט אַ בלױען בילעט. אַ פּנים האָב איך אַ לענגליכען און אַ דאַרען, נאָר איך זעה אױס יונג און פריש. אױף די באַקען איז בײ מיר

שטענדיג א פארב צוגאָסען, א געדיכט רויטע פארב. פון די אויערען ביז אונטער די אויגען. אויערען קליינינקע, וועלכע שטעהען נידעריגער ווי ביי אלע מענשען און זעהר נאָהענט צום האלז און נאקען. און האָר האָב איך שווארצע, געדיכטע, און שער מיך דוקא צום קאָפּ. די באָרד מיט די וואָנצעס ראזיר איך, פארשנייד די „פּאות" גלייך מיט די אויערען „פּאָ אנגעלסקי". נאָר אמאָל, ווען ס'פארגלוסט זיך מיר, לאָז איך זיי וואקסען און נאָכדעם, ווי איך ראזיר מיך אָפּ, דערקענט מיך קיינער ניט, און דאָס טיילט מיר צו אביסעל פארגעניגען. אָנגעטאָן געה איך נאָך דער נייער מאָדע. א לאנג רעקעל אויף צוויי קנעפּלאך גע־שפּילעט, א קראגען מיט א לאנגען אייגען־האנדטיג אויסגע־בונדענעם שלייף און אויף לעצט — שיך לויט אמעריקאנער מאָדע און הויזען מיט א „קליאש".

דער טאַטע מיינער האלט א טראקטיר, חבר'ט זיך מיט'ן גאָראָדאָוואָי פון פאָסט. און ווען דאָס וועטער איז ניט גוט, כאפּט זיך דער לעצטער אריין צו אונז, רוקט זיך ארונטער אונטער דער „סטאָיקע" און מ'פארנעמט זיך צו שמועסען. אזוי איז דער טאַטע דוקא א שווייגענדיגער, נאָר קומט ער צונויף מיט דעם גאָראָדאָוואָי, ווייס איך ניט וואו ס'נעמט זיך צו איהם אזוי פיל רייד. עס איז כדאי צו באצייכענען אויך, דאָס אין דער צייט וואָס דער גאָראָדאָוואָי געפינט זיך ביי אונז, רעדט דער טאַטע קיין וואָרט אידיש ניט, אפילו מיט זיין אייגענער פאמיליע, נאָר אלץ ווערט גערעדט אויף רוסיש, און מ'מוז איהם ענטפערען אויף דער זעלבער שפּראך. און נעמט דער „פּריץ" א „גלעזעל", דאן ווערט שוין גאָר פרעהלאך. דאן הויבט ער אָן צו זידלען די אומה זיינע, רעכענט אויס פארשיידענע חטאים און זאָגט, אז דאָס בעסטע, ,דאָס שעהנסטע, און דאָס פיינסטע פאָלק זיינען אידען. נאָר מיין טאַטע זאָגט, פונקט דעם היפּך, אז די קריסטען זיינען א גוט פאָלק און ער „שפּייט אויס" אויף אידען, און דער־צעהלט איהם אלע מאָל וואָס פאר א שונאים אידען זיינען איינער דעם צווייטען, ווי אזוי איינער ביים אנדערען רייסט דעם ביסען

פון מויל, ווי אזוי אײנער דעם צווייטען מסור'ט, ווי אזוי אײנער דעם אנדערען וואָלט געוואָלט דערטרינקען אין אַ לעפעל וואַסער.

דער לעצטער ריין־אידישער אויסדרוק איז דעם גאַראַדאָוואָי ניט פארשטענדליך, און ער פרעגט בתמימות, צי איז מעגליך, אַ מענש זאָל קאָנען דערטרונקען ווערען אין אַ לעפעל וואַסער. דער גאַנצער כעס דעם טאַטענ'ס האָט זיך גענומען אויף אידען פון יענער צייט אָן, וואָס אנטקעגען אונז האָט זיך אײנער אַ איד געעפּענט נאָך אַ ביר שענק און עס זײנען אריבער אהין פיל קליענטען, אם מייסטען באַהן־באַאמטע, פון וועלכע דער טאַטע האָט געצויגען זיין חיונה, און אריבער זײנען זיי אהין דערפאר, וואָס דער טאַטע האָט ניט געוואָלט אפּקויפען ביי זיי די באַהן־גנבות.

קיין מוטער האָב איך ניט. געשטאָרבען איז זי ווען איך בין נאָך אַ פּיצעלע געווען. נאָר וואונדערליך, וואָס ערגעץ טיף אין מיין מוח האָט זיך, איך געדענק ניט פון וואָס פאר אַ צייט, אויסגעארבייט אַ פאָרשטעלונג וועגען איהר. מיר דוכט, אַז זי האָט געדארפט זיין העכער פון מיטעלען וואוקס, אַ שמאָל־ביינערדיגע, אַ לענגליך געזיכט און שווארצע אויגען. מעגליך, אַז זי איז ערגעץ אָפּגעפאָטאָגראפירט געווען אין מיין מוח אין יענער צייט, ווען זי האָט מיך ביי זיער ברוסט געהאלטען. ווען איך זאָג אַמאָל דעם טאַטען, אַז איך געדענק דער מאַמען, לאַכט ער פון מיר. ער זאָגט, אַז ווען זי איז געשטאָרבען, בין איך נאָך אפילו קיין יאָהר ניט אַלט געווען. און נאָך וואָס, איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך געדענק אפילו ווי זי איז געשטאָרבען... ערגעץ איז ביי מיר אַ שרעקליך אומרוהיג געפיהל פארגליווערט געבליבען.. מעהר פון אַלעם פארדריסט דעם טאַטען, ווען איך זאָג איהם, אַז איך געדענק די גרויסע שרפה. דאָ שפּרינגט ער גאָר פון די כלים ארויס — ווי קען איך עס געדענקען, אַז איך בין נאָך דעמאָלט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען... די מאַמע איז מיט מיר געווען אין זיבעטען חודש... נאָר איך „געדענק" עס דאָך פּאָרט. איך קאָן ניט זאָגען „געדענק", נאָר איך פיהל מיט יעדען

אבער עפּעס אויסערגעוועהנליכעס, שרעקליכעס... א שטומער, טעמפּער שרעק זיצט ערגעץ ביי מיר אין דער נשמה איינגעפּרעס־סען... צו־מאָל, ווען איך פאַרטיף זיך אין דעם אומדייטליכען געפיהל, זעה איך אפילו די פלאַמען, נאָר ניט קיין רויטע, נאָר שווארצע... אויף א גרויסען שטח, איבער אומבאקאנטע הייזער פלאַטערען שווארצע קודלעס.

זעלבסטפארשטענדליך, אז איך האָב ניט קיין מאַמע, האָב איך א „מוהמע". מיט איהר האָט דער טאַטע קיין קינדער ניט געהאט, נאָר זי האָט א מיידעל פון יענעם מאַן. דאָס מיידעל איז אין איינע יאָהרען מיט מיר, נאָר ווייל זי איז קליין און דאַר זעהט זי אויס פיל איינגער פון מיר.

קינדערוויין האָב איך זי אויך ניט האָלד געהאט, נאָר וואָס עלטער איך בין געווארען, האָב איך זי אלץ מעהרער אנגעהויבען צו האסען, און עס פארדריסט מיר אויף איהר וואס זי באמערקט עס ניט. איך האָב א טבע, אז איך האָב אימיצען ניט האָלד, ווילט זיך מיר יענער זאָל עס פיהלען. נאָר באזונדערס דאָ, מיט איהר. מיין פארלאנג וואָלט אפשר אזוי שטארק ניט געוועזען, איך זאָל זיכער זיין, אז זי גיט אמאָל א קלער, אז איך האָב זי ליב... ווער ווייסט איהר? אפשר האָט זיך ביי איהר לאנג אויסגעאַר־בייט א פּלאַן, אז איך וועל זיין איהר חתן! און אפשר ווייסט אויך די מאמע איהרע דערפון, און דערפאר פארהאלטען זיי זיך צו מיר אזוי גוט... איך האָב מורא דערפאר... איך ווייס ניט, נאָר מיר דאכט זיך, אז אויב די מאַמע מיט דער טאָכטער וועלען מיר מאכען דעם פאָרשלאַג, וועל איך זיך ניט קאָנען אָפּזאָגען. פאר וואָס? איך ווייס אויך ניט פארוואָס.

דאָס מיידעל הייסט גריסעל, און די מאמע איהרע — נחמה. נאָר מיר דוכט, אז ביידע וואָלטען באדארפט הייסען איין נאָמען, ווייל איך האָב נאָך אויף מיין לעבען ניט געזעהן אזא עהנליכקייט פון א טאָכטער צו א מוטער; ווען ביידע וואָלטען געוועזען אין איינע יאָהרען, וואָלט זיי אוממעגליך געוועזען צו דערקענען. מיר דאכט, אז אזא מין עהנליכקייט וואָלט נאָר געקענט מעגליך

זיין אין יענער צייט, ווען א פרוי זאָל קאָנען אָהן א מאנסביל האָבען אַ קינד... מיר ווערט, איך וויים ניט פארוואס, ניט איין מאָל אומעטיג אויפ'ן הארצען. ניין, ניט אומעטיג, נאָר עפּעס א מין מיסטיש געפיהל נעמט מיך ארום, ווען די ביידע, די מאמע מיט דער טאָכטער, כאַפּען זיך איינצייטיג צו טאָן איין ארבייט אָדער ריידען זיך אוים איינצייטיג מיט איין און די זעלבע ווערטער. מיר דאכט זיך, אז די ביידע קערפּערם האָבען א שותפות'דיגע נשמה און די געדאנקען זייערע זיינען צונויפגע־בונדען מיט אן עלעקטרישען שטראָם. עס מאכט זיך אָפט, ווען איך זיץ אין מיין צימער, זאָל פריהער איינע אן עפען טאָן די טיר און אריינשטעקען דעם קאָפּ, און אין א פּאר מינוט ארום טוט עס די צווייטע. מערקווירדיג איז דערביי, דאָס וואָס די טיר עפענט זיך און פארמאכט זיך ביי זיי ביידען גלייך, דאָס הייסט, איינע גיט ניט קיין שטארקערען קלאפּ פאר דער צווייטער, און אַלע מאָל ווען איך פרעג, וואָס מ'זוכט, ענטפערט די מאמע, אַז זי זוכט דער טאָכטער, און די טאָכטער — דער מאמען. וואונדער איך זיך: פארוואָס זוכען זיי זיך תמיד ביי מיר אין צימער, אין דער צייט, ווען עס האָט נאָך קיין מאָל ניט געטראָפען, ס'זאָל ווער פון זיי זיצען ביי מיר. אין זעלטענע צופאַלען פארבלאָנ־דזשעט די מאמע אָדער די טאָכטער, ווען זיי דארפען עפּעס נויטיג.

איין מאָל, ווען גריסעל האָט אריינגעשטעקט דעם קאָפּ צו מיר אין צימער אריין, האָב איך מיר אויפגעהויבען פון מיין שרייב־טיש און א וואונק געגעבען מיט'ן קאָפּ זי זאָל אריינגעהן. זי האָט מיך א ווילע פארוואונדערט אָנגעקוקט און געקלערט האָב איך דעמאָלט, אז פונקט אָט אזוי וואָלט די מאמע איהרע געקוקט ווען איך וואָלט איהר געווינקען אין אזא מאָמענט.

— וואָסי? — האָט זי געפרעגט.

— גאָר ניט, האָסטו מורא אריינצוגעהן?

— מורא? — האָט זי איבערגעפרעגט, פארמאַכענדיג אין דער גיך די טיר און האָט זיך דערביי אזא קרים געטאָן, אז מיר

האָט זיך אינווייניג עפּעס איבערגעקעהרט. איך האָב געקוקט אויף איהר אַ פּאָר מינוט און ענדליך געזאָגט:

— פאַרוואָס האָסטו שוין ניט חתונה, פאַרוואס?

— פאַרוואָס איך האָב ניט חתונה? — האָט זי מיך קאַלט־בלוטיג איבערגעפרעגט, גלייך ווי זי וואָלט זיך געריכט אויף דער פראגע.

— נו, יאָ, נו... איך מיין עס...

זי האָט מיר גאר ניט געענטפערט. נאָר ווי אַן ענטפער איז געווען דאָס, וואס זי האָט פּלוצים פון לאַץ אַ שפּילקעלע אויס־געשלעפּט און האָט עס זיך אין בלוזקע אריינגעשטאָכען און האָט פּאמעלעכקע פארלאָזט דאָס צימער...

# פאר פסח.

שוין דעם ערשטען טאָג נאָך פורים האָב איך דערזעהן דעם טאַטען מיינעם מיט אַן אָראָפּגעלאָזטען קאָפּ. מיר האָט זיך ניט געגלויבט, אַז דאָס איז דער זעלבער, וואָס האָט זיך ערשט נעכטען נאַריש געמאַכט ווי אַ קליין אינגעלע, געזונגען, געטאַנצט און געשפּילט אויפ'ן פידעלע „שושנת יעקב". ער האָט זיך ארומגע־דרעהט איבער דער שטוב שטיל פאַרטראַכט, האָט נערוועז געדרעהט די באָרד, געמאַכט אַ „קאַלטון" פון איהר און פון צייט צו צייט האָט זיך אין דער לופט אַ זיפץ דורכגעטראָגען. אַן אומעט האָט זיך געשפּירט אין יעדען ווינקעלע און אַלעס האָט שטום געפרעגט: וואו וועט ער נעמען אויף יום־טוב?

די ערנסטע עראינערונג פון מיין לעבען איז ביי מיר געבליבען די וואָך נאָך פורים. אין דרויסען איז ניט זומער און ניט ווינטער. די וועטערען בייטען זיך אַמאָל צעהן אַ טאָג. אָט געהט אַ שניי, אָט געהט אַ רעגען, אָדער עס פאַלט גאָר אַ האָגעל און מיט אַמאָל גיט אַ בלישטשע די זון. אַ בלאָטע ביז די קני. און אין שטוב ווערט נאָך ערגער ווי ווינטער, מ'גיט שוין ניט אַזוי אַכטונג אויפ'ן צומאַכען די טיר. די הרובע ווערט שוין אָפּט ניט געהייצט; עס איז אַ שרעקליכע אומאָרדנונג, כאָטש ס'איז נאָך גאָר ניט געטאָן געוואָרען אויף פּסח. אַלעס זעהט דאָ איבעריג צו זיין, אין דער צייט ווען מ'באַדאַרף עס נאָך אַלץ האָבען, איך מיין דאָ די דייזשע וואָס מען באַקט ברויט, די מולטער, די לאָקשען־ברעט, די קאָ־טשערעס מיט די לאָפּעטעס, וואָס וואַלגערען זיך און ליגען אויס־געצויגען אין מיטען דער קיך. און דאָס עסען? ווער רעדט שוין פון עסען?! די מאַמע שטעלט צו דאָס טעפּעל, פאַרשווינדט אויף עטלאַכע שעה און לאָזט „קיסנען" דאָס שטיקעל דרויב, וואָס זי

האָט דאָרטען געגעבען אַ שווינק איבער און אַריינגעוואָרפען אין טעפּעל, און מען עסט דעם וואַרעמעס מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער, ווי אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָהר. אַמאָל ציהט עס נאָך אַריין אין דער וועטשערע, דאָס הייסט, אַז פונ׳ם וואַרעמעס ווערט וועטשערע און מען קומט אָפּ אַ טאָג מיט אַ טרוקען שטיקעל ברויט מיט ציבעלע. נאָר דאָס וואָלט איך אַלעס געווען לייכט איבערגעטראָגען, ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז מ׳וועט מיר עפּעס מאַכען אויף יום־טוב. כ׳האָב געוואוסט, אַז דער פּסח, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען עס זאָל ניט זיין, וועט ער דאָך זיין, עס וועלען ניט פעלען קיין מצות מיט קיין אייער, עס וועט זיין פיש און פלייש, נאָר קיין גאַרניטערעל וועל איך ניט האָבען.

מיין וועהטאָג איז אַזוי גרויס געווען (מיר פאַר אייך, אָרימע אידישע קינדערלאַך). שטעלט זיך פאָר: אַ שטאָדט מיט שניידערס און שוסטערס: אַלע זיינען פאַרוואָרפען מיט אַרבייט, ס׳קלאַפּען די מאַשינעס, די האַמערס, מען אַרבייט ביי־טאָג און ביי־נאַכט; מען אַרבייט פאַר יעדען, נאָר פאַר מיר ניט! מיין בושה, מיין חרפּה האָט נאָר געמעגט קומען פאַר דעם וואָס לעבט אייביג... איך האָב מיך געשעמט פאַר די אינגלאַך, געשעמט פאַר די בעלי־מלאכות און אפילו פאַר זיך אַליין אויך.

אַ וואָך נאָך פּורים! דער אָנקומענדער גאַסט גיט זיך שוין צו שפּירען. עס צועפענען זיך די פאָדערשטע טירען, וועלכע זיינען אַ גאַנץ ווינטער געווען פאַרשמירט און פאַרקלאַפּט און עס באַווייזען זיך ווייבער מיט פאַרוויקעלטע קעפּ, מיט נאַקעטע פיס און צוריסענע שיך און אין אַלטע קאַלאָשען. דער אינדרויסען ווערט אָנגעפילט מיט בעטען און שאַפעס, מיט טיש און ביינק. די פליטען ווערען פאַרפלייצט מיט בעטגעוואַנט אין די היילע, פאַר־שיידענפאַרביגע איינשיטען און עס פליהען פעדערען אין דער לופטען. די זון ווערט אַן אָפּטער גאַסט. די ערד איז נאָך אפילו וואו ניט וואו אָנגעפעלצט מיט גראָבע שטיקער אייז, און עס פיהלט זיך נאָך האַרט אונטער די פיס, פאַראַן אָבער שוין פילע ערטער, וואו קיין אייז איז שוין ניטאָ און די ערד איז נאָך אַזוי ווייך און

פריש, אַז ס'גערהט פון איהר אַ פּאַרע און עס בלייבט טריט... פון אַלע זייטען לאָזט זיך הערען אַ פרעהלאַך קרעהען פון הענער, אינ־דיקעס בלאָזען זיך שטיל און גאוה'דיג. אין מיטען מאַרק שטעהען גויים מיט פורלאַך האָלץ, ווייבער, אידען, דינגען און קויפען, ווער איין פור, ווער צוויי און ווער מעהר. נטע (דער בלינדער אויף איין אויג), אַ הויכער, געזונטער איד, וועלכער איז מעהר עהנליך צו אַ גוי, ווי אויף אַ אידען, האָט זיך שוין מיט זיין גאַנצער קראָם פאַר דער שטוב אין דרויסען צושפרייט. עס שטעהען שטאָסענווייז אויסגעשטעלטע איינס אויף דאָס אַנדערע ליימענע טעפּ מיט שיס־לען, אונטען גאַנץ גרויסע, און וואָס העכער אַלץ קלענער און קלענער. די כלים זיינען ווייסע און פאַראַן אויך „געגלייזטע", וואָס בלאַנקען אַקעגען דער זון, שלאָגען אָפּ פון זיך גאַנצע בינטלאַך שטראַהלען. ווייבער שטעהען איינגעבויגען, קלייבען וואָס זיי דאַר־פען, קלאַפּען דערביי מיט איינגעבויגענע פינגער אין די בייכער פון די טעפּ, צי זיי זיינען ניט הייזעריג, און עס טראָגט זיך אין דער לופטען אַן אַנגענעמער קלאַנג. עס דרעהען זיך אַרום גויים מיט נייע קאַטשערעס, מיט מולטערס און דייזשקעס, אַזוינע זויבער־ריינע, געלבלאַכע, אַז עס קוועלט דאָס האַרץ קוקענדיג אויף זיי... שקצים טראָגען אַרום נייע, פרישע, קענטיג נאָר וואָס איינגעבונ־דענע בעזימער, עס גלאַנצען די ריטלאַך פון פרישקייט און פייכט־קייט. נעבען די „וואַרשטאַטען", דאָס הייסט, נעבען יענע שטיבער, וואו מען באַקט אַלע יאָהר מצות, ליגען אָנגעוואָרפען גאַנצע בערג מיט האָלץ; עס שטעהען גויים, שניידען, האַקען און לעגען קונ־ציג אויס, אַזוי ווי שטיבעלאַך, דער ווינט זאָל עס דורכנעמען. אויף די דעכער פון די זעלבע שטיבער באַווייזען זיך פון צייט צו צייט דאָ אָדער דאָרטען די בעלי־בתים פון די וואַרשטאַטען, באַטראַכטען די קוימענס, פאַרשמירען די שפּאַלטען און לאָזען אַראָפּ שטריק מיט איינגעפלאָכטענע בעזימלאַך, שרייען אַריין אינוועניג און שלעפּען צוריק. פון די רייכע שטיבער טאַסקען זיך די דינסטען צום טייך און פונ'ם טייך מיט'ן קופּער און מעש; עס בלענדען די אויגען די מעשענע טאַצען, די קופּערנע פאַנען און די טאָמ־

באַקאַווע סאַמאָווארען. פילע פון די אויסגערעכענטע מינים שטע־הען און ליגען ארום יואל דעם קאַטליאַר'ס קוזניע, וועלכע שטעהט דאָרטען הינטער'ן בארג כמעט א העלפט אין וואסער, און וואַרטען אויף זייער תיקון... אינווענינג אין קוזניע האַלט אין איין הודיען דאָס פייער, עס שלאָגט ווי א פייער קוואַל, שפּריצט מיט פונקען־טראָפּען און עס דאַכט זיך, אז אויך דאָס פייער ברענט עפּעס אַנדערש ווי אַלע טאָג פון א גאַנץ יאָהר: עפּעס זעהט עס איצט אויס פרעהלאַכער, לעבעדיגער און הייסער, ווי עס וואָלט זיך אויך געאיילט פאַר פסח... חיים יונה דער מילנער מיט זיינע בנים לויפען פון שטוב צו שטוב און פאַרנעמען וואו עס איז ערגעץ דאָ אַן איבעריגער פלעדער־וויש, וועלכע מ'דאַרף האָבען אין א גרויסער צאָהל אויף צו כשר'ען די מיל. דער טאַטע מיט די בנים שיפלען זיך הין און צוריק צו דער מיל און פון דער מיל, וואָס שטעהט דאָרטען העט ווייט אויפ'ן וואַסער. זיי זיינען ווייס פון קאָפּ ביז די פיס און דער דיין, וועלכער גיט אכטונג אויפ'ן כשר'ען, לויפט אויך ארום א צוטראָגענער, א ווייסער און, דער עיקר, שיפעלט זיך, דער דיין. ענדליך, ווען די מיל איז כשר געוואָרען, האָבען זיך אַנגעהויבען צו באַווייזען בארג אראָפּ, בארג ארויף, אידען מיט זעקלאַך אויף די פּלייצעס, איבערגעדעקטע מיט שווארצע פּאַלטאָס. איין שיפעל איז אָנגעקומען, דאָס צווייטע איז אַוועק, און דאָס וואסער האָט געבלאַנקט אנטקעגען דער זון.

דער טייך האָט געלאַכט, געגרונצעלט זיך מיט מיליאַרדען זונען שטראַהלען. פון צייט צו צייט האָט זיך איבער דער אויבערפלעכע, אמאָל דאָ און אמאָל דאָרטען, געגעבען א ציה איבער א לייכטער דורכזיכטיגער שאָטען, און אזוי ווי מ'האָט ניט באַמערקט פון וואַ־נען ער האָט זיך גענומען, אזוי איז ער צוריק פארשוואונדען גע־וואָרען, און געמאַכט האָט עס דעם איינדרוק, ווי דאָס וואסער וואָלט דאָ אָדער דאָרטען א ברעם אראָפּגעלאָזט, און דאָ, ביים ברעג, האָט עס זיך תאוה'דיג געשוימט און אויסגעשפּיגען דינע, קליינע, שווארצע שטעקעלאַך, און געהערט האָט זיך פון זיי א שטיל סיפען, און די עקען האָבען זיך געבולבעט...

וואָס נעהענטער צום יום־טוב, אַלץ גרעסער ווערט דאָס גערודער, סיי אין די הייזער, סיי אין דרויסען. די צוויי בתי־מדרשים מיט די פיל־פאַרביגע שייבלאַך אויבען אין די מזרח־פענסטער, ווערען אויך ניט פאַרשעמט. די פענסטער זיינען צופראַלט און פאַרשפריצט מיט ליים. די לאַנגע ביינק מיט די שטענדערס ליגען אָנגעוואָרפען איינס אויף דאָס אַנדערע. חברה קונדסים שפּרינגען איבער זיי, באַווייזען דאָ אַזעלכע קונצען, וואָס אין בית־המדרש איז עס אוממעגליך. עס ווערט לעבעדיגער און פרעהלאַכער. וואוהין דו וואַרפסט אַן אויג, באַגעגענסטו דאָס אָנקומען פון דעם גרויסען גאַסט. אַלעס לעבט, אַלעס פרעהט זיך, די מענשען, די שטיבער, דער דרויסען.

עס הערט זיך שוין דאָס קלאַפּען פון די קאַטשעלקעס, מען רייבט אין דרויסען טיש און ביינק. וואו ניט וואו בלאַנקען שוין אויסגעפוצטע פענסטער, פאַרהאַנגען ביז אַ העלפט מיט ווייסע פאָרהאַנגלאַך, עס באַווייזען זיך אַלץ אָפטער פסח׳דיגע כלים, וועלכע מ׳טראָגט צום טייך און פונ׳ם טייך. עס געהען פּראָצעסיעס דורכ׳ן מאַרק. דאָס טראָגט מען אין זויבער־ווייסע ליילאַכער די מצות, וועלכע לאָזען זיך ווייט שפּירען מיט זייער אנגענעם פרישען ריח; און זיי, די מצות, קוקען פון די לייל‍אַכער אַרויס און שמייכלען אַנטקעגען דער זון. עס שפּרינגען און לויפען אַרום אינגלאַך מיט שטיקלאַך מצה אין די הענט, מיט „רעדעלאַך" געלעכערטע, וואָס זיי אַליין, די אינגלאַך, האָבען געמאַכט און אָפּגעבאַקט פון לעצטען שטיקעל טייג.

און איך ווער פון טאָג צו טאָג אַלץ אומעטיגער און אומעטיגער, און איטליכס מאָל, ווען איך דערמאָן זיך, ווי איך וועל זיצען ביים סדר, ביים זויבער־ווייסען טיש, אינ׳ם אַלטען פאַרשמאָלצעוועטען קאַפּאָטקעלע, ווערט מיר פינסטער אין די אויגען.

די פאָדלאָגעס זיינען שוין ביי אונז אויסגעוואַשען און אויסגעשפּרייט מיט שטרוי. מיר עסען שוין אין קיך אויף אַ פּעסעל, איבערגעדעקט מיט אַ לאָקשען־ברעט. אין קאַמער זיצען שוין עטליכע עופות אין אַ שטייג. די סטעליע טרעשטשעט פון די

אָפּטע באַזוכער אויף'ן בוידעם. דער טאַטע פאַרברענגט דאָרטען שעה'ן לאַנג, קוועטשט אין אַ טאָרבעטשקע די ראָזשינקעס, גיסט איבער פון איין פלעשעל אין צווייטען און אויף לעצט אין אַ גרויסען בייכיגען „גענשער".

שלמה דער קצב באַווייזט זיך אַ פּאָר מאָל אין טאָג מיט זיינע „קאַפּיטאַלנע שטיקלאַך", וועלכע ער פיהרט „פּאָיען" צום טייך. ער טראָגט אין דער רעכטער האַנט אַן אָפּגעבערענטען שטעקען און פּאָכט איבער די רוקענס פון די באַשעפעניסען. אָפּט באַגלייטען איהם אַ שטיק וועג די צוויי שוחטים, וועלכע געהען זיך הרחבה'דיג מיט צושפּרייטע פאַרשמאָלצעוועטע פּאָלעס און שמועסען מיט'ן קצב וועגען דעם ביסעל סחורה, וואָס געהט זיי פון פאַרענט.

שמעיה דער בעדער זיצט פאַר דער באָד לעבען אַ גאַנצען באַרג בערעזענע בעזימלאַך, וואָס ער בינדט פון דאָס ניי איבער, וואַרפט אָפּ אָן אַ זייט די נאַקעטע ריטלאַך, און יעדעם בעזימעל, וואָס ער בינדט איבער, גיט ער מיט דאָס אַ פּאָך אין דער לופט און וואַרפט עס אין אַ צווייטער זייט.

און אחרון, אחרון — אַלס ערגער און ערגער. דער גרויסער טרויער מיינער איז געווען ערב פּסח פאַרנאַכט צו, ווען אויף אַלע בריקלאַך האָבען זיך אינגעלאַך אין זייערע נייע גאַרניטורלאַך באַוויזען, מיט אריינגעשטעקטע הענט אין די הויזען-קעשענעס, ארויסשפּאַרענדיג די בייכלאַך און האָבען גאוה'דיג געקוקט ארום זיך, — בין איך אריינגעגאַנגען אין שטוב, האָב מיך באַהאַלטען אין אַ ווינקעלע און שטיל, יאָמערליך געוויינט...

# א פארדרעהעניש.

א טייוועל האט צו מיר א שדכן אנגעטראגען. איך בין אוועקגעלאפען צו מיין רייזעלע'ן מיט א גדולה און געזאגט:

— ווייסט, רייזעלע, א שדכן רעדט דאך מיר א שידוך.

— טאקע? — האט דאס ברעקעל, קינדיש מיידעלע צו־מישט געפרעגט און אין איהרע גרויסע קינדערשע אויגען האט זיך אן אומעטיג בליסטשעל געוויזען.

— לעבען זאלען מיר אזוי ביידע, איך מיט דיר — און האב זי א קוש געטאן אין אן אויגעל אריין.

— נו, וואס האסטו איהם געזאגט? — האט זי מיט א נערוועזער אומגעדולדיגקייט געפרעגט

— איך האב איהם געזאגט: אויב ער האט אין זיין קא־לעקציע א קליין פיצינינקעלע מיידעלע מיט א קליין הארבאטע נעזעלע און מיט גרויסע, גרויסע גרינע אויגען און א קינדערש מיילכעל מיט צוויי גראבע שווארצע...

— און וואס וועט זיין אז ער וועט אזעלכע קריגען? — האט די קליינע תם'עוועטע געפרעגט...

— אוי, נארעלע! — האב איך ענטוזיאסטיש אויסגערופען

— דו גלויבסט אז עס איז דא נאך אזעלכע אזוי ווי דו?

— און וואס האט דיר געזאגט דער שדכן?

— דער שדכן?... „גוט" האט ער געזאגט. איי, וועט עס זיין קאמיש, אז ער וועט טרעפען צו דיר!...

אין א פאר טעג ארום איז ער געקומען צו מיר, דער שדכן, געקומען און געזאגט, אז ער האט אפגעזוכט אזעלכעס ווי איך באגעהר... די זאך איז געווארען פיקאנט: אזעלכע ווי איך בא־געהר... אפגערעדט מיט איהם, אז איך מיט איהם זאלען זיך

טרעפען אין פּאַרק נעבען דענקמאַל פון אַלעקסאַנדער דעם צוויי־טען, זי זאָל האַלטען אַ ווייס בלימעל אין די הענד.

איך בין אוועקגעלאָפען צו רייזעלען און דאָס דערצעהלט.

— רייזעניו, איאָ אינטערעסאַנט, איך מוז זי געהן אָפּ־ווארטען... מיט אַ בלימעל אין האַנט וועט זי זיצען און ווארטען אויף מיר...

— כאַ, כאַ, כאַ!!

דאָס האָב איך געלאַכט. געוואָלט מיין רייזעלע לאַכענדיג מאַכען.

זי האָט מיט אַן אַלט קול און מיט אַן אַלטער מינע אויפ'ן געזיכט אַ מורמעל געטאָן:

— גוט... ווען איך בין אויף דיין אָרט, וואָלט איך אויך געגאַנגען...

דאָס מיידעל, מיט וועלכער איך האָב זיך אָנגעקוקט, אויפ'ן העכסט מאָדערנעם אופן, איז מיר געפעלען געוואָרען. געפעלען הייסט עס, אויף אַזוי פיל, אַז מיר זאָל זיך ניט ניט־גלוסטען פאָרטצוזעצען די שפּיל וואָס איך האָב אָנגעהויבען...

אויף מאָרגען בין איך געווען ביי רייזעלען און איהר אַלעס ווידער דערצעהלט... דערצעהלט פיל מעהר ווי איך האָב געהאַט אין דער ווירקליכקייט וואָס צו דערצעהלען, און רייזעלע האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און געשוויגען און מיט אַ שטי־לען אומעט געקוקט ערגעץ אין אַן אומבאַשטימטען פּונקט.

— רייזעלע!

— נו?

— לעקיש'ל!...

די אויגען האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט טרערען און קליינע פענסטערלאַך האָבען דאָרטען געגלאַנצט. ס'האָט מיך שטאַרק גערירט, אָבער מיר האָט גלייכצייטיג גיינליסט חוזק צו מאַכען פון דעם קליינעם נאַאיווען מיידעלע.

פאַר'ן אוועקגעהן האָב איך זי רעכט אָנגעקוקט און אויס־גערעכענט אַ גאַנצען צעטעל פון בהמות:

— א פערדעלע איז זי, א בהמה'לע, א ציגעלע, א בעקעלע, א לעמעלע — און מיר, דעם אמת זאגענדיג, איז שוין שטארק געפעלען געווארען וואס זי אייפערט מיך צו איינער, צו וועל־כער איך שפיר גארניט און האב עפעס א מאדנעם אינטערעס, אט ווייל איך האב דער קליינער ליב, מיט א צווייטער עפעס א קאטאוועס צו טרייבען.

געקומען אהיים, האב איך געטראפען א וויזיט קארטע „אוו־סעי פעטראוויטש זעלמאן", פון דער צווייטער זייט בעט מיך (געוועהנליך אויך אויף רוסיש) דער אוסעי פעטראוויטש אויף א גלעזעל קאווע.

---

איך בין אהין געגאנגען, ווייל ניט געהן האב איך ניט גע־קענט, און האב דארטען געהאט אזא אויפנאהמע ווי מען נעמט אויף איינעם בעת מען איז זיכער, אז די ארבייט איז שוין ניט אומזיסט... עס האט זיך געשפירט יענע אינטימע פריינדליכ־קייט, וואו מען קען נאר פיהלען צו אזעלכען וואס איז נאך דער־וויל פרעמד, נאר מען איז ביי זיך זיכער, אז מיט דער צייט וועט ער ווערען אן אייגענער.

געהענדיג אהינצו און געפינענדיג זיך דארטען, האב איך אין זינען געהאט אז איך טו א געמיינע זאך אנטקעגען די מענ־שען צו וועמען איך בין געגאנגען און ביי וועמען איך האב פאר־בראכט א שעה־אנדערהאלבען. ניט געוואוסט ווי אזוי זיך צו האלטען, אבער געוואוסט, אז גראב טאר איך זיך ניט האלטען אנטקעגען מענשען, וואס באהאנדלען מיך פריינדליך און ווילען מיך האבען פאר א זייערדיגען... יא, איך האב זיך געמוזט האלטען, ווי א מענש... און אלס מענש האב איך זי נאכ'ן וויזיט איינגעלאדען צו שפאציר...

ארוים מיט מיר אויפ'ן גאס, האט זיך מיר געגלוסט זי לאזען שטעהן און אוועקגעהן אהן א זיי געזונד. מיט דעם האט זיך מיר געדאכט, וועל איך אויפטאן א גוטע זאך פאר מיין רייזעלע'ן, און כאטש איך האב געקלערט אויף מארגען איהר אלעס

צו דערצעהלען, דאָך האָב איך מיך שולדיג געפיהלט אנטקעגען איהר און האָב אַן אויפגערעגטער אויסגעשריגען:

— איזוואָשטשיק!

מיר זיינען געפאָהרען גאַס־אויס, גאַס־איין, געפלויגען ווי די שוואַרץ־יאָהרען, און אַ דאַנק דעם, וואָס איך האָב געשפּירט ווי מיין רייזעלע זיצט דאָרטען איינע אליין און קוועלט זיך אין איינזאַמקייט, האָט זיך מיר געגלוסט פון דער אַביסעל אָפּשפּע־טען... איך האָב מיך האַרט צוגערוקט צו איהר... שפּעטער אַ וויילע, זי אַרומגענומען ביי דער טאַליע... ווינציג... זי צו־געדריקט צו זיך... אַלץ ווינציג... זי אַ קוש געטאָן און געזאָגט:

— העלענאַ אוסעיעוונאַ, איך האָב נאָך צו קיין פרוי ניט געפיהלט דאָס, וואָס איך פיהל צו אייך...

און דערפיהלט, אַז די מאָס פון חוזק איבער איהר איז שוין פאַרפילט, בין איך ערשט מיט איהר צופרידען געבליבען. איך האָב שוין אפילו געטראַכט, אַז עפּעס האָב איך געטאָן איבעריגעס, אָבער איך האָב ניט געוואוסט וואָס ס'איז געווען איבעריג, צי דער קוש, אדער די ליבעס־ערקלערונג.

און זי האָט געשוויגען מיט אַ טיף־ערנסט שטילשווייגען, מיט יענער שטילקייט, וואָס מיידלאך זיינען געניינט צו באַוויי־זען, ווען מ'ערקלערט זיך זיי אין ליבע און זיי גלויבען אין דער ערקעלרונג, און דאָס האָט מיך פאַרדראָסען.

— העלענאַ אוסעיעוונאַ!

איך האָב איהר געוואָלט זאָגען, אַז איך בין אַן אוואַנ־טיוריסט, אַז איך בין... יאַ, באַדאַרפט עס איהר זאגען, אָט דער אידיאָטקע... ווי אַזוי גלויבט מען עס גלייך אַ יונגענמאַן פון דער צווייטער באַגעגעניש!

— העלענאַ אוסעיעוונאַ!

געוואָלט איהר דערצעהלען, אַז איך בין פאַרליבט, אַז איך בין פאַרליבט אין אַ קליינינקע מיידעלע. און זאָל זי מיר, הע־לענאַ, פאַרצייהען... מיר האָט זיך גלאַט אויס נייגעריגקייט... אויס...

און ווי אויף א צו להכעיס האט זי געשוויגען. ווען זי רופט זיך אפ, וואלט איך איהר שוין אלעס געזאגט.

עס איז געווען ארום עלף אזייגער ווען מיר זיינעןביידע פאר איהר טויער געשטאנען. איך האב אנגעקלונגען, און גע־שטאנען זיינען מיר ביידע שטיל, איינס נעבען דאם אנדערע. איך האב געשפירט, אז איך בין איבער זיך אויס בעל־הבית גע־ווארען, פארלארען די שליטה איבער זיך, געהאנדעלט מיט א מיידעל עפעס גאר אויפ'ן לייטישען, פארליבטען אופן, און ביים געזעגענען זיך האב איך זי געקושט אין האנט אריין איין מאל און א צווייטען מאל... איך בין שוין געווען צוטומעלט, ניט גע־וואוסט, ווי אזוי צו האנדלען ס'זאל זיין בעסער פאר מיר און פאר מיין רייזעלען און ערגער פאר דער, אבער געפיהלט קלאר און בולט איין זאך: געוואלט וואס גיכער פטור ווערען פון איהר.

— אויף ס'ווידערזעהן! — האב איך איהר געזאגט, גע־קענט זאגען עפעס אנדערש, אבער געזאגט דוקא דאס, ווייל איך בין געווען זיכער, אז איך זעה זי דאס לעצטע מאל.

אפגעהענדיג א שטיק וועג האב איך פון ווייטען א באקאנ־טע שטים דערהערט. שפעטער האב איך דערזעהן ליזא'ן (רייי־זעל'ס א שכנ'טע אין צימער) מיט א הויכען יונגענמאן אונטער'ן ארעם, האט וועגען עפעס דיספוטירט מיט'ן יונגענמאן און זיך געהיצט. איך האב מיך שטארק דערפרעהט מיט איהר:

— ליזא!

— אך, זעהר גוט, — האט זי זיך פלינק אפגערופען — קומט, איהר וועט מיך אפפיהרען אהיים. א־דער־א וויל מיך אהיים ניט צופיהרען.

ביידע, איך מיט איהר, ווייטע און פרעמדע, זיינען מיר געגאנגען אנגעקלעפט איינס אין דאס אנדערע און יעדער בא־זונדער האט זיך פון זיינס עפעס נאהענטעס און אייגענס גע־טראכט. מיר זיינען געגאנגען איינס נעבען דאס אנדערע, לייכ־טע און גרינגע. און זיך געמיטליך גערעדט וואס ס'איז אריינ־

געפאַלען אין מויל אריין. איך האָב געוואוסט, אַז ליזא האָט שטאַרק ליב מיין רייזעלען און האָב זיך שלעכט געפיהלט אנט־קעגען ליזא'ן, וואס איך דרעה זיך דאָ ארום און בין ניט דאר־טען, און האָב קיין דרייסט ניט געהאַט צו פרעגען אויף יענער. נאָר ווען זי איז שוין אין טויער געשטאַנען האָב איך איהר נאָכ־געשריגען:

— גריסט ראָזעטשקען! איך וועל מאָרגען זיין ביי איהר.

---

— ראָזא אין דער היים? — האָב איך געפרעגט ביי ליזא'ן, גלייך ווי זי האָט מיר די טיר געעפענט.

— אין דער היים... אָבער איך ווייס ניט צי איהר קענט אריינגעהן...

— ניט געזונט?...

ניט געענטפערט, און מיך אריינגעלאָזט מיט שווייגען און ברוגז.

אויף דער אָטאָמאַנע, געהילט אין נאַכט און שטילען אומעט, איז געלעגען מיין ליבהאַרציג מיידעלע, און געבלייכט האָט זיך אויף איהר שטערענדעל א ווייס טיכעל... נעבען איהר איז גע־זעסען די מוטער איהרע וואס האָט מיר הארציג געענטפערט אויפ'ן גוט־אָווענט און אין א ווייכע ארום, ווי ס'טוען היינט־וועלטיגע מאַמעס, דאָס צימער פאַרלאָזט, פון וואס איך בין דאָס מאָל גאָרניט געווען צופרידען, ווייל דיביידע האָבען זיך גע־האַלטען אזוי ווי זיי וואָלטען מיך ניט באמערקט און ניט די און ניט יענע האָבען מיך ניט געבעטען זיצען... קענטיג אַז די קליינע האָט מיט דער צווייטער אָפגערעדט, זי זאָל ניט אוועק־געהן, ווי זי טוט עס אַלעמאָל ווען איך קום. איך האָב מיך א פאָר מינוט ארומגעדרעהט הין און צוריק, קיין דרייסט ניט גע־האַט צוגעהן ניט צו דער און ניט צו יענער, ווי איך וואָלט אויף אן אמת א מין פארברעכען באגאנגען. ליזא האָט גענומען די מאַנדאַלינע אין די הענט אריין און שוין קיין אָרט ניט געפונען, ווי נאָר זיך אוועקזעצען נעבען רייזעלען. אין דער טונקעלער

לופט האָבען געפיבערט און געציטערט צאַרטע, דינע טענער, טע־נער ניט געקניפּט און געבונדען איין טאָן מיט'ן צווייטען, קענטיג ניט אין זינען געהאט עפּעס צו שפּילען, נאָר אַזוי זיך, כדי פּלאַץ צו פאַרנעמען און די שטילקייט צו פאַרטרייבען... עס האָט זיך געדאַכט, נשמה'לאַך דינינקע, צאַרטינקע, לויפען און שוועבען אין רוים און אין שטילקייט.

איך האָב אַרויפגעלייגט מיין האַנט אויף רייזעלע'ס קע־פּעל.

— דער קאָפּ טוט דיר וועה?

יאָ, דאָס איז זיכער געוועזען אַן אָפּגערעדטע זאַך... ליזא האָט זיך פון אָרט ניט גערירט, און צי האָב איך וועגען עפּעס געהאט צו ריידען צי ניט, האָב איך שוין ממילא גאָרניט געקענט ריידען, און געפיהלט האָב איך, אַז עס וואַקסט דאָס אומבאַ־שטימטע און דריקענדע, וואָס האָט זיך פאַרדרעהט צווישען מיר מיט רייזעלע'ן. געפיהלט האָב איך, אַז דאָס, וואָס איז נאָך מעגליך געוועזען צוריק מיט אַ פּאָר מינוט צו פאַרהיטען, איז שוין איצט ניט מעגליך, און דאָס, וואָס איז נאָך איצט מעגליך, וועט שוין שפּעטער אונמעגליך זיין... און איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו טאָן... ס'האָט מיך געשטיקט... איך האָב געפיהלט, אַז די, וואָס ליגט אויף דער אָטאָמאַנע און איז מיר אַזוי נאָהענט, געהט אוועק פון מיר, דערווייטערט זיך אין מרחקים... אָט פון דעם שווייגען און פון דער שטילקייט שמידט זיך דער גורל און איך קען גאָרניט טאָן דערצו, איך האָב ניט קיינע מיטלען מיט וואָס אָפּצוהאַלטען...

און די שטילקייט איז געוואָרען אַלץ האַרטער און האַר־טער, נאָר די טענער פון דער מאַנדאָלינע האָבען אָהן אויפהער געציטערט אין דער האַרטער, פאַרגליווערטער שטילקייט.

איך בין צוגעפאַלען צו ליזאַ'ן און מיט אַ ציטערדיגער שטים אויסגערופען:

— ליזאַ, איך בעט אייך, שפּילט מיר עפּעס אַ טרויעריגס... שפּילט מיר שאָפּען'ס טרויער־מאַרש.

ביידע האָבען זיך צומישט און צושראָקען איבערגעקוקט און אין א ווײַלע ארום האָט ליזא איראָניש אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז דען ביי אייך געשטאָרבען?

— ליזא, שפּילט! ליזא, איך וועל באלד פּלאַצען דאָ אויפ'ן אָרט!

געכאַפּט איהרע הענט און געדריקט צו מיין הייסען שטערען און נאָהענט האָט זיך, נעהנטער צום הארץ ווי צום אויער, דער־הערט אַ שטיל, שטיל איינגעהאַלטען כליפּען.

---

איך בין א פּאָר טעג פון שטוב ניט ארויס... ווי אַ טיגער אין א שטייג בין איך ארומגעלאָפען איבער'ן צימער און דורכ־אויס געטראַכט וואס איז דאָ מיט מיר אזעלכעס געשעהען, אליין מיט'ן איינענעם ווילען זיך פארפלאָנטערט אין א נעץ, און ניט געוואוסט, ווי אזוי זיך ארויסצופלאָנטערען... וואָס האָב איך באדאַרפט טאָן, אריינגעהן צו רייזעלען און איהר אלעם דערקלע־רען... איז וואס? נו, גוט, איז א שפּאס, איינמאָל... וואס בין איך נאָך געלאָפען אהינצו אין שטוב אריין? — וועט זי מיך פרעגען. איך טאָר עס איהר ניט דערצעהלען און טאָר עס ניט פארלייקענען... און אפשר האָט זי עס שוין אליין פון אַ זייטיגען מענש דערוואוסט... הייסט עס, האָב איך שוין געפונען פאר נויטיג אויסצובאהאַלטען דאָס פון איהר...

משוגע צו ווערען!

אָנגעשריבען א בריוועלע צו ליזא'ן:

„פיל געליבטע מאַדאַמואַזעל ליזא!

„איך בעט אייך קומען צו מיר. שוין דריי טאָג ווי איך געה פון שטוב ניט ארויס... איך בין קראַנק... קומט צוגעהן... איך האָב מיט אייך זעהר וויכטיגעס צו ריידען.

„אייער טרייער אדאָלף".

דעם זעלבען טאָג אין אווענד האָב איך באקומען פון „מיין כלה" אַ בריוועלע, אין וועלכען זי האָט זיך שטאַרק געוואונדערט, וואס איך לאָז מיך אזוי לאַנג ווארטען מיט אַ צווייטען וויזיט...

נאָך דער פייערדיגער ערקלעהרונג איז עס איהר א גרויסער וואונ־דער... ניט אַנדערש אז מיר האָט עפּעס געטראָפען.

איך האָב גלייך געוואָלט דעם בריף צוריסען. נאָר עפּעס האָט מיך אָפּגעהאַלטען דערפון און דער זעלבער „עפּעס" האָט מיר געשטויסען איך זאָל איהר ענטפערען אויף דעם בריוועלע:

„טייערע העלענא!

„איך גלויב, אז איך באַדאַרף זיך פאַר אייך ניט פאַר־ענטפערען... איהר אליין פארשטעהט עס... איהר שרייבט אליין, אז מיט מיר האָט עפּעס געטראָפען... יא, שוין דריי טעג אז איך האָב די ליכטיגע וועלט ניט געזעהען..."

איך האָב נאָך פיל געשריבען, וואס עס איז מיר איינגעפאַ־לען אין קאָפּ אריין האָב איך געשריבען און פאַרענדיגט:

„אייער אומגליקליכער אדאָלף".

— ביזט א נידערטרעכטיגער מענש! — האָב איך צו זיך אליין אויסגעשריגען, אויפהויבענדיג צוויי פעסטגעדריקטע פויס־טען איבער מיין קאָפּ, און אין דעם זעלבען מאָמענט א דריק געטאָן דאָס עלעקטרישע קנאָפּקעלע.

ווען דאָס שטוב־מיידעל איז אריינגעקומען, האָב איך אריינ־געוואָרפען דעם בריף אין א שעהנעם קאָנווערט, „אוועקגעלייגט" א שעהנעם אַדרעס און איהר איבערגעגעבען דעם בריף אויף אריינ־צוואַרפען אין פּאָסטקעסטעל.

אויף מאָרגען א גאַנצען טאָג געוואַרט אויף ליזא'ן, און פארנאַכט שוין געוואָלט לויפען אהינצו, האָט עס מיר אַנגעטראַ־גען העלענא'ן. זי איז האסטיג אריין און א פּליעסק געטאָן מיט די הענט

— וואס איז מיט אייך?

און איך האָב געטראַכט פון מיין רייזעלע'ן, געפּיהלט זיך פאר דעם אומגליקליכסטען מענשען אין דער וועלט.

— העלעניוטשקא! איך בין אומגליקלאך!

העלענא האָט אויף מיר לאַנג געקוקט מיט גליהענדע, צו־מישטע אויגען.

— העלענא, איך בין קראַנק!

זי האָט זיך אָהן לשון אָנגעהויבען אָפּצורוקען פון מיר מיט'ן ביינקעל אויף וועלכען זי איז געזעסען... די אַפּלען האָבען ביי איהר געציטערט... איך האָב איהר געבעטען זיך צורוקען.

— העלעניוטשקא! איך בין קראַנק! איך בין קראַנק פון ליבע... רוק זיך צו נאָהענט צו מיר... נאָך... נאָך, אָט אַזוי... נעם מיך אַרום! דריק מיך שטאַרק, שטאַרק צו דיין ברוסט... אָט אַזוי... שטאַרקער, נאָך שטאַרקער, רייזעניו!...

זי איז ווי אַן אַפּגעבריהטע אָפּגעשפּרונגען פון מיר און האָט לאַנג געקוקט אויף מיר מיט גרויסע, פאַרגליווערטע פראַגע־צייכענס אין די אויגען. — — —

---

אויף מאָרגען איז ליזא געקומען צולויפען א בלאַסע, א צו־שויבערטע פון כעס און אויפרעגונג.

זי האָט ערהאַלטען מיין בריף, נאָר זי האָט ניט געוואָלט קו־מען... ס'הייסט, ראָזיטשקא האָט איהר, ליזא'ן, פאַרשוואוירען זי זאָל ניט געהן צו איהם. אָבער זי, ליזא, האָט זיך פּאַרט ניט געקענט אָפּהאַלטען. זי האָט געוואָלט אָנקוקען א מענשען, וואס קען אַזוי נידעריג פאַלען...

בכלל פאַרשטעהט זי ניט וואָס דאָ קומט פאָר?

איך האָב אויך ניט געוואוסט און דאָס האָט, זעהט אויס, ביי מיר א שמייכעל ארויסגערופען.

— וואָס שמייכעלט איהר?

קענטיג, אַז איך האָב שוין גאָרניט געהאַט קיין נאָרמאַלען אויסזעהן, ווייל ליזא האָט געקוקט אויף מיר מיט צומישונג און שרעק, און נאָך לאַנגען קוקען און שווייגען האָט זי געזאָגט:

— ראָזא ליגט אויפ'ן טויטען בעט.

— ראָזא!!!...

איך האָב מיך אין אָהנמאַכט אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן בעט און כליפּענדיג געשטאַמעלט:

— ליזא, איך וויל ניט לעבען אָהן איהר.

זעהט אויס, אז ליזא האָט זיך שוין גאַרניט געריכט אז די בשורה זאָל אויף מיר אזא איינדרוק מאַכען. זי האָט מיט א ליידענד קול, אין וועלכען עס האָט געקלונגען רחמנות צו מיר, פול מיט פארצווייפלונג געזאגט:

— וואָס טוט זיך דאָ צווישען אייך?

אביסעל בארוהיגט, האָב איך איהר אלעס, אויף וויפיל עס איז מעגליך געווען דערצעהלט. זי האָט מיך זעהר אויפ־מערקזאם אויסגעהערט און פארטראַכטערהייט געזאָגט:

— אלץ איינס... זי קען עס ניט פארשטעהן און וועט עס ניט פארשטעהן... צו טייער וועט אייך אָט דער שפּאַס קאָסטען... קומט מיט מיר צו איהר... נאָר איהר זאָלט גאָרניט ריידען... איהר זאָלט גאָרניט אָנהויבען, ניט פּרואווען אפילו.

איך האָב גלייך מיט איהר געוואָלט לויפען אהינצו, צו רייזעלען, נאָר ליזא האָט מיר איבערגעשלאָגען; — ניין, ס'טויג ניט, — האָט זי געזאָגט. — די קליינע וועט פארשטעהן, אז זי, ליזא, איז געווען ביי מיר. און יענע האָט דערפון ניט געטאָרט וויסען. האָב איך געווארט אין קדחת א שעה־אנדערהאלבען און בין אוועק אהין.

איך האָב זי כמעט ווי ניט דערקענט... איך האָב געשטוינט, ווי א מענש קען עס זיך אין א פּאָר טעג אזוי ענדערען. דאָס פּנים איז געווארען קליין ווי ביי א קינד, די אויגען זיינען זיך צוואווקסען און זיך ווי צוגאסען איבער'ן גאַנצען פּנים. די האָר זיינען, דאכט זיך, שווארצער און געדיכטער געווארען. די גאַנצע צייט, וואָס איך בין ביי איהר געווען, האָט מען מיך אויף קיין איין מינוט ניט געלאָזט אליין מיט איהר. איך בין מעהר צום פענסטער מיט'ן פּנים געשטאַנען ווי אין שטוב אריין און שטום מיט טרערען געגאָסען... איך האָב געפיהלט מיין גזר־דין, אז סיי אזוי, צי אזוי, צי זי וועט לעבען בלייבען, צי זי וועט געזונד ווערען, פון מיר איז זי שוין אוועק... אז עפּעס איז שוין דאָ פארדרעהט געווארען אזעלכעס, פון וואָס עס איז שוין אוממעגליך זיך אויסצופּלאָנטערען... אָבער געגלוסט האָט זיך מיר

פאַלען צו דעם אומשולדיגען קרבן, פאַלען אויף די קני און שטיל, שטיל וויינען... באַגיסען דאָס איידעלע צאַרטע געזיכט מיט מיינע הייסע טרערען...

פון דער קרענק איז זי אויפגעשטאַנען. נאָר אַ נייע, אַ שטילע, לאַנגזאַמע קרענק האָט אָנגעהויבען פּאַמעלאַך אונטערצופרעסען דאָס יונגע לעבען איהר... שטיל, ניט ריידענדיג און ניט קלאָ־גענדיג זיך, האָט דאָס יונגע, שעהנע בלום געוועלקט פון טאָג צו טאָג און קיין איין מאָל האָבען מיר ניט גערעדט פון דעם, פון וואָס עס איז געוועזן אַזוי פיל צו ריידען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דריי מאָנאַטען האָט זי געצאַנקט און איז שטיל ווי אַ ליכט אויסגעגאַנגען... איך בין געזעסען און ליזאַ, און מיר האָבען גאָר־ניט געוואוסט, אַז זי איז שוין אַוועק פון אונז, אָט דאָס שעהן און ריין מלאכ'ל... זי האָט אויסגעזעהן, ווי זי וואָלט אַנשלאָפען געוואָרען מיט אַ האַרטען, זיסען, הימעלשען שלאָף.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אייביג, ביז'ן גרוב אריין, וועט מיך אָט דאָס געשטאַלט מאַטערען און פייניגען, כאָטש איך האָב נאָך אין זעלבען יאָהר חתונה געהאַט מיט העלענ'ען... איך האָב מיט איהר חתונה גע־האַט, ווייל... איך האָב געמיינט, אַז איך מוז מיט איהר חתונה האָבען... איבער איהר... איבער רייזעל'ען... אַזוי אַרום געוואָלט דעם איינדרוק צו פאַראייביגען... נאָר איך וויים אויף פריהער, אַז ווען איך וועל שטאַרבען אין צוואַנציג, צי אין דרייסיג יאָהר אַרום, וועל איך שטאַרבען מיט איהר נאָמען אויף מיינע ליפּען!

— רייזעלע!

# פיינדשאַפט.

אין אַ געזעלשאפט פון יונגע מענשען איז געגאַנגען אַ הייס געשפּרעך וועגען ליבע. יעדער האָט ארויסגעזאָגט זיין מיינונג, זיין קוק אויף דער פראגע. מ'האָט זיך געאמפּערט, געהיצט, איי־נער איז ניט געווען איינשטימיג מיט'ן צווייטען און אין סאַמע רעכטען ברען האָט זיך איינער, אַ יונגער מאַן — מיט אַ בלאַס פּנים, איינגעפאַלענע באַקען און מיט ליכטיגע נערוועזע אויגען, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען און געשוויגען — פּלוצלונג זיך אויפגעהויבען און מיט אַ סאַרקאַסטיש שמייכעלע, מיט אַ שטיל, נאָר פיהלבאר שטים, געזאָגט:

— מיינע הערשאַפטען! דאָס טעמא איז שוין אַזוי אַלט, מ'האָט שוין וועגען איהר אַזוי פיל גערעדט, אַזוי פיל געשריבען! ערלויבט מיר אייך צו דערצעהלען פון אַן ערפאהרונג, וואָס איך האָב אַמאָל געהאט מיט אַ מיידעל.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט אָנגענומען אַ שטרענגע פּאָזע, זיינע אויגען זיינען נאָך שאַרפער געוואָרען, ליכטיגער און נער־וועזער, ווי ער וואָלט זיך געקליבען צו דערצעהלען עפּעס שרעק־ליכעס.

— איך האָב געוואוינט אויף אַ קוואַרטיר. איז דאָרטען, אויף דער קוואַרטיר, אַ מיידעל געווען. און דאָס מיידעל האָב איך פון ערשטען בליק פיינט געקראָגען. אַלע מיינע געפיהלען זיינען גע־ווען געגען איהר. איך האָב זי אָרגאַניש ניט געקענט איבערטראָגען. עס איז געווען געווען, איך זאָל דערזעהן איהרס אַ בלוזקעלע ליגען, עס זאָל אויפהויבען אין מיר אַ גאַנצען שטורם פון עקעל צו איהר. אַפילו די חבר'טעס, וואָס פלעגען אריינקומען צו איהר, האָב איך אויך פיינט געקראָגען און נאָך מעהר ווי זיי, האָב איך פיינט גע־האַט

דעם יונגענמאַן, וואָס איז אָפּגעזעסען ביי איהר אין די אווענדען שעה'ן־לאַנג.

איינמאָל איז ביי אונז פאָרגעקומען אַ שטיקעל קאָנפליקט. דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי זי האָט מיך אַ פּאָר מאָל געהאט גע־בעטען, איך זאָל איהר, ניט דער מוטער, צאָהלען דאָס דירה־געלט און איך האָב, אויף צו־להכעיס, געגעבען דאָס געלד ניט איהר, נאָר דער מוטער. אין אווענט איז עס געווען: איך הער, מ'קלאַפּט אין טיר. איך האָב געבעטען אריינגעהן. דאָס איז „זי" געווען. איך בין געבליבען שטעהן אַ פאַרגליווערטער און געפיהלט האָב איך, אַז איך בין בלאַס געוואָרען. איינצייטיג האָב איך אויף איהר דאָסזעלבע דערזעהן: די אונטערשטע ליפּ איז בלוי געוואָרען ווי אַ מילץ, די אויגען האָבען עפּעס אַ מאָדנעם הארט־שטאָלענעם גלאַנץ באַקומען...

— איך האָב אייך שוין, פּאַניע, אַ פּאָר מאָל געבעטען, איהר זאָלט מ י ר געבען דאָס געלד, ניט מיין מוטער, און איהר... איך פאַרשטעה אייך ניט. איהר טוט מיר עפּעס ווי אויף צו־להכעיס... איך ווייס ניט, וואָס וואָלט אייך געאַרט, ווען איהר גיט עס מיר, ניט מיין מאַמען?

— איך ווייס ניט, — האָב איך מיט אַ שטיל פאַרביסען קול געזאָגט, — איך ווייס ניט. לויט מיין פאַרשטאַנד, דאַרף איך געבען דער ווירטין, ניט אייך...

איך האָב נאָך עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר זי האָט מיך אי־בערגעשלאָגען מיט אַן ארטיסטישען זשעסט, אוועקשטעלענדיג די רעכטע האנד מיט די שפּיץ פינגער צו דער ברוסט, מאַיעסטעטיש זיך אַ נויג געטאָן און מיט אַ מאָדנער שטייפקייט און פאַרביסענ־קייט אָפּגעדעקלאַמירט:

— איך האָבע די עהרע זיך פאַרצושטעלען: א י ך בין די ווירטין, נ י ט מיין מוטער... (זי איז געווען די פרנסה־געבערין, אַ מאָדיסטקע, קיין פּאָטער האָט זי ניט געהאט).

— און ביי מיר איז אייער מוטער די ווירטין, ניט איהר, —

האָב איך שטיל, פּאַמעליך און קאַלט איהר גערעדט אין דער גאַל אריין.

— יאַ וואָס ניע פּאָנימאַיו...

— מילא! — האָב איך געענטפערט, און אויף מיין קורצען ענטפער האָב איך אויף איהרע ליפּען אַ שמייכעל באַמערקט. און, ווי פאַרהיפּנאָטיזירט פון איהר, האָב איך אויך אַ שמייכעל גע־טאָן. און געקוקט האָבען מיר איינער דעם צווייטען אין די אויגען אריין, אָבער טאַקע גלייך אין די אויגען, און פאַרביסען גע־שוויגען.

לאַנג נאָך איהר ארויסגעהן האָב איך זיך ניט געקאָנט בארו־היגען. איך האָב ארומגעשפּאַנט איבער'ן צימער און זיך געבראָכען דעם מח: צי ווייסט זי, צי פיהלט זי כאָטש אַ טייל פון מיין שנאה צו איהר? איך האָב געוואָלט, זעהר געוואָלט, זי זאָל עס וויסען און פיהלען.

און דערביי האָט דאָך אַ פראַגע געעגבערט מיין מח: „פאַר־וואָס"? פאַרוואָס האָב איך דאָס מיידעל אַזוי פיינט? אָט־די פראַגע האָט מיך ניט געלאָזט רוהען. און ביז היינטיגען טאָג, ווען איך דערמאָן זיך אָן איהר, פרעג איך זיך אַלץ: וואָס איז אין מיר אָדער אין איהר געלעגען אַזעלכעס, וואָס האָט מיך אַזוי אָפּ־געשטויסען פון איהר, אין דער צייט, וואָס אַ צווייטער יונגערמאַן האָט פאַרבראַכט ביי איהר שעה'ן־לאַנג און איז זיכער געווען פאַר־ליבט אין איהר?

---

געווען איז עס אין אַ יום־טוב־טאָג. אויב איך האָב קיין טעות ניט — ראש השנה. אין שטוב איז זי געווען איינע אַליין. די מוטער איז נאָך גאַנץ פריה אוועקגעגאַנגען אין שוהל אריין און זי איז, אַ פאַרקעמטע, אַן אָנגעפּודרעוועטע, נאָר ניט יום־טוב'דיג אָנ־געטאָן, געשטאַנען אין קיך, נעבען דער פּליטע, מיט אַ בוך אין האַנד און אַכטונג געגעבען אויפ'ן מיטאָג. דערזעהענדיג זי איינע אַליין, בין איך, אַליין ניט וויסענדיג פון וואָס, זעהר אויפגעלעגט

געוואָרען, האָב איהר אָפּגעגעבען דעם ברייטען גוט־מאָרגען און זי האָט מיר פריינדליך געענטפערט: א גוט־יאָהר.

— איהר זייט גאָר אַליין? — האָב איך געפרעגט.

— שטעלט זיך פאָר! — האָט זי מיר קאָקעטיש געענט־פערט. און ווי זי וואָלט מיר געוואָלט באווייזען, דאָס זי, אזא „גראַנד מאדעמואזעל", פארנעהמט זיך מיט אזא פּראָסטער אר־בייט, האָט זי מיט א לאנגען דראָט אָפּגעשארט א רעדעל פון דער פּליטע און אריינגעוואָרפען עטליכע שטיקלאך קויהלען.

שטעהענדיג א ווײלע איז מיר אײנגעפאַלען א געניאַלער גע־דאנק: „איצט איז די סאמע רעכטע צייט", — האָב איך א טראַכט געטאָן, — „זיך ערקלערען איהר אין פיינדשאפט"!

ניט לאנג געטראַכט, בין איך אריין צו זיך אין צימער און האָב פלינק, מיט א ציטערדיגער האַנד, אָנגעוואָרפען אויף א פּראָסט שטיקעל פּאַפּיר פאָלגענדע ווערטער:

„פריילין קרישטאַל! (איהר פאמיליע איז געווען קרישטאַל). איך האָב אייך שרעקלאך פיינט; איך האָב נאָך קיינמאָל צו קיין מענשען ניט געפיהלט דאָס, וואָס איך פיהל צו אייך! עס איז מיר שוין אזוי ווייט דערגאַנגען, אז איך קאָן דאָס געפיהל לענגער ניט האַלטען ביי זיך.

אייער שכן."

איך האָב צונויפגעלעגט דאָס בריוועלע, איהר דאָס איבער־געגעבען אין די הענד אריין, אַליין בין איך מיר צוריק אריין אין צימער און פעסט צוגעמאַכט די טיר.

אין צעהן מינוט ארום, — מ'קלאַפּט אין טיר. איך עפן, דערזעה מיין „ווירטין" און, צו מיין גרויס פארוואונדערונג, ניט אזעלכע, ווי איך האָב ערוואַרט זי צו זעהן: קיין שפּור פון פאר־דרוס, פון אויפרעגונג, נאָר א קאַלט פארשטיינערט פּנים. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און מיר איבערגעגעבען א פּאפּירעל מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

„געעהרטער שכן! אייער בריוועלע האָט מיך גוואַלדיג אי־בערראַשט. סיי לויט'ן הייסען טעמפּעראַמענט, וואָס שפּריצט פון

יעדען וואָרט, סיי מיט דער אייגענאַרטיגקייט... צום באַדויערען האָט איהר אָבער אַביסעלע פאַרשפּעטיגט...

מ. קרישטאַל".

דאָ, ליבע פריינט, האָט זיך אָנגעהויבען פאַר מיר דער אמת'ער גיהנום. איך בין געבליבען שטעהן ווי פאַר אַ רעטעניש: וואָס איז דאָס? וואָס מיינט זי מיט דעם בריוועלע? וואָס האָב איך פאַר־שפּעטיגט? איך בין ווי אַ דונער אַריין צו איהר אין קיך און האָב מיט פייער אויסגערופען:

— פריילין קרישטאַל! וואָס מיינט איהר מיט דעם ענט־פער? !... איך הויב איהם ניט אָן צו פאַרשטעהן... אנטשולדיגט... איהר האָט מיך, דאַכט זיך, ניט גוט פאַרשטאַנען...

— איך האָב אייך זעהר גוט פאַרשטאַנען, — ענטפערט זי מיר מיט אַ קאַלטער רוהיגקייט, קוקענדיג אין בוך אַריין, — איך האָב אייך פאַרשטאַנען אַזוי, ווי מ'דאַרף עס פאַרשטעהן...

— ניין! — האָב איך אויסגערופען, — איהר האָט מיך ניט גוט פאַרשטאַנען... אַנדערש וואָלט איהר צו מיר אַזוי ניט גערעדט, איהר וואָלט מיר געשפּיגען אין פּנים אַריין... נו, וואָס שווייגט איהר?... איך האָב אייך שרעקלאַך באַליידיגט!...

— באַליידיגט? — האָט זי מיט דערזעלבער פאַרשטיינער־טער רוהיגקייט געפרעגט, וואַרפענדיג אויף מיר אַ קאַלטען קוק, וועלכען איך האָב געפיהלט, ווי מ'וואָלט מיר אָן אייז־קאַלטען שטראָם וואַסער אַ גאָס געגעבען אויפ'ן קערפּער. פאַרקערט, — זאָגט זי, — מיר איז זעהר אַנגענעהם...

— וואָס איז אייך אַנגענעהם?

— וואָס הייסט וואָס? אייער ערקלערונג...

— וואָסער ערקלערונג? !

— אייער ערקלערונג! —און טוט מיר אַ ווייז דאָס בריוועלע. איך שפּרינג פון דער הויט אַרויס: וואָס טוט זיך דאָ? מאַכט זי זיך תמ'עוואַטע, צי טייטשט זי ווירקליך אויס די ווער־טער אין פאַרקעהרטען זין.

— איך שווער אייך ביי אַלץ, וואָס מיר איז הייליג, — האָב

איך מיט'ן גאנצען הארצען אויסגעשריען, — אז דאס בריוועלע דארפט איהר פארשטעהן אזוי, ווי ס'איז אנגעשריבען און ניט אנדערש.

איבער איהר פנים האט זיך צוגאסען א ראזע פארב. די אויגען האבען באקומען א מאדנעם גלאנץ אזעלכען, וואס איך האב נאך ביז דעמאלט קיינמאל ניט באמערקט; אין א ווייל ארום האט זי מיט א שטילען און רוהיגען טאן, וואס האט כלל ניט הארמאנירט מיט איהר פנים, געזאגט:

— איהר זייט אזוי אריגינעל!... נאר וואס קומט ארויס, אז ס'איז שוין צו־שפעט... אייערע פייערדיגע שבועות וועלען אייך גאר ניט העלפען...

— איך האב אייך פיינט! — האב איך מיט צארן און עקעל אויסגעשריען.

זי האט שטיל, געמיטליך געענטפערט:

— צו־שפעט...

— איך האס אייך!

— איהר זייט מיר עקעלהאפט!!!

— פארפאלען!...

— וואס פארפאלען?

— איך האב שוין א חתן!...

פריינד! איך קאן אייך ניט איבערגעבען, וואס איך האב דעמאלט געפיהלט: דער מח האט זיך מיר שיער ניט איבערגעקערט, די גאל האט אין מיר שיער ניט געפלאצט; מיר האט זיך געוואלט ארויספאלען אויף איהר, זי דערווערגען, דערשטיקען אדער, פארקעהרט, איך בין גרייט געווען אוועקצוגעבען א האלב לעבען מיינס, אבי זי זאל מיר גלויבען אדער זי זאל זיך מודה זיין, אז זי פארשטעהט מיך אזוי, ווי מ'דארף עס פארשטעהן. איך בין געשטאנען פאר איהר א מידער, א צובראכענער פון פארדרוס און אויפרעגונג. איך בין גרייט געווען פאר איהר אלץ צו טאן, אבי זי זאל מיר געוועזן זאגען נאר איין ווארט, אז זי פארשטעהט מיך

אזוי, ווי איך וויל, וואלט איך פאר איהר אפילו אין פייער געלאפען.

— גלויבט מיר, פריילין! גלויבט מיר, אז איך רייד דאס, וואס איך מיין. זאגט איין ווארט, אז איהר גלויבט מיר, וועל איך אייך בלייבען אן אייביגער גוטער פריינד...

און זי האט מיט א קאלטבלוטיגקייט פון א גזלן געמורמעלט:

— ס'וועט אייך גאר ניט העלפען, מיין פריינד... אונזערע זיינען ניט אזוי לייכטזיניג ווי איך דוכט זיך... אייער מיה איז אומזיסט...

— — — — — — — — — — —

ער האט זיך א ווײלע אפגערוהט, אפגעווישט מיט א זויבער טיכעל דעם שוויים פונ'ם ווייסען שטערן, און מיט א נידעריגער מידער שטים האט ער געענדיגט:

— דאס איז א מעשה פון א יאהר אכט צוריק. נאר ווען איך דערמאן זיך אן דער סצענע, ווער איך אזוי אויפגערעגט, אז איך הויב אזש אן צו ציטערען. און ביז אויפ'ן היינטיגען טאג קאן איך מיר ניט קלאר מאכען: צי האט זי אויף אן אמת אויס־געטייטשט דאס בריוועלע און די פייערדיגע מינדליכע ערקלערונג אין פארקערטען זין אדער זי האט זיך פשוט פארמאסקירט.

אפשר קאנט איהר מיר דאס ערקלערען?

# נאָך דער חתונה.

— איך האָב חתונה געהאַט! — האָט ביי מיר אַ געדאַנק אויפגעבליצט, ווען איך בין אַראָפּ פון בעט, פון דעם נייעם בעט און פון זויבער־ווייכען געלעגער, וואו איך בין היינט צום ערשטען מאָל געשלאָפען און וואו קיינער, אחוץ מיר, איז נאָך ניט געלעגען. און געקוקט האָב איך אויף מיין יונג, פריש ווייבעלע, אויף איהר ליטער, כמעט דורכזיכטיג כלה־פנים, אויף וועלכען ס'האָט גערוהט אַן אונדייטליך־געהיימניספולע פרייד...

זי איז געשלאָפען געשמאַק און אַ שמייכעלע האָט גערוהט אויף איהרע ראָזע ליפּען. און איך? איך אַליין האָב עפּעס געפיהלט אַביסעל אין קאָפּ... עפּעס איז געשעהן, נאָר עפּעס אַזוי ווי ניט דאָס, וואָס איך האָב אַזוי פיבערהאַפט־אונגעדולדיג ערוואַרטעט. נאָר געפיהלט האָב איך, אַז אַ דאַנק דעם געשעהענעם בין איך אויף אייביג צוגעבונדען געוואָרען צו דעם מענשען, וועלכער ליגט דאָ און שלאָפט, און אַ דאַנק דעם געשעהענעם בין איך שוין עפּעס גאָר אַן אַנדער מענש געוואָרען, גאָרניט דער וואָס נעכטען, אייער־נעכטען, פאַר־אַ־יאָהרען. איך האָב מיר קיין רעכענונג ניט געקאָנט אָפּגעבען, צי בין איך גליקלאַך, צי ניט. געוואוסט האָב איך נאָר, אַז נעכטען האָבען מיר „שותפות" געשלאָסען אויפ'ן גאַנצען לעבען, און אַז ס'האָט פאַר אונז (אפשר נאָר פאַר מיר אַליין) אויפגעהערט צו עקזיסטירען דאָס לעבען אין יענער פאָרם, ווי עס עקזיסטירט ביז איצט. אָט אַ שטייגער שוין דאָס אַליין, וואָס מיר האָבען זיך אָפּגעשיידט אין אַ באַזונדער דירה מיט באַזונדערע מעבעל; וואָס מיר האָבען זיך אָפּגעטיילט: איך — פון מיין פאַמיליע, זי — פון איהרער. מיין פאַמיליע פאַר מיר און איהר פאַמיליע פאַר איהר עקזיס־

טירען שוין מעהר ניט פאַר אונז, אַזוי ווי זיי האָבען פאַר אונז ביז נעכטען עקזיסטירט. זייער האָב־און־גוטס, וואָס איז ביז נעכטען געווען פונקט אַזוי גוט ווי אונזערס, איז שוין היינט ניט אונזערס, נאָר זייערס, און אונזער האָב־און־גוטס איז נאָר מיינס און איהרס. איך אַליין בין אויך ניט קיינעמס, נאָר איהרער, און זי איז נאָר מיינע.

איך האָב אריינגעשטעקט די פיס אין מיינע ווייכע שטעק־שיך און, ניט אָנגעטאָנענערהייט, אָנגעהויבען צו מאַרשירען פון איין צימער אין צווייטען (דריי צימערען האָב איך געהאַט). איך באַטראַכט די ווייס־אויסגעפּארבטע פענסטער, די פריש־אויסגעקלעפּטע ווענט און די רויט־געפארבטע פאָדלאָגע, אויף וועלכער עס זיינען געבליבען מאַטע פלעקען פון מיינע טריט. עס האָט געשמעקט מיט פרישקייט און אַלץ, צוזאַמען מיט'ן נייעם בליאַסקענדיגען מעבעל, האָט עדות געזאָגט, אַז דאָ הויבט זיך אָן אַ ניי לעבען. און פונקט אַזוי ווי די אַלע שטומע עדות האָבען ניט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ניי לעבען דאָס וועט זיין, אַזוי האָב איך דאָס אַליין אויך ניט געוואוסט. נאָר דערווייל איז עס מיר געווען אַנגענעהם און ליב. אַלץ האָט ווי געשמיי־בעלט צו מיר.

ווייל ס'איז געווען שטיל, ווייל איך האָב גאָרניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָב איך געטראַכט. איך האָב מיך דערמאָנט אָן אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפט, אָן דעם, ווי איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל דערוואוסט, אַז איך האָב זי ליב, און ווי אַזוי איך האָב זיך איהר ערקלעהרט אין ליבע, אָן דעם, ווי מיר זיינען געוואָרען חתן־כלה, און אויף לעצט — אָן אונזער חתונה, און, וואונדערלאַך, וואָס ניט דאָס לעצטע האָט ביי מיר דאָס ערשטע אָרט פאַרנומען, נאָר פאַרקעהרט: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פריהערדיגע איז עפּעס געווען פיל וויכטיגער. און דער־מאָנט האָב איך מיר, אַז פריהער איז פונקט געווען פאַרקעהרט: די חתונה איז ביי מיר געווען דאָס וויכטיגסטע. אויב אַזוי, האָב איך געטראַכט, איז עס דאָך גאָרניט, איז דאָך דאָ גאָר ניטאָ

קיין אויסערגעוועהנלאכעס, איז דאָ דאָך גאָר נישטאָ דאָס, וואָס איך האָב פריהער, פ א ר דער חתונה, געמיינט, אַז ס'וועט זיין. און וואָס האָב איך געמיינט וועט זיין?...

איך האָב מיך פון זיך אַליין צושמייכעלט: ביזט אַ נאַר!... ס'איז דאָס זעלבע. נאָר איצט דאַכט זיך דיך, אַז ס'איז ניט דאָס, דערפאַר, וואָס ס'איז שוין נאָך דער חתונה. אָבער עפּעס האָט פאָרט געפעהלט; ס'זיינען אַזוי ווי אָפּגעהאַקט געוואָרען די פאַנטאַסטישע פליגעל און געבליבען איז אַ שווערער חומר... איך האָב איצט ניט פאַרשטאַנען: אויב די ליבע איז געוועזן צוליב דער חתונה, דאַן וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט די שעהנע לבנה־נעכט? און פאַרקעהרט: וואָס האָבען צו טאָן די שעהנע לבנה־נעכט, אין וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט מיט איהר אַרומצוגעהן, מיט דער חתונה... חתונה האָבען, האָב איך איצט געטראַכט (דעמאָלט האָב איך אַזוי ניט געטראַכט) האָב איך געקאָנט מיט אַן אַנדערער אויך, אַפילו מיט אַזעלכער, מיט וועלכער איך זאָל ניט ליב האָבען די אַלע זאַכען, וואָס איך האָב ליב געהאַט מיט מיין איצטיגער פרוי און פריהער געליבטער, און זי ווידער וואָלט מסתמא געקאָנט חתונה האָבען פאַר אַן אַנדערען... מאָדנע, ווי לייכט עס לאָזט זיך איצט גלויבען דאָס, וואָס איך האָב ביז נעכטען פּשוט געפונען פאַר אונמעגליך. ביז נעכטען האָב איך גאָר אַזאַ געדאַנק ניט געקאָנט דערלאָזען, אַז זי וואָלט, אַזוי ווי זי איז איצט מיינע, אויך געקאָנט זיין אַ צווייטענ'ס.

— ניין, אַזוי וואָלט ניט באַדאַרפט זיין! — האָט ביי מיר אַ געדאַנק אויסגעשריען. אָבער אימיצער אין מיר האָט שוין געטראַכט אָהן מיר: — ווען, אַ שטייגער, דאָס מיידעל וואָלט ניט געהאַט קיין פופצעהן הונדערט רובעל, אָדער, פאַרקעהרט, ווען זי וואָלט יאָ געהאַט, נאָר ווען איך וואָלט געוועזן ניט אַזעלכער, וואָס איז ווערט אַזאַ נדן, וואָלט דאָך דער טאַטע איהרער מיר דאָס געלט ניט געגעבען. און ווען ער וואָלט עס מיר ניט געגעבען, וואָלט איך דאָך אַפילו ביי מיין בעסטען ווילען ניט געקענט חתונה האָבען, און דאַן וואָלט זי דאָך חתונה געהאַט

פאַר אַן אַנדערען, וואָלט איצט, פריהער אָדער שפּעטער, געשמיי־
כעלט פון שלאָף...

איך בין אריינגעגאַנגען אין שלאָף־צימער, און געקוקט האָב
איך שוין אויף איהר ניט מיט יענע אויגען, וואָס איך האָב גע־
קוקט אויף איהר מיט אַ צעהן־פופצעהן מינוט צוריק. און דאָ
האָב איך מיר דערמאָנט, אַז זי האָט אימיצען פאַר מיר גע־
האַט; אַז זי האָט געהאַט אַזעלכען, וואָס זי וואָלט איהם איצט
געקאָנט האָבען פונקט אַזוי, ווי זי האָט מיך, און איבער, פאַר
מיר אַן אונבאַוואוסטער סיבה, האָט זי איהם ניט. און מיר
האָט זיך שטאַרק פאַרגלוסט צו וויסען די סיבה. מיר האָט זיך
נעבעלדיג געפּלאָנטערט אין קאָפּ, אַז דאָס ניט־האָבען יענעם איז
פיל וויכטיגער פון דעם, וואָס זי האָט מיך...

איך בין אומגעדולדיג געוואָרען. איהר האַרטער שלאָף האָט
געררייצט מיינע נערוועןָ. ווער ווייסט, וואָס ביי איהר ערגעץ
דאָרט, אין פאַרשלאָפענעם מח, קומט פאָר?... עס קאָן זעהר
זיין, דאָס עס חלומ׳ט זיך איהר, אַז זי האָט חתונה מיט יענעם...
און איך? איך עקזיסטיר פאַר איהר גאָרניט...

איך האָב מיך מיט אַ באַליידיגט געפיהל אָפּגעקירעוועט
פון איהר און האָב מיך, ווי איהר אויף אַ צו־להכעיס, דערמאָנט,
אַז איך האָב אַמאָל אויך געהאַט „איינע". און כאָטש איך האָב
גוט געדענקט, אַז איך בין אין דער איינער גאָרניט אַזוי שטאַרק
געוועזן פאַרליבט, האָב איך מיך, איך וויים ניט נאָך וואָס, גע־
וואָלט איינריידען, אַז איך האָב יענע זעהר שטאַרק ליב געהאַט...
וואָס „געהאַט"? איך האָב זי איצט אויך ליב. און ס׳האָט מיר
עפּעס אַזוי ווי הנאה געטאָן: אָט ווייסט „זי" גאָרניט, אַז איך
טראַכט וועגען אַן אַנדערער, און דאָס האָט אין מיר באַפעסטיגט
דעם גלויבען, אַז איהר קאָן זיך איצט חלומ׳ען יענער...

איך האָב מיך ווידער אָנגעהויבען ארומדרעהען פון איין
צימער אין צווייטען און עפּעס בין איך שוין אריינגעפאַלען אין
אַזאַ שטימונג, וואָס איז מיר ניט אומעטיג, ניט פרעהליך געוועזן,
און גלייכצייטיג געפיהלט, אַז דער טאָג איז דאָך ניט גלייך צו

אַלע טעג, וואָס איך האָב געלעבט ביז אַהער, און דערפאַר, האָט זיך מיר געגעבעלט אין קאָפּ, האָב איך עפּעס צו טאָן, דאַרף עפּעס טאָן אַזעלכעס, וואָס איך האָב ניט געטאָן ביז אַהער, און ניט געוואוסט וואָס... ערגעץ איז ביי מיר טיף אין מח געלעגען פאַר־גליווערט עפּעס אַ „נעכטען", וואָס איז פאַרשוואונדען אַזוי גיך ווי אַ חלום, און פון אַ חלום זיינען ערגעץ פאַרבליבען איינ־צעלנע טענער פון דער מוזיק, און פון׳ם גאַנצען חתונה־טומעל איז נאָר אַ כאַאָס געבליבען, און עפּעס האָט שוין צו פיינליך וועה געטאָן, וואָס דאָס אַלץ איז שוין אריבער.

דער זייגער האָט צוועלף געשלאָגען. די ערשטע צוועלף, וואָס איך הער פון מיין זייגער אין מיין שטוב. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון איצט אָן הויבט זיך אָן דאָס נייע לעבען... עס האָט געקלונגען דער נייער זייגער נייע צוועלף אויף מיין ניי לעבען, און מיר איז עפּעס גלייכצייטיג אי אומעטיג, אי פרעהלאך געוואָרען...

עס האָט אימיצער געקלאַפּט אין דער קיך־טיר. איך האָב געשווינד אַרויפגעכאַפּט אויף זיך די הויזען און דאָס ראָקעל און בין אוועקגעלאָפען עפענען די טיר.

עס האָבען זיך אַריינגעשאָטען דריי מענשען. די ערשטע — מיין ווייב׳ס שוועסטעריל, אַ בליהענד פופצעהן־יאָהריג מיידעלע, וועלכע האָט מיר געזאָגט אַ „גוט־מאָרגען" מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגען; דער צווייטער איז געווען דער טעלעגראַממען־טרעגער, וועלכער האָט מיר אָפּגעגעבען אַ פאַרשפּעטיגטע טעלעגראַממע פון מיינעם אַ חבר, וועלכער גראַטולירט מיך צו מיין האָכצייט און ווינשט מיר אייביג גליק. די דריטע איז געווען אַ שיקסע, וואָס מיין שוויגער האָט מיר צוגעשיקט מיט דער שווענגערין, איך זאָל זי נעמען פאַר אַ דינסט.

— זי שלאָפט נאָך — האָט דאָס קינדערש מיידעלע גע־פרעגט מיט אַ קוים באַמערקבאַר שעלמיש שמייכעלע, און אין דעם, וואָס זי האָט די שוועסטער ניט אָנגערופען ביים נאָמען, נאָר

„זי" — האָב איך דערקענט, אַז זי, מיין פרוי, איז שוין פאַר איהר ניט דיזעלבע, וואס איז געווען ביז נעכטען, נאָר אַן אנדערע.

— זי שלאָפט נאָך! — האָב איך געענטפערט, פאטשענדיג איהר מיטביידע הענט אין ביידע פוכקע ווייסע בעקלאך — אויב דו ווילסט, גנה, וועק זי אויף. געווג איהר צו שלאָפען.

דאָס קליינע קינדערש מיידעלע האָט זיך אָבער ניט געריהרט פון איהר אָרט, און געקוקט האָט זי מעהר אויף דער שיקסע, ווי אויף מיר... און מיר איז אזוי אנגענעם געווען צו שטעהן דאָ אין קיך מיט דעם שעמעוודיגען מיידעלע. איך האָב זי פלוצלינג ארומגענומען, שטאַרק צוגעדריקט צו זיך און א הייסען קוש געגעבען אין די קינדערשע ליפעלאך. און באַלד אנטלאָפען אין שלאָף-צימער, פאמעליכען אויפגעוועקט מיין פרוי און געזאגט צו איהר:

— שטעה אויף, מיין גאָלד... דיין דינה'לע איז דאָ... די מאַמע האָט דערמיט איהר צוגעשיקט א שיקסע.

— ביזט שוין לאַנג אויפגעשטאַנען? — האָט זי מיר מיט א גוטמוטיג שמייכעלע, גלעטענדיג מיט א האנט מיר דאָס פּנים, געפרעגט.

— אָ, זעהר לאַנג! — האָב איך געענטפערט, ניט קאָנענדיג איהר קוקען גלייך אין די אויגען אריין.

— וואס-זשע האָסטו דאָ געטאָן? — האָט זי ווידער גע־פרעגט, ציהענדיג מיך צו זיך.

— געטאָן וואָס?.. גאָרניט... און געפיהלט האָב איך, אַז כ'האָב דאָ יאָ עפּעס געטאָן און דוקא אזעלכעס, וואָס איך וואָלט ניט באדארפט טאָן.

— דינה'לע! — האָט מיין פרוי א רוף געגעבען דאָס שוועסטער'ל — קום אהער, וואס שטעהסטו דאָרט?

דינה'לע האָט זיך באוויזען אין דער טיר מיט אראָפּגעלאָזטע אויגען און פלאַמענדע בעקלאך. און איך? איך האָב געפיהלט, אַז איך רויטעל זיך אויך...

# דוד׳ל.

ער איז איין און איינציגער ביי די עלטערען געווען. די מאמע זיינען, א יונג בליהענדע ווייבעל, איז טאג־טעגליך אין חדר אריין געקומען געוואהר ווערען, צי דער רבי שלאגט איהם. זי האט געבראכט צוקערקעס און אנדערע נאשערייען, האט אויך אפט די אינגלאך געטיילט און דעם גרעסטען חלק האב איך גע־קראגען, דערפאר, וואס איך האב זיך מיט איהם שטענדיג גע׳חבר׳ט, און האט איהם ווער געוואלט אנריהרען, האב איך זיך פאר איהם אנגענומען.

דוד׳ל איז, ווי אלע בן־יחידים, געווען שרעקליך צולאזט און די פארשייטקייט זיינע האט גאר קיין גרעניץ ניט געהאט: ער האט זיך נאכגעהאלטען אויף אלע וועגען, געקלעטערט אויף מויער, געקראכען אויף דעכער, געגאנגען אויף דער לעצטער שורה שינדלען, דאס הייסט, פשוט ריזיקירט מיט׳ן לעבען. אזא קונץ האט קיינער ניט געקאנט באווייזען. און שפרינגען, דארטען וואו עס האט זיך געבויט א נייע שטוב, פון איין באליעק אויפ׳ן צווייטען, דאס איז שוין ביי איהם גאר פון די קליינע קונצען געווען.

אין די אלע ריזיקאלישע „אונטערנעמונגען” זיינע האב איך א גרויסען אנטייל גענומען. עפעס האב איך געהאט א מאדנעם יצר־הרע צו שיקען איהם אויף אלע מעהר אדער וויניגער גע־פעהרליכע ערטער. ס׳הייסט, איך אליין, זיין „לייב־היטער”, האב איהם אונטערגעגעבען חשק צו אלע שקצ׳ערישע שטיק. און יעדעס מאל, ווען די „קונץ” איז איהם אפגעגאנגען גלאטיג, בין איך געשטאנען, ווי אן אפגעשמיסענער און א שטילער אומדרייט־ליכער פארדרוס האט גענאגט דאס הארץ מיינס... א מאדנע תאוה

האָט אין מיר תמיד געברויזט צו דעם ציטערינגען באַשעפעניש... ערגעץ איז אין מיר אַ טייוועל געלעגען באַהאַלטען, וועלכער האָט שטיל מיט אַ ווילדער פאַרביסער עקשנות געלאָקערט נאָך דעם יונגען עופה'לע... מיינע געדאַנקען זיינען כסדר געווען פאַרנומען מיט צוטראַכטען פאַר איהם געפעהרליכע קונצען און וואָס גרעסער עס איז געווען די געפאַהר, האָב איך איהם אַלץ מעהר דערויצו צו־גערעדט. באַזונדערס האָב איך געלעגט מיין אויפמערקזאַמקייט דערויף, ער זאָל זיך באָדען אין יענע צייטען, וואָס מ'טאָר ניט, ווי אַ שטייגער, אום ספירה, די צייט, וועלכע איז אַזוי שרעקליך געווען מיט גרוייזאַמע מעשיות. און טייל מאָל פלעג איך עפּעס, ווי פאַר זיך אַליין מורא האָבען. מיר האָט זיך ניט איינמאָל נעבעלדיג געדרעהט אין קאָפּ, אַז איך האָב מיט די „ניט־גוט", יד אחת געמאַכט, אום צו פאַנגען דאָס נשמה'לע זיינס... איך פיהל נאָך עד־היום דאָס שעלמישע שמייכעלע, וואָס איז געלעגען צוגאָסען אויף מיינע ליפּען און יענע פאַרגעניגען, וואָס איך האָב געהאַט, ווען איך האָב איהם געפיהרט זיך באָדען. געוועהנליך האָב איך איהם געפיהרט אויף אַלע טיפע ערטער און יעדעס מאָל, ווען ער איז מיט אַ טענצעל ארויס פון וואַסער און זיך באַריהמט פאַר מיר מיט זיין בריה'שאַפט, האָב איך געשפּשירט אין זיך אַ שרעקליכע ניטצופרידענהייט... איך געדענק אפילו, ווי איך בין עפּעס ווי ברוגז'לאַך געווען און האָב מיט איהם אַ שטיק וועג, געהענדיג אהיים, ניט גערעדט.

איך אַליין, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס איך בין ניט גע־ווען קיין קלענערער „שייגעץ" פון איהם, האָב מיך דאָך מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם אינערליכען אינסטינקט אָפּגעהאַלטען פון שקאָצעריי, האָב מיך געמאַכט פאַר אַ סטאַטיקעל, כדי די מאַ־מע זיינע זאָל מיך ניט חושד זיין, אַז איך פיהר איהם אַרויף אויפ'ן שלעכטען וועג און במילא האָב איך שוין פון זיך אַראָפּ־געוואָרפען די פאַראַנטוואָרטליכקייט, אויב איהר זוהנדעלע וועט עפּעס טרעפען... איך געדענק אפילו, מיט וואָס פאַר אַ שמד־שטיק איך האָב מיך באַנוצט, כדי צו געווינען איהר צוטרויען,

זי זאָל מיך מיט דוד'לען ניט צושיידען: אין דרויסען האָב איך מיט איהם אָפּגערעדט, ס'הייסט צוגערעדט, מיר זאָלען זיך געהן באָדען אָדער שיפען, נאָכהער בין איך אריינגעגאנגען צו דער מאמען זיינער אין שטוב און מיט א פרום קול'כעל געזאָגט:

— מירעל, אייער דוד'ל שלעפּט מיך זיך באָדען! — אָדער:

— מירעל, אייער דוד'ל שלעפּט מיך מיר זאָלען זיך געהן שיפען.

געוועהנליך האָט זי איהם אי דאָס ערשטע, אי דאָס צווייטע פארוועהרט. נאָר דוד'ל האָט געמאַכט אזוינע גוואלדען, האָט אזוי געטופּעט מיט די פיס, אז זי האָט געמוזט געבען איהר הסכמה, האָט אונז מיט א ברויזענדער אומרוהיגקייט, ווי א קוואָ־קע באגלייט די קאטשקעלאך אויפ'ן וואסער, אונז נאָכגעגאנגען א שטיק וועג און אמאָל צוואַנציג איבערגע'חזר'ט איין און די זעלבע ווערטער: מיר זאָלען זיך באָדען ביים ברעג, אָדער, מיר זאָלען ארומפאָהרען פאמעלאך, ניט פאָהרען אין פרוד אריין. דאָס אלעס האָט זי מיר אָנגעזאָגט, גלעטענדיג מיר די פאטיליצע, און אינעווייניג אין מיר האָט דער טייוועל געפייערט זיין נצחון... דאָס אליין, וואָס זי האָט מיך אזוי פיל געבעטען און געגלעט, האָט מיר נאָך מעהר געגעבען צו פיהלען, אז ער איז מיינער, אז ער איז איבערגעגעבען געוואָרען אין מיינע הענד און ס'האָט מיך עפּעס געפרעהט... די פרייד איז כמעט געווען די זעלבע, ווי ביי א קינד, וואָס האָט אין זיין רשות א לעבעדיג באשעפעניש, לאָמיר זאָגען, א טייבעלע, וועלכעס ער האָט זעהר ליב, און דער געפיהל, אז דאָס איז זיינס, אייגענס, און ער קאָן מיט דעם טאָן, וואָס ער וויל, מאכט ברויזען דאָס יונגע בלוט זיינס. מיר איז איינמאָל אויסגעקומען צו זעהן, ווי א אינגעלע, האָבענדיג זיין אייגענם א טייבעל, האָט עם איינצייטיג ווי ער האָט עם גע־קושט אין קעפעל, פאררייסען דאָס העלזעלע און געמאכט מיט'ן פינגער — און דער סוף איז געווען, אז ער האָט עם טאקע גע־קוילעט מיט א שטומפּיג מעסערעל און האָט נאָכדעם א שטיק צייט געוויינט נאָך דעם... איך האָב דאָך איהם אויך גאָרניט פיינט געהאָט, איך פלעג דאָך ניט אויף קיין קאטאָוועס זיך איינ־

שטעלען פאר איהם, ווען עמיצער פון אונזערע חדר־אינגלאך האָ־
בען איהם געוואלט שלאָגען, און אָך, אָט אַ וואונדער! האָב איך
ווילענדיג־ניט־ווילענדיג געשפּרייט פאר איהם איין נעץ נאָך דער
אַנדערער און איך קאָן מיר נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט קלאָר
מאכען די סבה פון מיינע בייזע פארלאנגען, צי איז עס געווען
אַ פּשוט'ע נייגעריגקייט צו שטעלען אין געפאהר דאָס קינד, וועל־
כעס איז פאר מיינע אויגען אזוי געצערטעלט געוואָרען? שווער
צו ענטפערען. איך וויים נאָר, אז וואס מעהר די מאמע זיינע
האָט געציטערט און געפלאַטערט איבער איהם, אלץ שטארקער איז
ביי מיר געוואָרען דער בייזער ווילען אומצוברענגען דאָס קינד.
און וואונדערליך, וואס דער בייזער ווילען האָט זיך ביי מיר
עפּעס ווי מיט אַ נבואה אויסגעמישט. איך האָב ווי בנבואה
געזעהן, אז דאָס קינד מוז אומקומען און אז איך וועל אין זיין
טויט האָבען אַ גרויסען חלק און בין דאָ ניט מעהר ווי אַ שטיק
געוועהר אין יענער געהיימער האנד, וועלכע האָט כסדר געשוועבט
איבער דעם ציטעריגען קעפּעל... מיט דער צייט האָט זיך מיר
דאָס באוואוסטזיין, אז איך וועל זיין דער הויפּט־שולדיגער אין
זיין טויט, אזוי געשטארקט, אז איך האָב איהם אויפגעהערט
צו קאָנען קוקען אין די אויגען אריין און האָב אָהן שום סבות
געפּראוועט ברוגז'לאך, וואס האָט דעם קינד שרעקליך געקרענקט...
איינמאָל, געדענק איך, האָט זיך מיר גע'חלום'ט אזא
חלום:

איך שיף זיך מיט איהם אויף אַ גוואלדיג גרויס, טונקעל,
אומעטיג וואסער. ביי די זייטען זיינען נישט קיין געוועהנליכע
ברעגעס, נאָר הויכע, שווארצע, ערדיגע ווענד. דאָס וואסער איז
וואונדערליך שטיל, שמיל און גלאַט, און עס זעהט אויס ווי אַ
גרויסע, לאַנגע אָבגעפּאָליטורטע שטאָלענע דעק, איינגעפאסט צווי־
שען די שווארצע ווענט און די לופט ארום אונז האָט אויך גע־
האַט דעם זעלבען קאָליר, ניט טאָג און ניט נאכט... דאָס שיפעל
רוקט זיך פּאמעליך, כאָטש ניט איך און ניט ער טוען גאָר נישט
דאָס שיפעל זאָל זיך געהן, און איך וואונדער זיך גאָר ניט...

איך געפֿין עס פֿאַר גאַנץ נאַטירליך, ווייל ערגעץ טיף ביי מיר אינווייניג רויהעט זיך אַ שרעקליכער געדאַנק, אַז דאָס שלעפּט מען ערגעץ דוד'שען צו דערטרינקען איהם, און אַזוי שטיל, ווי דאָס שיפֿעל שווימט, גיט זיך עס פּלוצלונג אַ דרעה אָן אַ זייט און פֿון ערגעץ ווייט, ווייט, דערהערט זיך אַ פּליוסק אין וואַסער, און דוד'ל ווערט פֿאַרשוואונדען...

דעם חלום האָב איך קיינעם ניט דערצעהלט; איך האָב נעבעלדיג געפֿיהלט, אַז מיר איז פֿון אַן אומבאַוואוסטער קוועלע אָנגעטרויט געוואָרען אַ גוואַלדיגער סוד, וועלכען איך טאָר פֿאַר קיינעם ניט דערצעהלען, און פֿון דאַמאָלסט אָן בין איך זיכער געווען, אַז דוד'ל וועט היינט אָדער מאָרגען דערטרונקען ווערען.

דאָס איז געווען אַ טאָג צי צוויי פֿאַר תשעה־באב. פֿאַרנאַכט, די זון האָט געהאַלטען ביים פֿאַרגעהן, און אַנטקעגען איהר האָט זיך פֿון מזרח־זייט אָנגערוקט אַ געדיכטער, שטאָלענער וואָלקען. אין דער לופֿט האָט זיך אָנגעהויבען צו דרעהען אַ קיהל ווינטעלע, די ביימער האָבען זיך פּאַמעליך אָנגעהויבען צו באַוועגען און שטיל צו רוישען. די בלעטעלאך זיינען, דאַכט זיך, עפּעס ווי גרינער געוואָרען און באַקומען עפּעס אַ מין אומעטיג אויסזעהען. וואו ניט וואו האָבען זיך מיט קוויטשערייען געלאָזט לויפֿען קלענערע און גרעסערע חזירים, געלאָפֿען מיט פֿעלד יעדערער צו זיין שטעלכעל. פֿייגעלאך האָבען זיך באַהאַלטען אין זייערע נעסטען און דאָרטען פֿון יענער זייט טייך האָבען די פּאַסטוכער אויף זייערע פֿייפֿעלאך אָנגעהויבען געבען סיגנאַלען צו טרייבען די טשערעדע אַהיים.

דער ווינד איז אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרען; ער האָט געבלאָזען פֿון יענער זייט, פֿון וואַנען דער וואָלקען האָט זיך גערוקט און געבויגען די ביימער צו דער ערד, איבערגעקעהרט די בלעטעלאך אויף דער לינקער זייט, פֿון וואָס זיי, די ביימער, האָבען באַקומען אַ פֿאַנטאַסטיש אויסזעהן, און אייניגע פֿון זיי, די ווערבעס, האָבען באַקומען אַ טונקעל־גרויען קאָליר. גאַנצע זיילען שטויב האָבען זיך געטראַגען אין דער לופֿטען מיט

אַ וואונדערליכער שנעלקייט, מיטשלעפּענדיג מיט זיך שטיקלאַך פּאַפּיר, לייכטע, דינע שפּענדלאַך און אָפּגעריסענע בלעטלאַך.

דער רבי האָט אונז פריהער מיט אַ פערטעל שעה, ווי אַלע טאָג, צולאָזט פון חדר. דוד׳ל האָט מיך פרעהליך געגעבען אַ שלעפּ ביים ארבעל מיר זאָלען גיך לויפען אהיים. איך בין אַ מינוט צייט געשטאַנען, ווי אַ פאַרזונקענער, ניט געוואוסט, וואָס מיט מיר טוט זיך און געפיהלט, ווי עפּעס שווערעס דריקט דאָס הארץ מיינס.

— וואָסי ?... — האָט ער שטיל געפרעגט, ווי ער וואָלט מיר אַ סוד איינגערוימט.

מיר איז איינגעפאַלען אַ מאָדנער געדאַנק: איך זאָל אוועק־לויפען צו איהם און שטרענג אָנזאָגען דער מוטער, זי זאָל איהם היינט אין ערגעץ פון שטוב ניט אַרויסלאָזען און איינצייטיג ווי איך האָב דאָס געטראַכט, האָב איך איהם שטיל אַ פרעג געגעבען:

— דוד׳ל, דו וואָלסט זיך איצט געגאַנגען באָדען ?

ער האָט אויף מיר אַ פראַגע־קוק געוואָרפען און ווען מיר זיי־נען אַרויס אין דרויסען, האָט ער לוסטיג געענטפערט:

— וואָס מיינסטו, איך האָב מורא ?

— איך רעכען, אז דו וועסט מורא האָבען, — האָב איך שעל־מיש אונטערגעהיצט.

— טייערע מיצאָצע! קום!

מיר האָבען זיך גנב׳יש אָפּגעדרעהט אין אַ זייט און אוועק צום טייך.

דער טייך האָט געהאַט דעם זעלבען קאָליר, וואָס דער הימעל. טונקעל־בלויע כוואַליעס האָבען זיך געיאָגט איינס נאָך דאָס אַנ־דערע און אויסגעזעהן האָט דאָס וואַסער עפּעס ווי אַ מין ברוי־זענדער אומעט, עפּעס ווי אימיצענס בייזער גייסט וואָלט זיך דאָ צוגאָסען אין אַן אומענדליך ווייטען שטח און עהנליך איז געווען דער טייך אויף יענעם, וואָס איך האָב געזעהן אין חלום.

— איך הייס זיך דיר ניט באָדען! — האָב איך צו איהם געזאָגט, ווען ער איז שוין ביז׳ן גאַרטעל אין וואַסער געשטאַנען.

און איך ווייס עד היום ניט, צי האָב איך עס געזאָגט מיט א ווילען, צי האָב איך איהם אזוי אָרום געוואָלט נאָך מעהר אונטערגעבען חשק ער זאָל זיך באַרען; מעגליך, אי דאָס, אי יענס. און ווי איך האָב אַרויסגעזאָגט די ווערטער, האָט ער זיך געגעבען א ציה אויס און אָנגעהויבען שווימען.

אין א פינף מינוט ארום איז ער שוין געשטאַנען אויף יענער זייט מיט פאַרלעגטע הענד אויף דער ברוסט און זיך באַריהמט מיט זיין העלדישקייט. דאָס מאָל האָט מיך דאָס באַריהמעריי זיינס ניט געטשעפּעט, ווייל אין האַרצען איז ביי מיר געלעגען א פעסטע זיכערהייט, אז צוריק־שווימענדיג וועט מיט איהם טרעפען דאָס, וואָס מיר איז שוין לאַנג באַוואוסט געווען. א וועהטאָג האָט פאַר־קלעמט דאָס האַרץ מיינס, נאָר געוואוסט האָב איך, אז איצט איז אַלעס פאַרפאַלען; די טייוועלשע אַרבייט איז אָפּגעטאָן געוואָ־רען און מיר וועט שוין קיין זאַך ניט העלפען איך זאָל איהם מציל זיין פון'ם טויט... טרערען האָבען זיך מיר אין די אויגען גע־שטעלט, און איך האָב פלוצלונג אויסגעשאָסען מיט א געוויין:

— דוד'ל... ! דוד'ל! זיי מיר מוחל!...

איך ווייס ניט, צי האָט ער געהערט די ווערטער, צי ניט. איך האָב נאָר געזעהן, ווי ער האָט זיך פאַמעלאַכקע, פויל אַראָפּגע־לאָזט אין טייך אריין, דאָס פּנים איז געווען בלאַס און די אויגען האָבען צומישט געקוקט אין אומבאַשטימטער ריכטונג.

ענדליך האָט ער זיך געלאָזט שווימען. איך האָב אויף קיין רגע ניט אַראָפּגעלאָזט די אויגען פון איהם און בין אינגאַנצען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם שרעקלאַכען געדאַנק: אָט, אָט וועל איך דאָס שרעקלאַכע בילד דערזעהן, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער האָט זיך גאַנץ פעסט אויפ'ן וואַסער געהאַלטען, און אָט האָט ער שוין געהאַלטען ביים אַריבערשווימען די גרוב. איהם איז ניט מעהר, ווי א צוויי־דריי אַרשין געבליבען און דאָס געפאַהר וואָלט אַריבער, נאָר דאָ איז עפּעס אומפאַרשטענדלאַכעס געשעהן: ער האָט פלוצים אויף מיר א קוק געוואָרפען, א שרעקלאַך גרויזאַמען קוק, און דאָס ווי ניט מיט זיינע אויגען. ניין, איך האָב די אויגען

ניט דערקענט. גרוים זיינען זיי געווען, שרעקלאך גרוים, ווי צוויי פענכערס געשטארצט פון אונטער'ן שטערען אפיר, און דאָס פנים, דאָס פנים איז געווען געל, ווי ביי א מת... אין א ווייל׳ע ארום, ווי אימיצער וואָלט איהם דאָרטען הינטען א שלעפ געגעבען, האָט ער זיך מיט אמאָל געגעבען א זעץ אראָפ און האָט זיך שוין מעהר ניט געוויזען...

איך בין פייל פון בויגען אוועקגעלאָפען צו איהם אהיים און א טראסק געגעבען אין פענסטער:

— אייער דוד'ל!!... אייער דוד'ל!!!...

זעהט אוים, אז איך האָב ניט געשריגען מיט מיין קול, ווייל מיר האָט זיך גערדאכט, אז ניט איך שריי, נאָר אימיצער אנדערש הארט ביי מיינע אויערען האָט געשריגען:

— דוד'ל!! דוד'ל!!! — און בין ווי אראָפגעפאַלען אין א טיפען, טיפען אָפגרונד — — — — — — — — —

# אוטערוועגס.

אין יאָהר 1895 בין איך דאָס ערשטע מאָל ארויסגעפאָהרען אויף דער פּראָווינץ מיט מיינע קאָלעקציעס פון דער נויי-געגרינ־דעטער פירמע: „ערטמאַן עט קאָמפּ." דעמאָלט האָב איך קיין איינציג ווינקעלע ניט אויסגעלאָזט, קיין איין קליין שטעדטעל ניט אזוי דאָס געשעפט, ווי די קליינע שטעדטלאך אליין. מיך האָט אהין געצויגען די שטילקייט, דאָס רוהיגע לעבען, די היל־צערנע הייזלאך, די הוילע ניט פּארפּאַנצערטע ערד, וועלכע איך האָב פון די קינדער־יאָהרען ווי דורך א חלום געדענקט.

געקומען בין איך אויף דער סטאַנציע ק. שוין פאר־נאַכט, ווען די זון, וואָס האָט שוין געהאַלטען ביים פארגעהן, האָט איהרע לעצטע שטראַהלען דורכגעשלאָגען דורך די געדיכטע בוימער, וואָס ביים וואָקזאַל. דאָס קליינע וואָקזאַלכעל, וואָס איז צווישען די בוימער געשטאַנען, האָט אויסגעזעהן ווי א קליין קינד, וואָס מען האָט אין מיטען פעלד אוועקגעשטעלט. און רחמנות'דיג האָט עס געקוקט אויף די ברייטע צואַקערטע פעלדער, וועלכע זיינען געלע־גען ווי א פּאַר'כשופ'טער, שווארצער ים מיט פארגליווערטע כוואַ־ליעס.... די ווארימע לופט איז וואָס ווייטער אַלץ קיהלער און טונ־קעלער, טונקעלער און קיהלער געוואָרען. די קיהלקייט האָט דער־מאָנט דעם ניט־לאַנג פארשטאָרבענעם ווינטער, און געדוכט האָט זיך, אז ער שטעהט נאָך דאָ ערגעץ הינטער די פּלייצעס, און איינ־איינעם מיט דער נאַכט גנב'עט ער זיך שטיל צוריק אריין.

אָבער פון הינטער מיינע פּלייצעס האָט זיך מיר גלייך אין פּנים אריין באוויזען א איד אין א פּאָר גלאַנציגע שטיוועל, אין א קורץ פּעלצעל מיט זייטיגע קעשענעס, אין וועלכע ער האָט די הענד געהאַלטען, און האָט מיך פארבעטען צו זיך אויף סטאַנציע.

און אַז איך האָב איהם געענטפערט, אַז איך דאַרף אין שטאָדט אריין, האָט ער אַ הויב געטאָן די אַקסלען, זיך אויסגעדרעהט צו מיר מיט די פּלייצעס און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער, מאַכענדיג מיט דער רעכטער האַנד צום שליאַך־צו, אָנגעהויבען שרייען:

— ע, רב יוד! רב יוד! איהר פאָהרט אין שטאָדט אריין? אָט האָט איהר אַ פּאַסאַזשיר! און כאָטש יענער האָט ניט געענטפערט ניט יאָ, ניט ניין, האָט דאָך מיין איד מיך געגעבען אַ טראָג מיט מיינע צוויי פּעק און אַ וואונק געטאָן, איך זאָל נאָכלויפען יענעם אידען. יענער פאָהרט זיכער אין שטאָדט אריין. איך האָב ניט געמאכט קיין שהיות און געלאָפען צום אידען, וועלכער איז ניט געזעסען אין וואָגען, נאָר געגאַנגען צו־פוס טריט ביי טריט, האַלטענדיג די לייצעס אין די הענד. איך האָב איהם אַ פּאָר מאָל צוגעשריען, ער זאָל בלייבען שטעהן, ער האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן צו מיר און זיך ווייטער געגאַנגען. ער פאָראויס און איך מיט מיינע צוויי גרויסע טשעמאָדאַנעס נאָך איהם.

נאָך אַ צעהן מינוט לויפען, האָב איך איהם קוים דעריאָגט. מיט אַן איינגעהאַלטענעם פאַרדרוס האָב איך איהם פאָרגעוואָרפען, פאַרוואָס ער האָט זיך ניט ווייסענדיג געמאַכט, ווען ער האָט געזעהן, ווי אַ איד לויפט און רייסט זיך איין די קישקעס מיט אַזעלכע צוויי שווערע פּעק. נאָר דער איד האָט געשוויגען, און געווען זעהר טרויעריג.

זעהענדיג, אַז מיין מוסר נעהמט איהם ניט, האָב איך איהם שוין רוהיג געפרעגט:

— איהר פאָהרט אין שטאָדט אריין?

— אין שטאָדט אריין.

— קאָנט איהר מיך מיטנעהמען, צי ניין?

ער האָט אָפּגעלאָזט די לייצעס, גענומען מיינע צוויי טשעמאָדאַנעס, און זיי אַוועקגעלעגט פון פאָרענט אין וואָגען, כאָטש דער גאַנצער וואָגען איז, דוכט זיך, געווען ליידיג.

— איהר קלערט געהן צו־פוס ביז אין שטאָדט אריין? — האָב איך ווידער געפרעגט.

ער האָט ניט געענטפערט.

— מיר קאָנען זיך דאָך אַזוי שלעפּען די גאַנצע נאַכט.

— ווי איהר ווילט! — האָט ער מיר גלייכגילטיג געענטפערט.

איך האָב קיין ברירה ניט געהאַט, בין געגאַנגען, איך אויף דער זייט פערד, ער אויף דער צווייטער זייט.

— אויב אייך איז שווער צו געהן, קאָנט איהר זיך זעצען אויף אייערע טשעמאָדאַנעס — האָט ער זיך פּלוצים דערמאָנט אָן מיר — און אויב איהר קאָנט אַנטרייבען, וועל איך אייך געבען די לייצעס אין די הענד.

איך האָב מיך אויפגעזעצט און ער האָט מיך איבערגעגעבען די צוויי פּאַרשמאָלצעוועטע שטריקלאַך, און איבערגעגעבען האָט ער זיי מיר אַזוי פּאַמעליך, מיט אַזאַ פּאָרזיכטיגקייט, גלייך ווי די שטריקלאַך וואָלטען געווען פון גלאָז געפלאָכטען. מיין איד האָט אריינגעשטעקט ביידע הענד אין די גרויסע טאַשען פון זיין בורקע און שטיל אָנגעהויבען צו דאַוונען מנחה.

ווען דער איד האָט אָפּגעדאַווענט מנחה, האָב איך איהם גע־פרעגט פון וואַנען ער פאָהרט. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער פאָהרט פון אַ דאָרף ניט ווייט פון דער סטאַנציע און אויף מיין פראַגע, נאָך וואָס ער פאָהרט אין שטאָדט, האָט ער מיר אַ ווייז געגעבען אין וואָגען אַריין.

— איך פיהר דאָ דעם איין־און־איינציגען זוהן מיינעם, — האָט ער מיט אַ צוגעשטיקט קול געזאָגט — געדאַרפט ווערען בעל־מצוה... ווערה צו זיין טאַטען!

— וואָס־זשע פיהרט איהר איהם אין שטאָדט אריין? — האָב איך פאַרוואונדערט געפרעגט.

— איך בין אַ איד, אין דאָרף איז ניטאָ קיין בית־עולם.

— פון וואָסער קראַנקהייט איז ער געשטאָרבען?

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער ווי פאַר זיך געזאָגט:

— ניט געשטאָרבען... ער איז ניט געשטאָרבען... ער האָט זיך אויפגעהאנגען.

— אויפגעהאנגען? — האָב איך מיט שרעק געפרעגט.

— אויפגעהאנגען, — האָט ער געענטפערט, אַרויפלעגענדיג ביידע הענד אויפ'ן פּנים.

— פאַרוואָס?...

— פאַר גאָרניט... פאַר גאָרניט... מיט אַ וואָך צוריק האָט זיך ביי אונז אַ גוי אויף אַ בוים געהאנגען... דאָס גאַנצע דאָרף איז פול געוועזן... מיינער איז אויך געשטאַנען נעבען געהאנגענעם און האָט קיין אויג פון איהם ניט אַראָפּגענומען... איינמאָל איז ביי מיר אַ בהמה חולה געוואָרען, האָב איך געבראַכט דעם שוחט. די בהמה געקוילעט און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיין ווייב „איהם" געטראָפען שטעהן איבער'ן קינד מיט אַ מעסער איבער'ן העלזעל.

מיר זיינען געגאַנגען טריט ביי טריט. איך האָב געמיינט, אַז צו דעם געהן וועט שוין גאָר קיין ענדע ניט נעהמען. פון צייט צו צייט אַ קוק געוואָרפען אויפ'ן אידענ'ס „באַגאַזש", וואָס איז געוועזן מיט אַ שוואַרצער בורקע באַדעקט און ס'האָט מיך גע־שווידערט.

ענדליך האָבען זיך אידישע באַלויכטענע פענסטער אָנגעהויבען צו באַווייזען און אָט איז אַ אידישע פיגור צוגעגאַנגען און האָט שטאַרק אין וואָגען אריין זיך איינגעקוקט. איך בין צוגע־גאַנגען צו דער פיגור און געפרעגט צי איך וועל ביי איהר קריגען אַ סטאַנציע, נאָר די פיגור האָט ניט געענטפערט, איז פאַרשוואונ־דען אין שטוב אַריין און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דיזעלבע פיגור מיט נאָך עטליכע קליינע און גרויסע פיגורען באַוויזען און איך האָב דאָס צווייטע מאָל געפרעגט:

— אפשר וועל איך קריגען ביי אייך אַ סטאַנציע?

זיי האָבען זיך מיט הענד און פיס אָפּגעוואָרפען פון מיר. נאָר אין אַ ווײַלע אַרום איז מיר איינגעפאַלען, אַז זיי מוזען געווים מיי־

נען, אַז איך האָב עס יענעם, וואָס אונטער'ן שווארצען פּאַלטאָ, גע-
בראַכט, און האָב מיך געאײַלט צו צוגעבען: איך בין צופעלי:
געקומען מיט דעם אידען... דאָס איז ניט מיין... איך בין א וואָ־
יאַזשער... א וואָיאַזשער בין איך, ווייזט מיר ערגעץ א סטאַנציע...

זיי האָבען מיר אָנגעוויזען די צווייטע שטוב, געבען וועלכער
עס האָט טונקעל געברענט א לאַמטערן.

# א מיספארשטענדניש.

רב אברהם מילכיגער און רב מענדיל זעלצערמאַן האָבען צו איין קינד געהאט: דער ערשטער — אַ זוהן, און דער צווייטער — א טאָכטער. ווען דיביידע קינדער זיינען נאָך קליין געווען, האָט גאַנץ שטאָדט געוואוסט, אַז זיי וועלען צווישען זיך אַ שדוך טאָן. און פאַרוואָס טאַקע ניט? ביידע חשוב'ע בעלי־בתים, האָבען הייזער און קראָמען צו פאַרדינגען און חוץ דעם איין יחוס. רב אברהם מילכיגער'ס און רב מענדיל זעלצערמאַנ'ס ווייבער זיינען שוועסטער געווען.

געוואַקסען זיינען די קינדער צוזאַמען, האָבען כמעט ווי ניט געוואוסט, וואו די אמת'ע היים זייערע איז — ביי דער מוהמען, צי ביי דער מאמען. סיי דאָ, סיי דאָרט האָט מען דאָס אינגעלע גערופען זונעניו און דאָס מיידעלע — טאָכטערניו. די קינדער האָבען צווישען זיך זעהר גוט געלעבט; האָבען זיך אָפט אין חתן־כלה געשפּילט, אָדער אין מאַן־און־ווייב, און די עלטערען האָבען געקוואָלען פון נחת און יעדער האָט פאַר זיך געטראַכט און געזאָגט „אוי, גאָט, ווי דערלעבט מען שוין דאָס!".

עס זיינען אוועקגעגאַנגען חדשים און יאָהרען. ביידע זיינען געוואַקסען און געבליהט ווי די רויזען. טאַטע־מאַמע האָבען זיך געשמאָלצען פון פאַרגעניגען — אָט־אָט וועט קומען די גליקליכע מינוט און מ'וועט ביי זייערע קינדער „ברעכען טעלער". און די לעצטע האָבען פון זייער עלטערנ'ס פּלאַן געוואוסט, און צופרידען געווען. נאָר, וואונדערליך, וואָס אַז זיי זיינען אריין אין די זעכצעהן־זיבעצעהנטען יאָהר, האָבען זיי, ווען זיי זיינען אויג אויף אויג געבליבען, עפּעס א מין גלייכגילטיגקייט איינס צום צווייטען דערפיהלט. ליב געהאט האָבען זיי זיך ווי פריהער אין דער געגענוואַרט פון די עלטערען, אָדער ווען זיי זיינען געווען

פון וויטענס, נאָר זיינען זיי זיך צונויפגעקומען — ווידער די־זעלבע גלייכגילטיקייט. אמאָל האָט ער אָדער זי געפּרובירט צוגעהן איינער צום אַנדערען און א גלעט געגעבען, עס איז אפילו אמאָל געהאט דערגאַנגען צו א קוש, אָבער זיי האָבען זיך מיט שטאָל־קאַלטע בליקען איינער דעם אנדערען אין די אויגען פאַר־קוקט...

ענדליך האָבען זיך אין אַ שעהנעם זומער־טאָג די מאַמעס פון די קינדער צורעדט און האָבען איינע ביי דער צווייטער געפרעגט: ביז וואַנען וועלען זיי לאָזען די קינדער „ווילעווען" און האָבען באַשלאָסען צו מאַכען אַ סוף דערפון, אוןביידע מאַמעס האָבען גענומען די קינדער אויפ'ן פאַרהער.

די מאַמע צו דער טאָכטער:

— ביז וואַנען איז דער שיעור זיך ארומצופיהרען? אַ חרפה פאַר לייטען. ביזט שוין, קיין עין־הרע, א מויד פון ניינצעהן יאָהר ביז הונדערט און צוואַנציג. און כמעט דיזעלבע ווערטער האָט די מאַמע צום זוהן גע'טענה'ט, נאָר ניט די ערשטע און ניט די צוויי־טע האָבען ניט געוואוסט, וואָס צו ענטפערען. די טאָכטער האָט זיך צעוויינט און די מוטער האָט זיך דערשראָקען: „וואָס איז עס פאַר אַ געוויין?"

די טאָכטער האָט ניט געענטפערט, ווייל זי האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס זי וויינט.

— האָסט איהם ניט ליב? — איז די מוטער צוגעשטאַנען, קוקענדיג אויף איהר מיט צושראָקען־בלאַנדזשענדע אויגען און האָט אַליין די פראַגע איהרע ווי עפּעס א מין ווילדען איינפאַל באַטראַכט.

די טאָכטער האָט אויך אויף דער צווייטער פראַגע ניט גע־קאָנט ענטפערען, ווייל... ווייל איצט האָט זי געפיהלט, אז זי האָט איהם יאָ ליב און ביי איהר האָט אפילו אויפגעפלאַמט אַ פאַרלאַנג: איהם איצט האָבען נעבען זיך...

— דערצעהל מיר, וואָס צווישען אייך קומט פאָר, — איז ווי־דער צו איהר די מאַמע צוגעשטאַנען.

— לאָז מיך אָפּ איצט... אַן אנדערש מאָל, — האָט זיך די טאָכטער געבעטען ביי דער מוטער.

זי האָט זי אָפּגעלאָזט מיט א שווער האַרץ און מיט א פולער זיכערהייט, אַז דער פּלימעניק איז דער שולדיגער אין דער טאָכ־טער'ס טרעהרען און אויף מאָרגען, ווען זי האָט די שוועסטער אין גאַס געטראָפען, איז זי אויף איהר אָנגעפאַלען מיט פאָלגענדע ווערטער:

— האָסט א רעכטען תכשיט, האָסטו !... איך האָב ביז נעכ־טען גאָרניט געוואוסט, וואָס פאַר אַן אַנטיק דו פאַרמאָגסט.. הלמאי זאָל איך דיר זאָגען — כדאי געווען...

— וואָס איז דען ? — האָט די מאַמע פונ'ם זוהן פארוואונ־דערט געפרעגט.

— וואָס פרעגסטו ? ! הלמאי זאָל איך דיר זאָגען... איך וויים וואָס ? איך וויים נאָר, אַז מיין רבקה'לע האָט זיך נעכטען אָנגעוויינט א פּאָר געשוואָלענע אויגען און וואָס איך האָב זי גע־בעטען, גע'חלש'ט איבער איהר, זי זאָל מיר זאָגען וואָס זי וויינט און זי — אַזוי ווי די וואַנד, שונאי ציון... נו, דאַרף איך נאָך קלערען א סך, ווער איז שולדיג ? מסתמא דיין יאָסעלע ! אוודאי. וואָס דען ?

דעם זוהנ'ס מאַמע האָט ניט געקאָנט איבערטראָגען, וואָס מ'באַליידיגט איהר קינד, און האָט זיך אָנגע'ברוגז'ט. די צווייטע, דערזעהענדיג, אַז די שוועסטער האָט „אַראָפּגעלאָזט די נאָז", האָט זיך אויך אָנגעבלאָזען אוןביידע זיינען זיך שווייגענדיג צוגאַנגען אָהן א „זיי געזונט" און, קומענדיג אהיים, האָבען זיך ביידע ווייבער געקלאָגט פאַר די מאַנען. און דער סוף איז געווען:

— מ'דאַרף ריידען אונזער רבקה'לען א חתן !

— מ'דאַרף ריידען אונזער יאָסעלע'ן א כלה !

און די הערצער האָבען געבלוטיגט, די אויגען האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט טרערען און א פּאַרדרוס, כמעט אַן אייפערזיכ־טיגער פאַרדרוס, האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע וועזען זייערס, זעהענדיג ווי די קינדער שווייגען. ביי זיי איז עפּעס ניט אַנדערש

אויסגעקומען, אַז די קינדער ווילען זיי טאָן צו־להכעיס... אַז זיי האָבען זיך שטאַרק ליב — האָט דאָך קיין איינע פון זיי ניט גע־צווייפעלט, נאָר גאָר ניט, עפּעס אַ מין עקשנות, דאָס גוטע יאָהר זאָל זיי וויסען: אַז זיי ריידען גאָרניט... וואָס שווייגען זיי, וואָס?...

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָט זיך רבקה'לע מיט אַ חתן אָנ־געקוקט און ביי דער מאַמען ביי איהרער איז דאָס דער ערגסטער טאָג אין איהר לעבען געווען...

* * *

אויף דער חתונה האָבען זיך די שוועסטער איבערגעבעטען. ווען יאָסעלע'ס מאַמע האָט זיך אויף דער חתונה באַוויזען, איז דער כלה'ס מוטער דורכגעשפּרונגען אַ געדאַנק, אַז דאָס געהט דעם חתנ'ס מוטער... און נאָכדעם איז איהר, דער בעל־שמחה'טע, אַזוי אומעטיג געוואָרען אויפ'ן האַרצען, גלייך ווי זי וואָלט דער טאָכטער חתונה געמאַכט פּאַר אַן אַלטען אַלמן. און געדרעהט האָט זיך איהר אין קאָפּ עפּעס עהנליכעס אויף דעם, אַז די טאָכטער האָט שוין דאָס צווייטע מאָל חתונה.

ביים „באַזעצען" די כלה, זיינען ביידע שוועסטער געשטאַנען איינע נעבען דער אַנדערער און געגאָסען טייכען טרערען. פון דער מחותנת'טע, פון חתנ'ס מוטער, האָבען די שוועסטער פון ווייטען זיך געהאַלטען, האָבען זי געזעהן אויסצומיידען אויף אַזוי פיל, וויפיל עס איז נאָר מעגליך געווען. און אַ פּאָר מאָל, ווען די לעצטע האָט זיך ,טאַנצענדיג אַ פרעהלאַכס, אַריינגערוקט צווישען זיי ביידע, האַלטענדיג זיי ביי די הענט, — האָבען זיך די שוועסטער זעהר ניט גוט געפיהלט, דערשפּירט, אַז די פרעמדע אידענע האָט זיי אויף אייביג צושיידט... די הערצער זיינען שרעקליך אומרוהיג געווען, ווי זיי וואָלטען געפיהלט אַ פאַרשטעהענדע סכנה אין דעם, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט...

און דער כלה האָט זיך געדאַכט, אַז די חתונה מיט דעם פרעמדען איז עפּעס נאָר אויף דערווייל, עפּעס גלאַט אַ האָנאָר־שפּיל... די שפּיץ פינגער פון די הענט האָבען געגליווערט פון אויפ־

רעגונג... אַ שטומער וועהטאָג האָט געפּרעסט דאָס האַרץ און וואָס ווייטער און טיפער אין דער נאַכט אַריין איז דער וועהטאָג אַלץ שטאַרקער געוואָרען...

— וואָס זיצסטו עפּעס אַזוי אומעטיג? — האָט איהר דער חתן שטיל געפרעגט.

זי האָט אויף איהם אַ טרוקען, גלאַנצענדיגען בליק געוואָרפען און גלייכצייטיג האָט זי הינטער איהרע פּלייצעס דאָס נאַכט־שוואַרצע פענסטער דערזעהן, פון וואָס עס איז איהר נאָך אומע־טיגער געוואָרען... זי האָט זיך געוואונדערט, וואָס דאָ אין שטוב איז אַזוי פרעהליך און ליכטיג, און דאָ, הינטער איהרע פּלייצעס, אַזוי פינסטער און אומעטיג.

און די חתונה איז זיך געגאַנגען מיט איהר סדר. די כלי־זמר האָבען געשפּילט און ווייבער און מאַנסבילען, יונגע און אַלטע, האָבען זיך געדרעהט, געהאָצקעט אַרויף און אַראָפּ. דער קלאַרנעט האָט פון צייט צו צייט דורכגעלעכערט די לופט מיט ווילדע קווי־טשען, דער קעסעל־פּויק האָט געדונערט און אַלץ האָט זיך צוזאַ־מענגעמישט אין איין ווילדען געראויש. און געפיהלט האָט רבקה׳לע, אַז דאָ ווערט עפּעס אָפּגעקלאַפּט און אָפּגעריסען אַ שטיק לעבען איהרס, אַ לעבען, וועלכעס וועט זיך שוין קיינמאָל, קיינמאָל ניט אומקערען, וועט זיך ניט אומקערען פּונקט ווי אַ שטיק אייז, וואָס רייסט זיך פון אָרט אָפּ און שווימט וואוהין דאָס וואַסער טראָגט עס, שווימט אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט צוגאַנגען... פאַרפאַלען, צו יאָסעלען וועט זי זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערען, און ניט ער צו איהר. פון איצט אָן זיינען זיי פרעמד געוואָרען איינער דעם צווייטען. און דאָס האַרץ האָט געביינקט, האָט געקלעמט... אין דער פרעהליך־ליכטיגער חתונה־אַטמאָספערע האָט זיך עפּעס אָן אומעט געשפּירט... זי האָט געזעהן, ווי די מאַמע איז אויך ניט פרעהליך, און די מוהמע — זי דערקענט זי כמעט ניט... וואָס טוט „ער" איצט? אָט, ווען זי זאָל קאָנען אומבאַמערקט פאַר־שוואונדען ווערען און אַ קוק כאַפּען אויף איהם...

איהר איז קאַלט געוואָרען... אין די אויגען האָט אָנגעהויבען

שווינדלען; אין דער ליכטיגער שטוב האָבען זיך שווארצע פּאַס־קעלאַך, עהנליך אויף די פלעמעלאך פון די ליכט, געוואָרפען, ארומ־געשוועבט ווי לעבעדיגע באַשעפענישען, פארשוואונדען געוואָרען אמאָל אין דער וואַנט, אמאָל אין אַ מענשען. זי האָט אפילו איין מאָל דייטליך געזעהן, ווי צו איינער אַ אידענע, חנה־לאה, איז אזא מין פּאַסקעלע צוגעפלויגען און עס איז אין איהר אריין, פארשוואונ־דען געוואָרען...

די כלה האָט זיך ענדליך געהייסען צורופען די מאַמע. די לעצטע, עפּעס ווי זי וואָלט קיין גוטס ניט ערוואַרטעט פון דעם רופען, איז אַ טויט־בלאַסע ארויסגעשוואומען פון דער געדיכטער מענשען־מאַסע און מיט אַ פיבער־בליץ אין די אויגען אַ פרעג געגעבען:

— וואָס איז דיר, טאָכטער?

— ס'איז מיר עפּעס ניט גוט...

און ווי אַ דונער שנעל האָט זיך שטיל איבערגעטראָגען איבער אַלע ליכטיגע צימערען אַן אומרוהיג מורמלען:

„דער כלה איז עפּעס ניט גוט געוואָרען".

באַלד איז נעבען דער מוטער אויך די מוהמע אויסגעוואַקסען מיט דער מחותנת'טע, דעם חתנ'ס מאַמע. די ערשטע האָט ניט מעהר ווי איין קוק אויף דער פלימעניצע געוואָרפען און איז באַלד אַ דערשראָקענע אַפּגעטראָטען און זיך געלאָזט שטופען צו דער טהיר, און איז ווי אַ פייל פון בויגען פארשוואונדען געוואָרען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ צעהן מינוט ארום האָבען זיך פון ביידע שטיבער, פון רב אברהם מילכיגער'ס און רב מענדיל זעלצערמאַנ'ס, געהערט שרעקליכע גוואַלדען, וואָס האָבען זיך אויסגעמישט מיט'ן קרעהען פון די הענער. און אין דעם צופאַל האָבען אַלע פרומע ווייבער און אידען געזעהן, אַז דאָ איז אַ זיווג צוריסען געוואָרען, אַן אמת'ער זיווג, וועלכער איז אויסגערופען געוואָרען נאָך מיט פערציג טעג פריהער פאַר זייער געבוירען, און איינינגע האָבען נאָך אויף דער חתונה אָנגעהויבען צו מורמלען פון אַ גט...

# א טעמע.

איך בין געזעסען אין שטאָדט־גאָרטען און געלייענט א צייטונג. אויף דער זעלבער באַנק, אַ ביסעלע אָפּגערוקט פון מיר ,איז געזעסען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר פינף און צוואַנציג. ער האָט געהאַלטען פאַרלעגט די הענט אויף דער ברוסט און מיט טרויעריג־מילדע אויגען געקוקט אויף די ריזיגע בוימער, אויף די צעהנדליגע פויגעלאַך, וועלכע זיינען געפלויגען פון איין בוים צום צווייטען און פאַרהילכט דעם גאָרטען מיט זייער שטיפערישען פישטשען.

דער יונגערמאַן, האָב איך באַמערקט, טראָגט אַ צוגעמאַכטען פוס. דערקענט האָב איך עס אָן דעם, וואָס ער איז געווען פאַרשטאַרט אויסגעצויגען אויף דער אַלייע מיט'ן גאָז פון שוך אַרויף, און דער צווייטער פוס, דער געזונטער, איז געווען פאַרבויגען הינטער דער באַנק, און מיך האָט אַזאַ רחמנות אָנגענומען אויף דעם יונגען מענשען.

ער האָט פאַרוויכערט אַ פּאַפּיראָס און איך — כאָטש מיר האָט זיך גאָר ניט געגלוסט צו רויכערען — האָב דאָס זעלבע געטאָן. ביי מיר איז געווען שוועבעלאַך אין טאַש, איז מיר דאָך געפעלען געוואָרען ביי א י ה ם צו פאַרוויכערען, און אויסגעצויגען האָט ער צו מיר די האַנט מיט'ן פּאַפּיראָס העכסט עלעגאַנט -- ער האָט אַריינגענומען דעם מונדשטוק צווישען דריי שפּיץ פינגער און אַזוי אַרום מיר געגעבען צו פאַרוויכערען.

— דאַנק ! — האָב איך איהם געזאָגט, איינבויגענדיג דעם קאָפּ.

— אַנטשולדיגט ! — האָט ער געזאָגט מיט אַ צאַרטער שטים.

— איהר זייט, אויב איך האָב קיין טעות ניט, אַ שרייבער, יאַ ?...

איך האָב צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— יאָ, איך קען אייך, — האָט ער ווייטער גערעדט. — איך האָב געלייענט אייערע ווערק... אייערע טעמעס געפעלען מיר זעהר... אויב איהר ווילט, קאָן איך אייך געבען אַ טעמע!

— מיט פאַרגעניגען! — האָב איך געענטפערט.

ער האָט זיך צוגערוקט נעהענטער צו מיר. דער שמייכעל פון זיינע ליפּען איז פאַרשוואונדען און מיט אַ טרויעריגער ערנסטקייט האָט ער געזאָגט, אָנווייזענדיג אויף זיין אויסגעצויגענעם פוס:

— איהר זעהט!

איך האָב טרויעריג אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, אַז איך זעה.

— נאָר דאָס איז ניט דאָס טעמע, — האָט ער זיך געאיילט צו זאָגען. — נאָר אין איין ווענגס וועל איך אייך שוין דערצעהלען, ווי אַזוי דאָס אומגליק האָט מיך געטראָפען.

ער האָט שטיל אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— איך האָב געוואוינט אין אַ קליין שטעדטעל, האָב דאָרט געהאַט אַ געליבטע. בין איך מיט איהר איינמאָל אין אַ זומערדיגען פאַרנאַכט אוועקגעגאַנגען אונטער'ן שטאָדט שפּאַצירען. האָב איך ניט באַמערקט, ווי אַ צוג איז אָנגעלאָפען. זי איז ווי דורך אַ וואונדער געראַטעוועט געוואָרען און איך בין, ווי איהר זעהט!...

מ'האָט מיך אוועקגעפיהרט אין שפּיטאָל, וואו מ'האָט מיר אַראָפּגענומען דעם פוס. נאָר ווי איך בין צו זיך געקומען, האָב איך באַשלאָסען — וויבאַלד איך וועל מיך אויסשרייבען פון שפּי־טאָל, וועל איך זיך נעמען דאָס לעבען. און — וואונדערליך, מיר איז באַלד אַזוי גרינג געוואָרען אויפ'ן הארצען, אַז מיך האָט שוין גאָרניט געאַרט דער אָפּגעשניטענער פוס, און אויסגעשריבען האָב איך זיך פון דאָרט אַ פרעהליכער, אַ לוסטיגער. דעם ערשטען וויזיט האָב איך געמאַכט דער געליבטער מיינער, נאָר ווי גרויס איז געווען מיין פאַרצווייפלונג, אַז זי האָט זיך פון מיר אויסבאַ־האַלטען. אָבער דערמאָנענדיג זיך אָן מיין באַשלוס, בין איך מיר רוהיג אוועק אהיים און דעם טאָג האָב איך זעהר פרעהליך פאַר־בראַכט...

עס זיינען אוועק עטליכע טעג, און יעדען טאָג האָב איך באַ־

נייט דעם באַשלוס מיינעם צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, נאָר געפיהלט האָב איך, אז אַלע אינסטינקטען מיינע ווילען לעבען. אָבער אָפּ־צוזאָגען זיך פון זעלבסטמאָרד האָב איך אויך ניט געקאָנט. קיין טאָג, ווען צו באַגעהן דעם מאָרד, האָב איך ניט באַשטימט. צו וואָס? איך וועל עס דען פאַרשפּעטיגען? אזוי האָב איך אַלץ גע׳טענה׳ט מיט יענעם געפיהל, וואָס האָט געפאָדערט, אז איך זאָל אויספיהרען דעם באַשלוס... האָט עס מיך צורוה געלאָזט, און דאָס מאָל אויף אַ לענגערער צייט. אָבער דאָס האָט מיך ווידער אָנ־געהויבען צו שרעקען... איך האָב דערשפּירט, אז מיר וועט גאָרניט אזוי גרינג זיין זיך צו נעמען דאָס לעבען, ווי מיר האָט זיך גע־דאַכט... אָט, אַ פאַר׳כשופ׳טער קרייז — אי דאָס לעבען, אי דאָס שטאַרבען איז מיר גלייך שווער געוועזן, איינס שרעקליכער פאַר׳ן אַנדערען... און איך וויים ניט, מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיגט, ווען עס טרעפט זיך ניט דאָס, וואָס איך וויל אייך ערשט דערצעהלען, און וואָס עס האָט די וואָגשאָל צום לעבען אריבער־געצויגען.

ער האָט זיך צוגערוקט נעהענטער צו מיר.

— דאָס איז געווען אין אַ פּאָר חדשים ארום נאָך דעם אומ־גליק, וואָס מיך האָט געטראָפען. איך האָב די גאַנצע צייט מיין געליבטע ניט געזעהן. אָבער ניט נאָר איך, ק י י נ ע ר האָט זי ניט געזעהן, — ווייל זי איז קיינמאָל פון שטוב ניט ארוים. און אָט איינמאָל, אין אַ שעהנעם זומערדיגען פריהמאָרגען, בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה, מיט אַ וועהטאָג אין הארצען. איך בין געשטאַנען אַ ווייל, באַטראַכט די אויפגעהענדע זון, וועלכע איז ווייט, ווי פון דער ערד, ארויסגעקראָכען און האָט איבער׳ן הימעל אַ בעזים שטראַהלען צוואָרפען. נאָר אויף דער ערד איז נאָך קיין איין שטראַהל ניט אראָפּגעפאַלען. דאָס האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען אַ זון־אויפגאַנג געזעהן און איך האָב זעהר באַדויערט, וואָס איך האָב עס ניט געזעהן דעמאָלט, ווען איך בין נאָך מיט אַלע מענשען גלייך געוועזן. ענדליך האָב איך זיך געלאָזט געהן אויפ׳ן בית־עולם — קיין בעסער אָרט האָב איך ניט געפונען.

מיר איז איינגעפאַלען אַ קוק צו געבען אויפ'ן קבר'ל, וואו מיין פּוס ליגט באַגראָבען, און דאָרט אויסוויינען מיין ביטער האַרץ.

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען, האָט מיט אַ קלאָהר, זויבער טיכעלע אויסגעווישט די שטעהענדיגע טרערען אין די אויגען און אין אַ ווײַלע אַרום פאָרטגעזעצט:

— דער וועג אַהינצו איז כמעט דורכאויס באַזעצט מיט אַלטע, דיקע ווערבעס פון ביידע זייטען; דאָרט ליגט אַ שטענדיגער שאָטען, אַזוי, אַז אפילו אין די גרעסטע היצען איז דאָרט קיהל, און אויבען, אויף די שפּיצען, נעסטען זיך הונדערטער וואָראָנעס. איך בין געגאַנגען טריט ביי טריט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און בין אָפּגעגאָסען געוואָרען מיט שוויים, ווייל איך בין ניט גע־וואוינט געוועזען צו געהן מיט דעם קינסטליכען פוס, און דערזעהענדיג פון ווייטען דעם שווארצען פּאַרקאַן, האָט מיר שרעקליך אָנגעהויבען קלאַפּען דאָס האַרץ און איך האָב באַשלאָסען ניט אַריינגעהן אַהין, ביז איך וועל פריהער ניט אַ קוק געבען דורך אַ שפּאַלט אויף דעם קליינעם בערגעל ערד, אונטער וועלכען עס ליגט באַגראָבען אַ טייל פון מיין קערפּער, און ווי גרויס איז געוועזען מיין פאַרוואונדערונג, ווען איך האָב דאָרט פּלוצלינג דערזעהן אַ לעבעדיגען נפש... אַ באַקאַנטען נפש...

ניין, ניין, איך האָב דעם נפש באַלד דערקענט, נאָר עהנליך איז ער, דער נפש, געוועזען אויף מיין אַלטער באַקאַנטער, וועלכע איך האָב לאַנג־לאַנג ערגעץ געזעהן און, דוכט זיך, ניט אויף דער וועלט... און אפשר האָב איך איהם אַמאָל נאָר אין פאַנטאַזיע געזעהן... נאָר דער מאָמענט איז אַריבער און איך האָב שוין מעהר ניט געקאָנט צווייפלען, אַז איך זעה מיין געליבטע דאָ, אויף דעם קבר'ל זיצען. פון איהרע אויגען, פון איהרע גרויסע בלויע אויגען, האָבען זיך טרערען געגאָסען...

ער איז ווידער אַנטשוויגען געוואָרען, און פּלוצלינג האָט ער זיך געגעבען אַ שטעל־אויף און מיט אַ האַרטער שטים, שוין ניט דערקענענדיג אין איהר דעם ווייכען, צאַרטען יונגען מענשען, האָט ער אויסגערופען:

— צי קאָנט איהר מיר ניט ערקלערען אזא מיספאַרשטענד־ניש ? נאָך וואָס איז זי געגאַנגען אהין, דעם טויטען באַגראָבענעם פּוס באַוויינען, אז זי האָט מ י ך, אַ לעבעדיגען געהאַט ?... פאַר וואָס האָט זי געפונען פאַר נויטיג בעסער דאָרט אויסצוגיסען איהר ביטער הארץ, דאָרט און ניט פאַר מיר, וועלכען זי וואָלט געקאָנט גליקליך מאַכען מיט איהרער אַ טרער, און דאָס אליין וואָלט דאָך געוועזן פאַר מיר אַן אייביגע טרייסט אין מיין לעבען !...

זעהענדיג, אַז ער האָט שוין מעהר ניט וואָס צו זאָגען, האָב איך מיר צוגעאיילט איהם צו ענטפערען :

— מיין ליבער פריינט ! איך קאָן אייך אויף די אַלע פראַגען קיין ענטפער ניט געבען... איך קאָן אייך נאָר זאָגען, אַז גרינגער וואָלט מיר געוועזן דאָס אַלץ אליין אויסצוקלערען, איידער אייך צו ענטפערען אויף אייערע פראַגען...

ער האָט מיך אַ ווייַלע ערשטוינט אָנגעקוקט און אַנטשלאָסען געזאָגט :

— ניין, אַזאַ מין זאַך וואָלט איך קיינמאָל ניט איינגעפאַלען !

— און אויף לעצט צוגעגעבען : — איהר געהט ?

— ניין, דאַנק ! איך וויל דאָ נאָך אַ ביסעל זיצען... איך דאַנק אייך זעהר פאַר דער טעמע.

ער האָט מיר געגעבען די האַנט און איז פאַמעלאַך, אַ ביסעל אונטערהינקענדיג, באַלד פאַרשוואונדען געוואָרען אין אַ זייטיגער אַלייע.

# א רעטעניש.

אין שטעדטעל ס. איז געקומען א פרעמדער יונגערמאַן, א „נכתב" אין דעם שטעדטעל, צום פריזיוו; א יונגערמאַן מיט'ן גרויס־שטאָדטישען קנאַק, און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיינעם א פעטער. דאָס שטעדטעל האָט געקענט די עלטערען זיינע — פיינע עלטערען, ער — מסתמא א פיינער יונגערמאַן, מסתמא א גרויסער פארדינער, ווי א גרויס־שטאָדטיגער יונגערמאַן קאָן זיין און דאַרף זיין. דערפאַר, האָט דאָס שטעדטעל אָפּגעשאַצט, דאַרף ער נעמען, אויב ער וועט נאָר ארויס פריי פון פריזיוו, טויזענט רובעל נדן. און אזא, וואָס האָט פאַרמאָגט אָט די גרויסע סומע, איז געווען אין שטעדטעל, אויך א פיין מיידעל, האָט אויך געהאַט פיינע עלטערען, און דערפאַר האָט מען אָנגעהויבען צו שמועסען, אַז צווישען דעם פאַרעל קאָן און דאַרף געשלאָסען ווערען א שידוך.

דערווייל האָט זיך דער יונגערמאַן באַקענט מיט אַן אַנדער מיידעל און גראָד מיט אַזעלכער, וואָס האָט יענע אַלע מעלות ניט פאַרמאָגט. מ'האָט זי עטליכע מאָל באַמערקט מיט דעם יונגענמאַן אין הינטער־געסלאַך, דאָרט, וואו עס זיינען געגאַנגען ווינציג מענשען און ס'זיינען געשטאַנען פיל בוימער.

דערווייל זיינען די גרויע, וואָכעדיגע הערבסט־טעג געוואָרען פאַר דיביידע מיידלאַך א מין אומרוהיגער יום־טוב. ביידע האָבען זיך אַלע טאָג אויסגעפּוצט כמעט שבת'דיג, און ביידע זיינען גע־וואָרען א צענטראַלער פונקט, וועלכער האָט צוגעצויגען צו זיך אַלע־מענס אויפמערקזאַמקייט. „לאה'קע" און „העניע" — די צוויי נעמען זיינען גאַנצע טעג פון די מיילער ניט ארויס. יעדער באַ־זונדער האָט געשפּירט, אַז די צוויי מיידלאַך פיהרען צווישען זיך

אַ שטיל פאַרביסענעם קאַמף און מיט אומגעדולד האָט מען גע־וואַרט צו זעהן: ווער וועט מנצח זיין?

דער יונגערמאַן האָט קיין לגאַטע ניט געהאַט — דאָס האָבען אַלע געוואוסט. נאָר צי האָט ער עפּעס אַ חסרון — דאָס האָט מען ניט געוואוסט. דער פעטער זיינער — אַ פעסטער איד אין געזונט, פעסט אין פּרנסה, און האָט שוין צוויי זיהן געשטעלט צום פּריזיוו, אוןביידע זיינען צוליב געמאַכטע חסרונות באַפרייט געוואָרען, — האָט איהם, דעם פלימעניק, דעם ערשטען טאָג, וואָס ער איז גע־קומען, געפרעגט: צי האָט ער עפּעס? און אַז דער פלימעניק האָט געענטפערט מיט אַ שמייכעל, אַז ער האָט גאָרניט, האָט איהם דער פעטער ווילד אָנגעקוקט: ווי פאָרט עס אַ יונגאַטש אָהן אַ לגאַטע צום פּריזיוו, אָהן אַ ברעקעל חסרון? און אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען מ׳האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען שידוך, ערשט דעמאָלט איז דער פעטער צו איהם צוגעשטאַנען, ער זאָל זיך עפּעס מאַכען. דער בחור האָט אָבער ניט געוואָלט הערען: בעסער געהן דינען, איידער בלייבען אויף אייביג אַ קאַליקע. נאָר שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכען, ווען ער איז שוין באַקאַנט געווען מיט לאה׳קען, האָט ער פּלוצלינג מסכים געווען צו מאַכען זיך אַ פעהלער. און אין פריהמאָרגען, ווען אויף די דעכטער איז פון ביינאַכט אַ ווייסער שניי געלעגען, די ערד איז געווען בלאָטיג און שוואַרץ, האָט זיך דער פעטער מיט׳ן פלימעניק אויפגעזעצט אויף אַ פוהר און זיינען אַוועקגעפאָהרען. קיינער האָט ניט געוואוסט וואוהין, נאָר מ׳האָט פאַרשטאַנען נאָך וואָס.

אין אַ טאָג צעהן אַרום איז דער יונגערמאַן געקומען צופאָהרען. עס איז איהם גאָרניט געווען צו דערקענען: אַ בלאַסער, אַ געלער, אַ צוקאָטשמעטער און האָט אינגאַנצען אויסגעזעהן ווי ער וואָלט ערגעץ אַ לאַנגע צייט אונטער אַ בארג שמאַטעס געלעגען... און כאָטש קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס אַזעלכעס ער האָט זיך געטאָן, איז דאָך יעדער געווען איבערצייגט, אַז ער וועט שוין קיין סאָלדאַט ניט זיין. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער יונגער־מאַן האָט שוין אויף זיך גאָר קיין פּנים ניט געהאַט, איז מעהר

עהנליך געווען אויף א מת, ווי אויף א לעבעדיגען מענשען, האָט מען דאָך איצט געוואוסט אויף זיכער, אז ער וועט באַקומען דאָס פיינע מיידעל פון די פיינע עלטערען מיט'ן פיינעם נדן.

ביז'ן פריזיוו איז נאָך געבליבען א פּאָר וואָכען און צווישען די לגאַטניקעס איז שוין געווען אָפּגערעדט: טאָמער גיט מען איינעם פון זיי אָפּ, וועלען זיי איהם מסר'ען. דערווייל האָט מען דעם בחור אין דרויסען ניט געזעהן, און עפּעס האָט זיך אָנגעהויבען ארומטראָגען א שטילער קלאַנג, אז עס האַלט מיט איהם זעהר ניט גוט... ער האָט זיך געמאַכט א צו ערנסטען פעהלער. וועלכען? — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. און אַלע האָבען עס געוואָלט וויסען. דער פעטער האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז און אָן דער נאָז האָט מען דערקענט, אז דאָרט, מיט'ן פּלימעניק, איז גאָר ניט פרעהליך...

אין איינעם א פריהמאָרגען, וועז אויף די דעכער איז א ווייס פרעסטעל געלעגען און די זון האָט ווי לכבוד דעם פרעסטעל גע־שיינט, איז געקומען צופאָהרען א איד אין א טכוירענעם פעלץ און אין א הויכען קאַראַקול היטעל אויפ'ן קאָפּ. דאָס איז געווען דעם יונגענמאַנ'ס פאָטער. דעם זעלבען טאָג האָט מען פון דער נאָ־הענטער אויעזד־שטאָדט אַראָפּגעבראַכט א דאָקטאָר, וועלכער איז דאָרט אָפּגעזעסען גוטע אָנדערהאַלבען שעה. קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געטאָן. נאָר געשפּירט האָט יעדערער, אז דאָרט האַלט עס שוין מיט איהם זעהר שמאָל.

אויף צוויי וואָכען — ס'הייסט די צוויי וואָכען, וואָס די פּריסוטסטוויע איז געזעסען, — האָט מען אָן קראַנקען כמעט ווי פאַרגעסען. מ'האָט נאָר געז־ענקט, אז צווישען די אַלע אויסגע־בלייכטע, אָפּגעצעהרטע אידישע יונגעלייט פעהלט איינער, וואָס האָט צוגעשטעלט א צייגניש, אז צוליב זיין קרענק קאָן ער ניט קומען צום פּריזיוו.

עס איז געווען פרעהליך, ווי תמיד אין דער צייט פון פּריזיוו. דער מאַרק איז געווען פול פון פרעמדע און היימישע אידען און גויים. עס האָט זיך געטומעלט, גע'רעש'ט, עס האָבען זיך געלאָזט

הערען פארשיידענע אויסרופען און פייפערייען. נעבען דער גרויר־סער טונקעל־גרויער שטוב, וואו די פריסוטסטוויע איז געווען, האָט געווימעלט פון מענשען. פאַר אַ זייטיג, ווייט אויג איז ניט פאַרשטענדליך געווען, וואָס טוט דאָרט די געדיכטע מאַסע מענשען, און דאָך איינגעפונען, אַז זיי דאַרפען און מוזען דאָרט שטעהן. די צוויי־דריי ביר־שיינקען זיינען פול געווען מיט אומ־געוויינליך פרעהליכע פויערים, וועלכע האָבען שוין צופיל גע־ליאַרעמט, צופיל געווען אויך אַזעלכע הייזער, וואָס פאַרנעמען זיך ניט אַ גאַנץ יאָהר מיט דער טומעלדיגער פרנסה, נאָר אין דער צייט פון פריזיוו ווערען דאָרט באַהאַלטענע שיינקעלאַך און די שיינקלאַך געפינען זיך ביי די בעלי־בתים אין די קעשענעס... די ווייבער קאָכען פיש, באַקען חלה און בייגעל, וואָס זיינען מיט זייער בלאַסקייט עהנליך אויף מתים. און מיט אָט די „מתים" קוויקען זיך די פויערים און מיט דער זעלבער טויטער סחורה, אויסגעלעגט אין מולטערס, שטעהען די קינדער אין דרויסען און רופען קונים.

די פריסוטסטוויע האָט זיך געענדיגט. אָוועקגעפאָהרען איז די נאַטשאַלסטווע מיט גלעקער, צופאָהרען זיינען זיך פרעמדע פויערים, אָנגעזעצט צו אכט־צעהן מענשען אויף אַ פוהר מיט אַ פרעהליך געדויש און געפילדער, און מ'האָט ניט געוואוסט, וועמען פון זיי מ'האָט אָפּגעגעבען און וועמען־ניט. אַלע זיינען געווען שכור, אַלע פרעהליך און אַלע האָבען געזונגען. אומעטיג זיינען אָוועקגעפאָהרען די אידישע פריזיוועניקעס. אפילו יענע, וואָס זיי־נען באַפרייט געוואָרען, האָבען זיך אויך אָפּגעהאַלטען פון פרעה־ליכקייט און ניט געוואָלט אַרויסרופען ביי די אָפּגעגעבענע קיין קנאה צו זיך. אַנדערע, וואָס זיינען ניט כשר באַפרייט געוואָרען, האָבען געוואָלט אומבאַמערקט פאַרשוואונדען ווערען, מורא האָ־בענדיג פאַר אַ מסירה'לע.

און געוואָרען איז אין שטעדטעל פוסט און אומעטיג, ווי אַ גאַנץ יאָהר אין די וואָכעדיגע טעג. ווילענדיג, ניט ווילענדיג, איז אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט ווידער געווענדעט געוואָרען אַהין, צו

יענער שטוב, וואו דער קראַנקער פּריזיוואָניק איז געלעגן. און ווידער האָט מען אָנגעהויבען ריידען און טראַכטען וועגן העניע'ן און לאַה'קען. די לעצטע האָט זיך אַזוי געענדערט פאַר דער קור־צער צייט, אַז ס'איז זי פּשוט ניט געווען צו דערקענען.

ענדליך איז געקומען די שרעקליכע ערוואַרטעטע צייט — און שרעקליך איז זי דערפאַר, וואָס אין'ם קליינעם שטעדטעל שטאַרבט מען אַזוי זעלטען. און אַ באַזונדער שרעק און פאַרדרוס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופען דאָס, וואָס דער יונגערמאַן האָט גראָד גע־קאָנט לעבען און ניט שטאַרבען, ווען ער וואָלט זיך דעם פעהלער ניט געמאַכט. יעדערער האָט באַדויערט דעם פריהצייטיגען טויט פון דעם בליהענד שעהנעם יונגענמאַן, באַדויערט דעם אומגליק־ליכען פאָטער, וואָס האָט אַזוי געוויינט, אַז מ'האָט געמיינט, ער וועט פון זינען אַראָפּ. העניע האָט ניט געוואוסט, ווי אַזוי זיך צו האַלטען. זי האָט ניט געוואוסט, צי דאַרף זי וויינען, צי ניט? און פאַרדראָסען האָט עס איהר, וואָס דאָס רעטעניש, צי וואָלט דער געשטאָרבענער געווען איהר חתן, צי לאַה'קעס, איז געבליבען אַ רעטעניש... לאַה'קע האָט געוויינט, איינגעלעגט די וועלט, האָט זיך געשלאָגען קאָפּ אָן וואַנט און פרומע אידען און ווייבער האָבען אפילו געזעהן אין דעם, וואָס אַ פרעמד מיידעל באַוויינט איהם אַזוי, אַ „זלזול המת"...

און פּלוצלינג האָט צעהנדלינגער מענשען איין געדאַנק דורכ־גענומען, אין איין מאָמענט האָט זיך דער געדאַנק איבער'ן שטעד־טעל ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורכגעטראָגען, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט, מ'זאָל זיך פון איהם דערוויסען דווקא איצט, כל זמן דער מת איז נאָך ניט צו קבורה געבראַכט, גלייך ווי עס וואָלט נאָך מעגליך געווען, כל זמן „יענער" געפינט זיך דאָ אויף דער זינדיגער ערד, עפּעס צו פאַרריכטען. און שרעקליך איז פון דעם געדאַנק געוואָרען, און געגלויבט האָט יעדער אין איהם, אַזוי שטאַרק געגלויבט, גלייך ווי זיי וואָלטען עס מיט זייערע אויגען געזעהן... עס וואָלט מעגליך געווען אַ צווייפעל, ווען „ער" וואָלט געלעבט, נאָר ווייל ער איז געשטאָרבען, זיינען אַלע געווען אין דעם זיכער.

און טאַקע ווייל מ׳וויל אויף אַ געשטאָרבענעם אַזעלכעס ניט גלויבען, האָט זיך עס י״אַ געגלויבט און דערביי האָט מען זיך גערימט אויף לאַה׳קען...

עס איז ביי אַלעמען אויסגעקומען, אַז די לעצטע איז באַגאַנגען עפּעס אַ נבלה אנטקעגען געשטאָרבענעם. און איינגעפאַלען איז איינינגע, אַז זי דאַרף געהן ביי איהם מחילה בעטען. קיינער האָט אָבער קיין דרייסט ניט געהאַט צו ריידען דערפון, און קיינער האָט פאַר׳ן צווייטען דעם געדאַנק ניט אַרויסגעזאָגט, און יעדער איינציגער האָט געמיינט, אַז נאָר איהם אַליין איז דער געדאַנק איינגעפאַלען...

מ׳האָט איהם געבראַכט צו קבורה. דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט געוויינט, און געפיהלט האָט יעדער, אַז דער געשטאָרבענער האָט נאָך זיך עפּעס איבערגעלאָזט אַזעלכעס, וואָס וועט אין אַ צייט אַרום לאָזען דערמאָנען אָן זיך. און אַלע זיינען פאַרשוויגען געוואָרען מיט יענער שווייגעניש, וואָס מען באַמערקט, ווען מען ערווארט עפּעס שרעקליכעס, און מ׳איז זיכער, אַז ס׳וועט קומען אין באַשטימטער, ערוואַרטעטער צייט...

# „חלומות."

נאכט ביי נאכט חלומ'ען זיך מענשען חלומות, וועלכע זיינען אם מייסטען אוממעגליך אין דער ווירקליכקייט, און דאך הויבט מען ניט אן צו צווייפלען אין זיי, און וואס פאר א חלומות דאס זאלען ניט זיין, גוטע, שלעכטע, לעבט מען זיי איבער, מען פרעהט זיך, אדער מען ליידט יסורים. אין איין נאכט קאנסטו אויסוואנ־דערען די גאנצע וועלט, איבערשווימען פארשיידענע טייכען און ימים, אדער אריבערפליהען (חלילה ניט אויף קיין עראפלאן) פון איין שטאדט אין דער אנדערער, קורץ — אלעס, וואס איז אומ־מעגליך אויף דער וואהר. מאכט זיך אבער אמאל פונקט דער היפוך: נעמסטו אן א זאך, וואס קומט ווירקליך פאר פאר א חלום; אזעלכע צופאלען האבען מיט מיר אליין שוין ניט איין מאל געטראפען, נאר דערצעהלען וועל איך בלויז א פאר פון זיי, וועלכע האבען א מעהר אדער ווינציגערן אינטערעס, וועלכע האבען איינער מעהר, איינער ווינציגער געמאכט אויף מיר א גוואלדיגען איינדרוק.

דאס ערשטע, וואס איך וועל דא דערצעהלען, האט מיט מיר געטראפען, ווען איך בין נאך א קליין אינגעלע געווען. צופעליג בין איך געבליבען נעכטיגען אין בית־המדרש. צווישען מנחה און מעריב בין איך אנשלאפען געווארען אין א האלב פינסטערען ווינ־קעל אויף א באנק און דער טאטע האט מיך ניט באמערקט און איז אהן מיר אוועקגעגאנגען אהיים. זומער איז עס געווען. שפעט ביינאכט חלומ'ט זיך מיר (אזוי האט זיך מיר געדאכט, אז עס חלומ'ט מיר), אז מ'שרייט גוואלד און דאס גאנצע שטעדטעל איז ארומגעכאפט אין איין פלאם פייער. אין קלויסטער קלינגט מען „נא גוואלד" בים־באם! באם־בואם!! בא־אום! בא־אום!! דאס פייער קנאלט. עס הערט זיך איין קראך נאכ'ן אנדערען, דאס פאלען די קוימענס פון די אפגעברענטע הייזער... אונזער שטוב

ברענט אויך, נאָר איך בין דאָרט ניטאָ... אין בית־המדרש בין איך און דער טאַטע מיט דער מאַמען מיט די שוועסטערלאַך און ברי־דערלאַך לויפען אַרום מיך זוכען... עס וואַיען הינט, עס מרוקען בהמות. איך הער ווי מ'לויפט, ווי מ'טופּעט, ווי מ'פּאַהרט, ווי מ'שרייט, ווי מ'קאָמאַנדעוועט, ווי מ'רייסט די ווענט... איך דער־קען אפילו די שטימען. און דאָס אַלץ וואַקסט, עס ווערט רעש'יגער און קאָכיגער, און אָט דערהער איך קולות: דער בית־המדרש ברענט!!! די שוהל ברענט! און איך פיהל, ווי עס ווערט אַלץ ליכטיגער און ליכטיגער און, דאַכט זיך, אויך וואַרימער, און מיט אמאָל: קראַך, אַ פענסטער!...

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט מיט אַ ווילד געשריי און דער־זעהן אָשר לייב'ן דעם קצב אַריינשפּרינגען דורכ'ן פענסטער...

אין דער צייט האָט שוין געברענט דער דאַך אויף דער שוהל.

אַ צווייטער חלום: אַ געוויטער.

איך שלאָף. ס'הייסט, איך ווייס, אַז איך שלאָף און הער אַ גערויש, אַ שטיל וואַסער גערויש, און עהנליך איז עס אויף דעם, ווי עטליכע פּאָלקען סאָלדאַטען וואָלטען געריבען די כאָליעוועס פון די שטיוועל איינס אין דאָס אַנדערע... ווייס איך, אַז דאָס איז דער טייך... געדענק, אַז ס'איז פאַר פּורים... אין לעצטען האָב איך אפילו אַ ביסעל געצווייפעלט, אַנדערש וואָלט איך אפשר אַזוי רוהיג ניט געווען... דאָס גערויש ווערט אַלץ נעהענטער און נע־הענטער און וואָס מעהר דאָס וואַסער האָט זיך דערנעהענט, איז עס אַלץ מעהר עהנליך אויף דעם געוואָרען ווי אַ ווינט וואָלט זיך ביי דער ערד געקייקעלט, ווי ער רייבט זיך אָפּט אָן די ווענט פון די הייזער, נאָר ניט אַזוי שטורעמדיג, נאָר צוגערוישט אַזוי שווער און האַרט... און אָט הער איך ווייטער, ווי הינטען, כמעט ביי מיין אויער, פּליעסקעט און שורשעט און סיפּעט... דאָס וואַסער, הייסט עס, איז ביי די פּאָדוואָלעס, און געמאַכט האָט עס אויף מיר אַן איינדרוק, ווי אונזער שטוב וואָלט באַלאַגערט געוואָרען ווער ווייסט פון וויפיל מאָדנע געפערליכע באַשעפענישען, וועלכע שנאָ־רען אַרום, טאַפּען, זוכען שפּאַלטען אויף אַריינצוגראָבען זיך און

ווילען אַפּטאָן שרעקליכע זאכען... איך בין געוואָרען אומרוהיג, נאָר איך האָב מיך באַלד געכאַפּט: אַ חלום!... איך זעה און הער, ווי דאָס וואסער באַלאַגערט די שטוב און אַט יאָגט זיך אריין שטיל און פלינק אַ ריטשקע (אַ שטראָם) און צושפּרייט זיך איבער דער גאַנצער שטוב... עס דערשפּירט זיך אַ פייכטע קיהלקייט און אומרוהיגער ווערט פון מינוט צו מינוט, ווי די שטוב וואָלט פול געוואָרען מיט גייסטער, און אונטער מיין בעט פיהלט זיך די אומ־רוהיגקייט, גלייך ווי זיי, די גייסטער, וואָלטען זיך ארונטערגע־כאַפּט און ארויסגעכאַפּט פון אונטער'ן בעט... און פון צייט צו צייט פיהל איך, אמאָל אין איין פיסעל, אמאָל אין צווייטען, אַ לייכטען, קוים שפּירענדען, שטויס...

איך האָב דערהערט אַ גוואַלד. האָב מיך אויפגעכאַפּט, דער־זעהן אַ פולע שטוב מיט וואסער, וועלכע האָט שוין פּאַרטרונקען ביז אַ העלפט די פיסלאַך פון די ביינקלאַך און טיש און עטליכע פּאָר שיך און דעם טאַטענ'ס שטיוועל און נאָך קליינינקייטען זיינען ארומגעשוואומען. דער טאַטע אַליין איז געשטאַנען אין בעט און נאָך איהם האָבען זיך אַלע אויפגעכאַפּט, די מאַמע מיט די שוועס־טערלאַך און ברידערלאַך און ארויסגעשפּרונגען דורך די פענסטער.

אַ דריטער חלום: גנבים!

איך ווייס ניט דורך וואנען זיי זיינען אריין און ווי אזוי ארום זיי קומען, נאָר איך פיהל, אז זיי זיינען דאָ, איך הער זייערע שטילע טריט... עטליכע זיינען זיי, וויפיל ווייס איך ניט... עס סקריפּעט שטילינקערהייט די שאַפעס, עס עפענט זיך פּאַוואָלינקע אין קאָמאָד איין שופלאָד נאָכ'ן אַנדערען... איך הער ווי „מ'רוימט" די שטוב. מיין גאַנצעס וועזען איז פאַרזונקען אין שטילען געררודער... פון מינוט צו מינוט „ארבייטען" זיי אַלץ דרייסטער און דרייסטער... עס ווערט עפּעס טונקעל אין מוח. עפּעס קאָן איך זיך ניט אָפּגעבען קיין רעכענונג, וואָס ארום מיר קומט פאָר... אז מ'דרעהט זיך אין שטוב — דאָס בין איך זיכער... אז ס'איז גנבים, דאָס, ווייס איך, חלומ'ט זיך מיר... אויף דער וואָהר איז עס מיין פרוי'ס ברודער, וועלכער איז ביי אונז צוגאַסט... איך פרעג (איך געדענק זיכער,

אַז איך האָב געפרעגט): „דוד, ס'איז דו?" ענטפער: „יאָ, ס'איז איך!" „וואָס דרעהסטו זיך אַרום אַזוי שפּעט?" ענט־פער: „איך ווייס, איך דאַרף עפּעס האָבען!" און מערקווירדיג, איך האָב דערקענט, אַז ס'איז ניט זיין שטים און האָב דאָך ניט אָנגעהויבען צו צווייפלען, אַז דאָס איז מיין שוואָגער. — — —

וואָס מיט מיר איז ווייטער געווען, ווייס איך ניט. זעהט אויס, אַז איך בין אַנשלאָפען געוואָרען, און מערקווירדיג, וואָס אין שלאָף האָב איך געדענקט אָן „חלום" און בין געוועז צופרידען, וואָס איך בין פון איהם פּטור געוואָרען...

גאַנץ פריה, ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, האָב איך צו מיין גרויסען שרעק און פאַרוואונדערונג דערזעהן אַ לײדיגע שטוב...

דעם ערגסטען איינדרוק האָט אויף מיר געלאָזט דער חלום, וואָס איך וועל ווייטער דערצעהלען, און ווען איך דערמאָן זיך אָן איהם, גרוילט מיר דאָס לייב און די האָר שטעלען מיר זיך קאַפּויר... אויב די ערשטע דריי חלומות לאָזען זיך ניט פאַרשטעהן, אויב עס לאָזט זיך ניט ערקלערען איבער וואָס פאַר אַ סבות, אונטער וואָס פאַר אַ אומשטענדען איך האָב די ווירקליכע געשעהענישען אָנגע־נומען פאַר חלומות, איז עס דאָך ווי עס איז פאַרגעקומען אַרום מיר, איך האָב עס געהערט און געפיהלט און איבער אָן אומקלאָהרען פּלאָנטער האָב איך עס אָנגענומען פאַר חלומות, נאָר ווי קען מען פאַרשטעהן דאָס, וואָס איך וויל ווייטער דערצעהלען; דאָס, וואָס איז שוין ניט פאָרגעקומען אין שטוב, אַרום מיר, נאָר אויפ'ן בוידעם גאָר, דערצו אין אַ פרעמד פּראָווינציעלער שטאָדט, אין אַ פרעמד צימער, דאָס הייסט, אין אַ האָטעל. נאָר מילא, ס'איז ניט מיין זאַך אין דעם זיך אריינצוקלערען, איך לאָז עס פאַר געלערטע, זאָלען זיי זיך דרעהען די מוחות און איך וועל מיר טאָן מיין זאַך.

שפּעט ביינאַכט, איך ווייס ניט וויפיל עס האָט דעמאָלט באַ־דאַרפט זיין דער זייגער, חלומ'ט זיך מיר, אַז איך הער טריט אויפ'ן בוידעם און שוין פונ'ם ערשטען מאָמענט, וואָס איך האָב זיי דער־הערט, איז מיר עפּעס גוואַלדיג אומעטיג געוואָרען אויפ'ן האַרצען און אַ מאָדנע פינסטערע אומרוהיגקייט האָט דורכגענומען דאָס

גאַנצע וועזען מיינס, און וואונדערליך, וואָס איינצייטיג, ווי איך האָב געהערט די טריט אויפ'ן בוידעם, האָב איך מיר אויף קיין פאַל ניט געקאָנט דערמאָנען, וואו איך געפין זיך... איך האָב עפּעס נעבעלדיג גדערנקט, אַז איך בין אין אַ פרעמדער סביבה, נאָר ווי אויסטערליש: די סביבה איז עפּעס געווען אַ פּוסטע, איך האָב ניט געפּיהלט אַרום זיך קיין ווענט, קיין פּאָדלאָגע און אפילו ניט דאָס בעט, אין וועלכען איך בין געלעגען, נאָר דערפאַר האָב איך שוין צופיל געשפּירט איבער זיך דעם סופיט, און וואונ־דערליך, וואָס ניט די פוסטקייט האָט מיך געשראָקען, נאָר דוקא דער סופיט... איך האָב אָן דער גאַנצער וועלט פאַרגעסען, אָן הימעל, אָן ערד, אָן מענשען, אָן הייזער, נאָר אָן בוידעם ניט... מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז אַהין אַוועק. עפּעס בין איך אינגאַנצען אין איהם פאַרזונקען געוואָרען. און מעהר קונץ: אין מיין כח הדמיון האָב איך דעם סופיט ניט געזעהן ווי ער איז, נאָר גאָר אַנדערש, וואָס איז אפילו ניט עהנליך געווען אויף אַזעלכען... איך האָב געפּיהלט, אַז עס הענגט איבער מיר אַ פלאַטשיג־שוואַרץ געדיכטע משא, וועלכע האָט מיך עפּעס ווי געשטיקט, געוואָרגען, און פאַר מיר איז רעכט געווען, אַז דאָס איז דער סופיט... די טריט האָט זיך מיר צומאָל גערדאַכט, אַז איך הער זיי פון גאַנץ ווייט־ווייט, ס'הייסט טאַקע פון בוידעם און איבער מיר, נאָר פון אַ שרעקליכער הויכקייט, און מיך אַריינגעוואָרפען אין אַזאַ מין צושטאַנד, אַז איך האָב מיך ניט געקאָנט אָפּגעבען קיין רעכענונג, צי הער איך עס אין חלום, אויף דער וואָהר, אָדער איך האָב מיר גאָר אין עפּעס עראַינערט... צומאָל האָט זיך מיר, פאַרקערט, גע־דאַכט, אַז איך הער די טריט פון זעהר נאָהענט און אי דאָס, אי יענעס, האָט ניט געשטימט מיט דער ווירקליכקייט...

אַ פּאַראַליזירטער פון אומדייטליכען שרעק בין איך געלעגען און זיך איינגעהערט: אַ טריט אַהער, אַ טריט אַהין און מיט אַמאָל איז שטיל געוואָרען... שטיל... שטיל... אַן אומענדליכע שטיל־קייט... און איך ווייס ניט אין וויפיל צייט, אין אַ שעה, צוויי, אָדער אין אַ פּאָר מינוט אַרום, איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלען, אַז

אימיצער האָט זיך דאָרטען אויפ'ן בוידעם, איבער מיר, איבער מיין קאָפּ, געהאַנגען... ס'הייסט, איך בין געווען זיכער, אַז אימיצער האָט זיך געהאַנגען... דאָס האַרץ וואַרפט זיך פון שרעק, עס פאַר־שלינגט מיר דעם אָטעם, נאָר ריהרען קאָן איך זיך דאָך ניט... עס איז ווידער אַווקגעגאַנגען אַן אומבאַשטימטע צייט... איך ווייס ניט, צי שעה'ן, צי מינוטען... די שטילקייט דאָרטען אויבען וואַרגט מיך, שטיקט, פּייניגט אומבאַגרענעצליך... שטיל... שטיל און שטיל...

ענדליך האָב איך מיר אַ דערשראָקענער אויפגעכאַפּט. האָב מיך דערמאָנט, וואו איך געפין זיך און אויסגעשפּיגען, נאָר אַזוי ווי איך האָב מיך ניט געקאָנט באַרוהיגען, האָב איך אָנגעצונדען אַ ליכט און אינסטינקטיוו אַ קוק געוואָרפען צום סופיט...

איך בין געלעגען צוואַנציג מינוט אויפ'ן זייגער. האָב אויס־גערויכערט צוויי פּאַפּיראָסען, אויסגעלאָשען דאָס ליכט, בין אַנ־שלאָפען געוואָרען און ס'חלומ'ט זיך ווייטער: איך בין אין אַ פרעמדער שטאָדט און דוקא אין דער היים... אין אַ הויף, אין אַ פרעמדען הויף, שטעהט אַ רעדעל מענשען און העט אויבען אויפ'ן דאַך, אויפ'ן עק דאַך ביי דער רינע, שטעהט אַ מענש, וועלכען איך האָב אויף מיין לעבען ניט געזעהן און איז מיר דאָך באַקאַנט. ער האַלט אַ שטריקעל אין די הענט, קוקט שווייגענדיג אין אַן אומ־באַשטימטער ריכטונג און — גיט זיך מיט אַמאָל אַ וואַרף אַראָפּ... אין דעם זעלבען מאָמענט דערמאָן איך מיר, אַז דאָס איז דער געהאַנגענער פון יענעם חלום און זאָג דאָרטען צו איינעם, וועלכער איז געשטאַנען נעבען: ס'אַ חלום!... איהר מעגט זיין רוהיג!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

גאַנץ פריה האָב איך דערהערט אַ שרעקליכען גערודער אויפ'ן בוידעם. איך בין פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, אויפגעשלאָסען די טיר און אַ פרעג געטאָן אַ פאַרסאָפּעט דורכלויפענדען באַדינער:

— וואָס איז דאָ?

יענער האָט געענטפערט:

— כאַזיאַאין פּאָוועסילסיאַ!

# א צו להכעים.

איך האָב נאָך ניט באַוויזען איבערצוטרעטען די שוועל, איז מיר אַנטקעגען געקומען נעבע, אַן אַלטע אידענע, וועלכע האָט געדינט ביי מיין חבר, און האָט מיר שטיל געזאָגט:

— איהר ווייסט, זי טראָגט!...

איך האָב ניט געדאַרפט איבערפרעגען, איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט זי איהר יונגע ווירטין, וועלכע איז פאַרגאַנגען אין טראָגען פון איהר קראַנקען מאַן, און, ווי באַוואוסט, האַלט מען דאָס פאַר אַ שלעכטען סימן. מיך האָט אפילו געוואונדערט: איך ווייס, אַז צוריק מיט אַ פּאָר חדשים האָט מיין חבר געקראָגען אַ שטרענגען באַפעהל פונ'ם דאָקטאָר, אַז ער טאָר קיינע באַציהונגען מיט דער פרוי ניט האָבען, און וויסענדיג אויף וויפיל ער היט זיך אָפּ דאָס געזונט און האָט מורא פאַר'ן טויט, בין איך נאָך מעהר געוואָרען איבערראַשט, וואָס גראָד פון דער זאַך, וועלכע איז פאַר איהם אַזוי געפעהרליך, האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּהאַלטען, און זייענדיג שוין פון לאַנגע יאָהרען שטאַרק איבערגעגעבען מיין חבר, האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסען אויף איהם, נאָר אַרויסזאָגען איהם דעם פאַרדרוס, האָב איך ניט געקאָנט, דערפאַר וואָס דאָ האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַזאַ זאַך. כאָטש מיין חבר איז מיט מיר געווען אָפּענהערציג, האָט מיר כסדר גערעדט פון זיין שלאַפקייט און פונ'ם טויט, אין וועלכען ער האָט ניט געצווייפעלט, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט ער קומען, נאָר גראָד דאָס, וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם פאַרבאָטען, האָט ער געפונען פאַר נויטיג צו פאַרשווייגען, און דערוואוסט האָב איך זיך עס פון דער אַלטער נעבע. די אַלטע נעבע איז געווען שטאַרק איבערגעגעבען איהר יונגער ווירטין, וויל זי האָט זי אויסגעהאָ־

דעוועט. די אַלטע האָט יאָהרען לאַנג גערינט ביי איהרע עלטערען, וועלכע זיינען אויף דער עלטער פאַראָרימט געוואָרען, און ווען די יונגע ווירטין האָט חתונה געהאַט, האָט זי זי צוגענומען צו זיך. די אַלטע, דערוויסענדיג זיך, אַז ער איז אַ שלאָפער, האָט אָנגע־הויבען צו בורטשען און ניט איין מאָל איהם געשאָלטען מיט טויטע קללות, פאַר וואָס ער האָט אַראָפּגעפיהרט פון וועג איהר קינד. ניט קוקענדיג דערויף, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז איך בין זיינער אַן איבערגעגעבענער חבר, פלעגט זי פאַר מיר תמיד אויף איהם ריידען, אָנרופען איהם מיט די ערגסטע ווערטער, און איך פלעג אַלע מאָל צושמייכלען און איהם פאַרענטפערען, ווען איך האָב עס געפונען פאַר נויטיג. זי האָט אַלץ גע'טענה'ט, אַז וויסענדיג, אַז ער איז אַ קראַנקער, האָט ער ניט געטאָרט פאַרוויסטען דאָס לעבען אַ אידישע טאָכטער. דאָס זעלבע האָב איך איהם אויך אַ פּאָר מאָל געזאָגט, איידער ער איז געפאָהרען אַ חתן ווערען; נאָר דעם טאָג, וואָס ער איז געפאָהרען, האָט ער מיך ארויסגערופען אין „סעדעל", וועלכעס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר יונגע בוימלאַך, האָט מיך אַוועקגעזעצט אויף דער לאַנגער באַנק, וואָס איז געווען אריינגע־קלאַפּט אין דער ערד און אַליין האָט ער זיך אויך אַנידערגעזעצט הארט נעבען מיר, האָט, ווי דער שטייגער זיינער, ווען ער האָט געוואָלט זיך אויסריידען פאַר מיר זיין הארץ, אריינגענומען מיינע ביידע הענט אין זיינע, האָט זיי אַ ווייַלע געהאַלטען און געזאָגט:

— דו הייסט מיר ניט חתונה האָבען, יאָ? דערפאַר, וואָס ס'איז מיר שעדליך? נאָר שטעל דיך פאָר, אַז איך בין ניט אימ־שטאַנד צו באַקעמפען דעם געדאַנק, וועלכער מאַטערט מיך אָהן אויפהער: ניט וויסען וואָס הייסט אַזעלכעס חתונה געהאַט. פריהער, שפּעטער — שטאַרבען וועלען דאָך אַלע און איך וועל ניט קאָנען שטאַרבען ביי דעם געדאַנק, אַז איך געה אוועק פון דער וועלט ניט האָבענדיג דעם גענוס פון חתונה האָבען. חתונה האָבען און לעבען — דאָס איז ביי מיר איינס און דאָס זעלבע, איינס אָהן דעם אַנדערען קאָן ניט זיין, און אַז דו זאָגסט, איך זאָל ניט חתונה האָבען — איז ביי מיר פּונקט דאָס זעלבע, ווי דו וואָלסט מיר ניט

געהייסען לעבען. און מיך פארדריסט גלאט אויף דער שלאפקייט, פארוואס קאן זי גראד פונקט דאס ניט איבערטראגען, פונקט ווי זי קאן ניט איבערטראגען קיין זויערס און ביטערס...

ער האט זיך פלוצלינג אויפגעהויבען און מיט א ברייטען מאך מיט דער האנט אין דער לופטען שטארק אפזיפצענדיג געזאגט:

— קוק אויף וואס דו ווילסט: אויף יעדעס גרעזעלע, אויף יעדעס בלימעלע, אויף יעדעס קליינע פליגעלע, וואס מ'זעהט עס קוים אן מיט'ן אויג. זייער לעבען איז אזוי קורץ. פאראן אזעלכע, וואס לעבען ניט מעהר ווי א שעה. צי פאלט דיר ניט איין אמאל א געדאנק, אז זיי ווייזען זיך אויף דער וועלט אויך ניט מעהר ווי צוליב דעם, זיי זאלען חתונה האבען? ניט מעהר ווי חתונה האבען? און יעדעס יאהר, פונקט אין דער צייט, אין פריהלינג, באהערשען מיך אט די געפיהלען, און דאס מאל — האט ער געענדיגט זיין מאנאלאג — האב איך מיר איין מאל פאר אלע מאל באשלאסען דאס צו טאן. אנדערש קאן עס ניט זיין.

ער האט מיך אנגענומען פאר דער האנט און אריינגעשלעפט צוריק אין שטוב. דארט איז ער אריין צו זיך אין קליינעם צימערל און האט זיך אנגעהויבען גרייטען אין וועג אריין. איך האב געזעהן, ווי ער האט אנגעטאן א פאר גראבע ווארימע אונטער־הויזען און צוויי ווארימע לייבלאך, איינס אויף דאס אנדערע, און אויף מיין פראגע: נאך וואס ער פעלצט זיך אזוי אן, ווען עס איז אזוי ווארים אין דרויסען, האט ער מיר פראסט געענטפערט:

— כדי איך זאל אויסקומען גרעבער.

פאר דער כלה מיינסטו עס?

— געוויינליך ניט פאר דיר! — האט ער מיר פרעהליך אפגעענטפערט.

ווען ער האט זיך אנגעטאן, האט ער זיך אנגעפארבט די באקען און האט זיך אלע מאל, פון צייט צו צייט, אפגעדרעהט פון שפיגעל און מיר געוויזען, וועלענדיג וויסען מיין מיינונג, וואו איז א סך אדער ווייניג אפגעפארבט. און מיך האט געוואונדערט: ווי אויפגעלעגט ער איז. און איך, פארקערט, בין געווען זעהר טרויעריג,

קוקענדיג אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקען און די גרויסע גריבער אונטער די אויגען און די צוויי ביינער נאָך די גריבער, וואָס זיינען געווען אָפּגעצויגען מיט אַ דינער הויט, וועלכע האָט איצט אויסגעזעהן אומנאַטירליך רויט, און די גרויסע טונקעל־בלויע אויגען זיינע האָבען איצט, ווייזט אויס, אַנטקעגען דער רויטער פאַרב, עפּעס אַן אַנדער גלאַנץ באַקומען.

ווען ער האָט געענדיגט דעם טואַלעט, האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו מיר, זיך געגעבען מיט ביידע הענט אַ קלאַפּ אין דער ברוסט, פון וואָס דער קאָפּ זיינער האָט זיך אַ באַוועג געטאָן, און ער האָט ווי אויסגעשריען:

— נו ווי מיינסטו, איך וועל געפעלען, צי ניין?

איך האָב איהם געענטפערט:

— אָ, באַשטימט, באַשטימט!

דאָס אַלץ האָב איך זיך איצט דערמאָנט, ווען די אַלטע קעכין האָט איהם ווידער באַלעגט מיט קללות, פאַרוואָס ער האָט אומגליקליך געמאַכט אַזאַ גאָלדען קינד, ווי איהר מינציע איז.

איך האָב אין דער מינוט ווירקליך אויף איהר מעהר רחמנות געהאַט, ווי אויף איהם. זי איז נאָך געווען אַ יונגע, דאָס צוואַנציגסטע יאָהר, און אַט וועט זי בלייבען אַן אַלמנה, אין וואָס איך האָב שוין דעמאָלט ניט געצווייפעלט, און נאָך מיט אַ קינד. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט איהר שרעק, וואָס זי לעבט איבער, טראָגענדיג פון איהם אַ קינד. דאָס איז דאָך דער בעסטער סימן, אַז ער וועט שטאַרבען און ביי איהר וועט בלייבען אין בויך אַ קינד פון איהם.

ווען איך בין אריינגעגאַנגען אין שטוב און דערזעהן דאָס פאַרפאַלק, האָב איך צווישען זיי עפּעס אַ ברוגז שטיל־שווייגען דערשפּירט, וועלכעס איז פון צייט צו צייט פון איהם מיט אַ שטיל, איינגעהאַלטען הוסטען איבערגעריסען געוואָרען. דערזעהענדיג מיך, האָבען ביידע עפּעס ווי אויפגעלעבט. ער האָט מיר מיט אַ לייכט שמייכעלע די האַנט געגעבען און דאָס זעלבע שמייכעלע איבערגעטראָגען צו איהר. דאָס שמייכעלע זיינס האָט אויף מיר אַ שלעכטען איינדרוק געמאַכט. דאָס איז ניט געווען פון יענע

גאַסטפּריינטליכע שמייכעלאַך, מיט וועלכע ער פלעגט מיך אַמאָל באַגעגענען, און יענע גאַסטפּריינטליכע שמייכעלאַך האָב איך ביי איהם ניט געזעהן פון דער צייט, וואָס ער האָט פונ׳ם דאָקטאָר דעם שטרענגען באַפעהל באַקומען. פון דעמאָלט אָן איז ער צו מיר אָפּגעקיהלט געוואָרען און, ווי איך האָב מיך דערנאָך דערוואוסט, איז ער זעהר ניט צופרידען געווען מיט מיין קומען. דאָס אַליין, וואָס ער האָט דאָס מיר ניט דערצעהלט, האָט מיך אויף אַ געדאַנק ארויפגעשטויסען, אַז ער מוז מיך אייפערען צו זיין יונג ווייבעל. איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל וועגען דעם געטראַכט, און איצט איז ביי מיר פאַרפעסטיגט געוואָרען דער געדאַנק, און איך האָב מיך עפּעס זעהר ניט גוט דערפיהלט. איך האָב מיך פשוט געשעמט מיט מיין געזונטען פנים: איך האָב געוואָלט, אַז אין דער מינוט זאָל איך אַנדערש אויסזעהן, איך האָב פשוט געוואָלט קראַנק ווערען אויף דער קורצער צייט, וואָס איך וועל דאָ זיין ביי איהם אין שטוב...

— וואָס זשע הערט זיך עפּעס? — האָט ער מיר אַ פרעג געגעבען מיט דעם זעלבען שמייכעלע און ווידער אַ קוק געגעבען אויף זיין ווייבעל.

און זעהענדיג, ווי זי האָט פאַרשעמט און טרויעריג אַראָפּגע־לאָזט די אויגען, האָב איך ניט געצווייפעלט, אַז זי פאַרשטעהט דאָס שמייכלען זיינס, און שפּירענדיג, אַז איך קוק אויף איהר, האָט זיך ביי איהר אַ לייכטע ראָזע פאַרב צוגאָסען איבער׳ן געזיכט.

— וואָס זאָל איך מאַכען? — האָב איך ניט ווילענדיג גע־ענטפערט און האָב געוואָלט פרעגען, וואָס ער מאַכט, נאָר איך האָב מיך דערפון אָפּגעהאַלטען, דערמאָנענדיג אָן דעם, וואָס די אַלטע קעכין האָט מיר דערצעהלט...

„זי טראָגט" — איז מיר פּלוצלינג דורכגעפלויגען אין געדאַנק דער אַלטער׳ס פּאָר ווערטער און איך האָב מיך געוואונדערט: די זעלבע ווערטער, וועלכע ווערען אין יעדער פאַמיליע מיט פרייד אויפגענומען, שפּירענדיג, אַז עס געהט עפּעס אַ ניי לעבען אויף דער וועלט, האָבען איצט דאָ אין שטוב ביי מיר אין די אויערען

אזוי טרויעריג געקלונגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די פּאָר ווערטער זיינען עפּעס אַ טויט־אורטייל אויף מיין חבר... „זי טראָגט" — איך האָב גאָר אינגאַנצען פאַרגעסען דעם אמת'ן פּראָס־טען זין פון די ווערטער. אַן אַנדער געדאַנק האָט זיך ביי מיר באַקומען: דאָס הייסט, ער וועט שטאַרבען, דאָס איז אַן אָנזאָג פון אַ זיכערען טויט. און ווען מ'זאָל מיר קומען און זאָגען, אַז מיין חבר גוסס'ט, וואָלט איך ניט געווען אַזוי פעסט אין זיין טויט, ווי פון די צוויי ווערטער. און אין דער זעלבער צייט האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, וואָס דאָס ווייבעל נעבאַך מוז איבער־לעבען, טראָגענדיג דעם טויט־אורטייל אויף איהר מאַן.

די אַלטע האָט איהם אַריינגעטראָגען אַ גלאָז מילך און צוויי אייער אויסצוטרינקען, און ווען זי האָט עס נעבען איהם אַוועקגע־שטעלט אויפ'ן טיש, האָט זי מיט אַ פאַרדריסליכען קול געפרעגט ביי זיין ווייבעל, צי זי וועט אויך טרינקען אַ גלאָז מילך. און ווען יענע האָט געענטפערט מיט אַ דרעה מיט'ן קאָפּ, אַז ניין, — האָט זי עפּעס אַ בורטשע געטאָן און איז אַרויס פון שטוב.

נאָך איהר אַרויסגעהן, איז די פרעהליכע שטימונג ביי מיין חבר (אויב זי איז ניט געווען געמאַכט) פאַרשוואונדען געוואָרען. ער האָט שטיל אויסגעטרונקען די גלאָז מילך און די אייער האָט ער פאַרדראָסיג געגעבען אַ רוק אָפּ פון זיך, אַ וואָרף געבענדיג דער־ביי אַ בייזען קוק אויפ'ן ווייבעל.

וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָב איך ניט געוואוסט, נאָר איך האָב מיך געשטויסען, אַז איהר שטיל שווייגען, דער אַלטער'ס בורטשען און זיין, פריהער שמייכלען און איצט דער כעס, — איז אַלץ וועגען איינס און דעם זעלבען „זי טראָגט". איך האָב מיך אויפגעהויבען, איהם געגעבען די האַנט, אויף וואָס ער האָט זיך געאיילט מיר געבען זיינע, ניט קוקענדיג אויף מיר, נאָכדעם האָב איך זיך מיט איהר געזעגענט און בין מיט אַ שווער געמיט אַרויס פון שטוב.

* * *

די ערגסטע צייט ביי מיין חבר איז, ווי ביי אַלע שווינדזיכ־

טיגע ,געווען אין הערבסט, ווען עס האָבען זיך אָנגעהויבען די רעגענס מיט די בלאָטעס און פאַר פסח. דעמאָלט איז ער געווען אומערטרעגליך. גאַנצע וואָכען איז ער געזעסען באַהאַלטען אין שטוב, האָט מורא געהאַט אין פענסטער צו קוקען, און גראָד האָט זיך אין איין פענסטער אָנגעזעהען אַ שפּיץ פון אַ הויכען בוים פון בית־עלמין. אויף דעם שפּיץ פון בוים האָט ער תמיד מורא גע־האַט צו קוקען. אין דער צייט איז ער געווען שרעקליך נערוועז און יעדע קלייניגקייט האָט איהם אויפגערעגט. אין דער צייט, האָט מען געוואוסט, טאָר מען ניט געהן אויפ'ן בוידעם, דערפאַר האָט ער עפּעס באַזונדערס מורא געהאַט, און ווען עס איז געווען אומפאַרמיידליך און מ'האָט יאָ געמוזט געהן אויפ'ן בוידעם און ער האָט דערהערט טריט, האָט ער געמאַכט אַזעלכע געשרייען, אַז עס זיינען זיך צונויפגעלאָפען די אַרומיגע שכנים. גערעדט האָט ער אין אַלגעמיין מיט קיין זייטיגע מענשען קיינמאָל ניט, דערפאַר וואָס זיי זיינען געזונט, און קראַנקע האָט ער נאָך מעהר געהאַסט ווי געזונטע. ביי איהם האָבען עקזיסטירט צוויי קלאַסען מענשען: געזונטע און קראַנקע, און צווישען דיביידע קלאַסען האָט ער זיך תמיד געפיהלט עלענד. נאָר ביז דער לעצטער צייט האָט ער מיך געקענט און איך האָב אויך פון יענער אויפנאַמע אָן אויפגעהערט איהם צו באַזוכען. און ווי אַזוי האָב איך זיך געוואונדערט, ווען ער האָט מיך אַ פּאָר מאָל באַגעגענט אין גאַס און פאַרדרעהט דעם קאָפּ און דאָס ווייבעל זיינס אויך דאָס זעלבע. איך האָב לאַנג געקלערט, וואָס זאָל דאָס באַדייטען און האָב איינמאָל אָפּגעשטעלט דאָס ווייבעל זיינס אין גאַס. דערזעהענדיג זי נאָהענט נעבען, האָט מיר אַזש דאָס האַרץ פאַרקלעמט — אַזאַ פאַרענדערונג איז אויף איהר געקומען: די ליפּען אָנגעשוואָלען, די אויגען האָבען פאַרלאָרען זייער גלאַנץ און די גאַנצע פיגור איהרע — עפּעס ווי אַ מין קיילאַכדיגע גראָבע פאַס. זי איז שוין דעמאָלט געווען אין די „גרויסע" חדשים. דערזעהענדיג מיך, איז זי רויט געוואָרען, און איך האָב מיר געטראַכט: נאַריש ווייבעל, וואָס דאַרפסטו זיך דאָ שעמען? — נאָר ביי איהר, ווי מיר איז דערנאָך איינגעפאַלען,

איז געווען אַן אַנדער בושה: וואָס זי טראָגט פון אַזאַ מענשען, וועלכער קלייבט זיך אָפּ־אָט אויף יענעם עולם...

— איך ווייס ניט, מיר דוכט זיך, אַז איך האָב אייך גאָר קיין שלעכטס ניט געטאָן, — האָב איך גלייך אָנגעהויבען. — איך ווייס ניט, וואָס איז די סבה, וואָס איהר און אייער מאַן פאַרדרעהען מיט די קעפּ, ווען איהר דערזעהט מיך.

אַ טרויעריג שמייכעלע האָט זיך אויף איהרע אָנגעשוואָלענע ליפּען באַוויזען. איך האָב דערקענט, אַז זי וויל מיר עפּעס זאָגען, נאָר זי קאָן ניט, און ניט האָבענדיג קיין געדולד צו וואַרטען אויף איהר ענטפער, האָב איך איהר נאָך אַמאָל איבערגעחזר'ט די זעלבע ווערטער, אויף וואָס זי האָט באַלד געענטפערט:

— קיין שלעכטס האָט איהר טאַקע ניט געטאָן און ניט געמיינט צו טאָן. דאָס ווייס איך און איהר דעם גאַנצען אמת. נאָר שלעכטס פון אייך איז מיר יאָ אַרויסגעקומען.

— אום גאָטעס ווילען! — האָב איך די געדולד פאַרלאָרען.

— די לאַגע, אין וועלכער איך געפין זיך איצט, זייט איהר די סבה...

— וואָס הייסט?...

— ער האָט געמיינט, אַז מיר האָבען זיך ליב...

— נו?...

— ער האָט געמיינט, אַז איך האָב אייך ליב...

— **נו, איז וואָס?...**

— וויפיל איך האָב מיך ניט געפּלייסט איהם צו דערווייזען, אַז עס האָט קיין גרונד ניט און ער איז זיך אַליין פּעסט געשטאַנען אויף זיינעם.

— פון ווען אָן האָט ער עס אָנגעהויבען אייך צו אייפערען צו מיר?

— זינט ער האָט נקראָגען דעם פאַרזאַג פון דאָקטאָר...

— נו?

— נו, האָט ער עס געוואָלט מיר און אייך אַ צו־להכעיס אָפּטאָן...

זי האָט אָפּגעזיפּצט און מיר האָבען זיך געזעגענט און איך האָב איהר, נאָכקוקענדיג אַ שטיק וועג, געטראַכט, אַז אַזוי ענגאַ־איסטיש קאָן נאָר זיין אַזאַ קראַנקע, צובראָכענע נשמה, ווי מיין חבר.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיין חבר איז טאַקע אין יענער צייט געשטאָרבען. אין די לעצטע מינוטען האָב איך זיך מיט איהם געזעהן, און ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט מיר, האָט ער מיר פאַרקוקט אין די אויגען אַריין און אַ שמייכעלע, עהנליך אויף יענעם, ווי איך האָב ביי איהם באַמערקט דעמאָלט, ווען איך האָב זיך דערוואוסט, אַז זי טראָגט, האָט זיך באַוויזען אויף זיינע טרוקענע, בלאַסע ליפּען...

# א נאכט אין צוג.

דער צוג איז געגאנגען. דער צוג איז געשטאנען. מענשען זיינען ארויס, מענשען זיינען אריין, מענשען מיט פעק, פעק מיט מענשען, און יעדער איינציגער האט מיט זיך א פרישע אומעטיגע קעלט אריינגעבראכט, ארט און פלאץ פארנומען, פאר זיך און פאר זאכען; און ווען דער צוג האט שוין געהאלטען אין פולען גאנג, איז שוין יעדער געזעסען, אדער געלעגען, און פון מינוט צו מינוט איז אלץ רוהיגער און שטילער געווארען, און געדאכט האט זיך, אז דער צוג שניידט זיך אלץ טיפער און טיפער אין דער נאכט אריין.

פון לאקאמאטיוו האט אהן אויפהער, אמאל פון איין זייט, אמאל פון דער צווייטער, געשפריצט א פייערדיגער רעגען. און געדאכט האט זיך, אז דער הימעל געפינט זיך גאר נאהענט איבער דער ערד און שפייט מיט שטערען פון זיך. געפלויגען זיינען די פונקען פייל פון בויגען, געשוואומען אין דעם פינסטערען ים און געווען איז פון דעם אי ליכטיגער, אי פינסטערער.

אויף איינער א סטאנציע האט זיך צווישען אנדערע פאסאזשירען אויפגעזעצט א מאגער מיידעל מיט צוויי גרויסע, שווארצע, אומעטיגע, גלאנציגע אויגען און האט זיך אוועקגעזעצט אנטקעגען מיר, ביים פענסטער. מיר איז עפעס אויסערגעוויינליך אומעטיג געווארען, אבער אויפ'ן ארט האב איך ניט געוואוסט, פון וואנען דער פלוצלינדיגער אומעט איז געקומען, צי פון דעם, וואס עס האט זיך אנגעיאגט א פולער וואגאן מיט מענשען און האבען מיט זיך אנגעבראכט א פרישע קעלט, צי פון דער מיידעל, וואס האט זיך מיט א נערוועז שטיל־שווייגען ביים פענסטער געזעצט. זי האט זיך גלייך פארקוקט אין שווארצע, קאלטע, שווייסיגען פענסטער

און פון יענער זייט האָט זיך אָפּגעשלאָגען אַן אומדייטליך קיילאַכיג שטיק בלאַסקייט ווי אַ פאַרבלאָזער פּנים.

אין וואַגאָן איז אַלץ שטילער, רוהיגער און אומעטיגער געוואָרען. עס האָט זיך אָנגעהויבען שפּירען יענער אומעט, וואָס שפּירט זיך אַלע מאָל שפּעט אין אָוונט, ווען איין פאַרשווין נאָכ'ן צווייטען ווערען איינגעזעסען אויף די ערטער, הויבען אָן צו דרעמלען, אָדער ווערען גלאַט אַנשוויגען...

איך בין אויך אַנדרעמעלט געוואָרען, נאָר ערגעץ טיף אין מיר איז פאַרגליווערט געבליבען אָט דאָס בארמלאָזע קיילאַכיג שטיק בלאַסקייט, וואָס האָט פון יענער זייט פענסטער אין וואַגאָן אריינגעקוקט, און דאָס האָט מיך ניט געלאָזט איינצושלאָפען מיט'ן נאַטירליכען געזונטען שלאָף. האָב איך געהערט, ווי דער צוג געהט, ווי די רעדער קלאַפּען... געהערט, אַז ער געהט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער שטעהט, און נעבעלדיג געזעהן צווישען די שטעהענדיגע, נאָר אומרוהיגע, רעדער אַרומשוועבען אַ פּנים ווי אַ פּאַפּירענע לאַמטערן, און דאָס לאַמטערן־פּנים זוכט עפּעס, און מיט דער צייט פון זוכען ווערט דער פּנים און לאַמטערן וואָס אַמאָל העלער און ליכטיגער...

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אַן אומרוהיגער, צורודערטער, און גלייך האָט זיך מיר אין די אויגען אריינגעוואָרפען דאָס בלאַסע מיידעלשע פּנים, וואָס האָט זיך געבלייכט אין דער האַלב־פינסטערניש פון דער אויפגעהויבענער באַנק איבער איהר קאָפּ. זי איז געזעסען אַזוי ווי זי האָט זיך אָוועקגעזעצט — אין היטעלע און אין דעם מאַנטעל, גלייך ווי זי וואָלט באַדאַרפט אַראָפּקריכען אויף דער נאָהענטסטער סטאַנציע. זי איז געזעסען אומבאַוועגליך, די הענט טיף פאַררוקט אין גרויסער שוואַרצער מופטע, וואָס האָט פאַרנומען כמעט דעם גאַנצען אויבערשטען טייל קערפּער איהרען.

אין וואַגאָן איז געווען רוהיג און שטיל. מענשען אומבאַקאַנטע, פרעמדע און ווייטע, אין דרעמעל און שלאָף נאָך ווייטער, נאָך פרעמדער... אַ קאָפּ אַהער, אַ קאָפּ אַהין... פון די אויבערשטע ביינק הענגען אַראָפּ הענט און פיס, אַ שפּיץ פון אַ קאָלדרע, אַ

פּאַלע פון אַ בורקע, אַ פּאָר ווײדלאַך פון אַ טכוירענעם פוטער, אַלעם אַזוי שטיל, ווי ניט טויט און ניט לעבעדיג, און אונטען רייבען זיך די רעדער און די רעלסען, ווי זיי וואָלטען געררעדט:

— מ'שלאָפט, מ'שלאָפט, מ'שלאָפט!

און די נאכט האָט מיט אומעט, קעלט און פינסטערניש אין די פענסטער אַרײנגעקוקט און אָפּגעשלאָגען האָבען זיך דאָרט אומ־דייטליכע פיגורען, די טונקעלע שיין פון דער ליכט און די גלאַנ־ציגע ביינק.

איך בין ווידער אנשלאָפען געוואָרען, אָבער איך הער און פיהל, אז איך פאָהר, הער און פיהל, און צווייפעל דאָך... ערגעץ בין איך, עפּעס שרעקט מיך... איך שלאָף, צי איך שלאָף ניט?... געהט דער צוג, צי שטעהט ער?... איך הער די רעדער קלאַפּען און אַ שווארצע פיגור דרעהט זיך צווישען די רעדער אַרום... אַ פיגור מיט אַ דורכזיכטיגען קאָפּ... דער קאָפּ פאַלט האסטיג אַראָפּ און — ס'ווערט פון איהם אַ לאַמטערן... דעם לאַמטערן האַלט די זעלבע פיגור (נאָר שוין אָהן דעם קאָפּ), דרעהט זיך צווישען די רעדער, זוכט און געפינט... געפינט אַ גרויסע, גרויסע, שוואַרץ־האָריגע מופּטע...

דערהערט אימיצער האָט אָנגעריבען אַ שוועבעלע און האָב מיך אין קאָנוואולסיווער שרעק אויפגעכאַפּט און האָב גלייך די מופּטע דערזעהן, און אין דער מופּטע האָט דאָס מיידעל געהאַלטען די הענט אַרײנגעשטעקט און דאָס פּנים פאַרגראָבען... די האָר קאָפּ מיט די האָר פון דער מופּטע האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען און געדוכט האָט זיך, אַז דאָ זיצט עפּעס אַ פאַרזעהעניש מיט אַן אומגעווײנליך גרויסען קאָפּ אָהן אַ פּנים... זי איז געזעסען אומ־באַוועגליך אין פאַרגליווערטער רוהיגקייט, אין צונויפגעגאָסענער שווארצקייט, באַהאַלטען מענש און לעבען...

אַ מעכטיגער פייף האָט די שטילקייט צוריסען, אַ פּאָר קעפּ האָבען זיך אויפגעהויבען און אין די פענסטער פאַרקוקט. אימיצער האָט געשמאַק געגענעצט, איינער וואָס איז געזעסען אַנטקעגען מיר, האָט זיך אויפגעהויבען און זיך אַזוי זים ליידענשאַפטליך געצויגען,

אַז ס׳האָט ערגעץ ביי איהם געקנאַקט אַ ביין. ס׳האָט אימיצער צו אימיצען עפּעס געזאָגט און די שטילקייט און רוהיגקייט איז גע־שטערט געוואָרען. אָפּטער און אָפּטער האָבען זיך פון יענער זייט פענסטער פאַרשיידען־פאַרביגע פייערלאַך געוויזען, פייערלאַך פּרעמדע, פייערלאַך אומבאַוועגליכע, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי לייכטענדע דימענטען איינגעפּאַסט אין נאַכט און אין פינסטערניש.

דאָס אומבאַקאַנטע מיידעל האָט אויך אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אין פענסטער פאַרקוקט. איהרע אויגען ווי צוויי קיילאַכיגע שוואַרצע רעדעלאַך, האָבען זיך רייצענד אויסגעטיילט פון בלאַסען פּנים און דאָס פּנים האָט זיך געבלייכט פון אונטער דער אויפ־געהויבענער באַנק, וואו עס איז געוועזן פיל טונקעלער ווי אין וואַגאָן, און איך האָב געקוקט אויף איהר און געטראַכט פון איהר, ניט געוואוסט, וואָס איך קוק און ניט געוואוסט, וואָס איך טראַכט... איך האָב נאָר געפיהלט, אַז די וואָס זיצט מיר אַנטקעגען, זיצט אויך אין מיר, זיצט און פרעסט מיין געמיט... אַז עפּעס האָט זיך פון איהר ווי אַ גלגול אַריינגעכאַפּט אין מיר, און וואַכענדיג האָב איך שוין אויך עפּעס גע׳חלומ׳ט. איך האָב געקוקט מיט אָפענע אויגען און אַלעס אַרום זיך געזעהן צוויי־זייטיג... געזעהן אַ טיף לעבען, ווי אימיצער וואָלט אין מיר אַ טהיר אין אַ טיפען תהום אַריינגעעפענט און דאָרטען אין תהום האָט זיך אַרומגעדרעהט די אומבאַקאַנטע, וואָס זיצט מיר אַנטקעגען...

דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. צוויי קלינג, אַ קליינע סטאַנציע. אַ פּאָר לאַמטערנס אויף הילצערנע סטויפּעס, וואָס וואַרפען אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ ברייטע, טונקעלע שיין און אַלעס אַרום איז פרעמד, שטיל, פינסטער. די קאָנדוקטאָרען דרע־העץ זיך אַרום מיט די קאָלירטע לאַמטערנדלאַך און אַרום זייערע פיס בלאַנדזשען פאַרשיידען־פאַרביגע קוואַדראַטען. די כּאַליאַוועס פון זייערע שטיוועל גלאַנצען, אַלץ איז נאַכטיג, אַלץ איז שטיל, און דערפאַר לאָזט זיך שוין אַזוי שטאַרק הערען דאָס מעכאַניש אָטעמען פון לאָקאָמאָטיוו.

קיינער קומט ניט אַרויף, קיינער שטייגט ניט אַרויס, און דאָך

האָט זיך באַקומען אַן איינדרוק, אַז אין וואַגאָן איז ווייניגער געוואָרען...

— וואָס פאַר אַ סטאַנציע איז דאָ? — האָב איך אַ פרעג געטאָן ביי מיין שכנה.

זי האָט ניט געענטפערט, אפילו זיך ניט אומגעקוקט, און איך האָב אַזוי דורשטיג געוואָלט הערען די שטים איהרע.

— ... לאַמטערן־קאָפּ... קאָפּ מיט רעדער...

זי האָט אַ ציטער געטאָן און אַ בליץ געטאָן אויף מיר מיט אויגען און אַ צווייטען...

— צינדט אָן אַ שוועבעלע! — האָט זי מיט אַ פאַרשטיקט, היסטעריש קול אויסגערופען.

איך האָב אָנגעצונדען אַ שוועבעלע, און אַזוי לאַנג, ווי דאָס שוועבעלע האָט געברענט, אַזוי לאַנג האָט זי מיר אין די אויגען אריינגעקוקט, און געפיהלט האָב איך, אַז איך געפין זיך אינגאַנצען אונטער איהר שליטה, אַז זי איז אינגאַנצען אריין צו מיר, און מיך האָט אָנגעהויבען צו דרעמלען...

קלין, קלין, קלין! קליין, קליין, קליין סטאַנציעלע, אַ פייף און דער צוג איז אַוועק.

שלאָף איך און איך פיהל באַהן און מענש... „ער", מיט'ן לאַמטערן־קאָפּ, איז שוין ווידער דאָ... לויפט מיט די רעדער, קייקעלט זיך געשווינד, האַסטיג, און אַלעס אויף איין אָרט... דורכזיכטיגער ווערט דער קאָפּ און פאַלט אונטער די רעדער... אַ לאַמטערן... נעבען: אַ גרויסע, שוואַרצע מופּטע... פון דער מופּטע קריכט ארויס אַ צוקאַליעטשעטער קאָפּ מיט גרויסע שוואַרצע לע־בעדיגע אויגען. „זי"... ניין, איך פיהל, ווי זי זיצט מיר אַנט־קעגען... וואו בין איך?... אין וואַגאָן צי אין דרויסען?... די רעדער טאַראַבאַנען... דער צוג שטעהט... איך און „זי" אויף צוויי ערטער זיך צוטיילט... איך בין מיט איהר דאָ און מיט איהר דאָרטען... איך שלאָף ניט און שלאָף, הער ניט און הער, זעה ניט און זעה, ווי זי זיצט... ווי זי האָט זיך אויפגעהויבען און שטעהט אַנטקעגען מיר מיט אַ שווערער געדיכטקייט פון חלום און וואהר,

שטעהט איינע נעבען מיר דאָ, איינע נעבען מיר „דאָרטען“, איינע איז טויט, די צווייטע לעבעדיג, אוןביידע זיינען איינע און די זעלבע... ביידע אויסער מיר און אין מיר מיט לעבען און טויט צונויפגעמישט, מיט ווירקליכקייטען און חלום... א טריט, א שפּאַן פון איין וועלט אין א צווייטער... נאָך א טריט, נעבען זיך, נעבען מיר אוועקגעשפּאַנט אין ווייטקייט און אויפ'ן זעלבען אָרט גע־בליבען... א שפּאַן האָט זי געמאכט און איז געדאָפּעלט געוואָרען מיט אַן אומבאַוועגליכען נעגאַטיוו פון זיך און מיט הארטקייט און שטילקייט הערט זיך איהר אָפּגאַנג פון אָרט און אוועקגאַנג צו אומבאַשטימטקייט און ווייטקייט... און נאָך א שפּאַן און נאָך איינער, גרויסע, גיגאַנטישע, ווי שווערקייט פון איינער געטראָגען, פון לייכטקייט פון א צווייטער, און מיט יעדען שפּאַן זיך דער־נעהענט צו א שרעקליך געפערליכען אָפּגרונד און ערגעץ ווייט־ווייט האָט זיך אַן עפּען געטאָן א טיר...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

א ווילדער פייף האָט מיינע אויערען דורכגעשניטען, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און זיך א וואָרף געטאָן מיט נאָך מענשען צו דער טיר. אויף דער פּלאַטשאַדקע אָנגעטראָטען אויף עפּעס ווייכס... אויפגעהויבען די מופטע איהרע...

# זעלבסטמאָרד.

עס וועט זיך אמאָל באווייזען א נאָטיץ אין די צייטונגען: „עס האָט זיך איבער אן אומבאוואוסטער סבה גענומען דאָס לעבען אזעלכער און אזעלכער". און איך אַליין וויים אויך ניט פארוואָס איך וועל מיר נעמען דאָס לעבען, און בין זיכער, אז אזעלכעס וועט געשעהן. איך וויים ניט, צי היינט, מאָרגען, אין א וואָך, אין צוויי, אָדער אין א פּאָר צעהנדליג יאָהר ארום. פאר וואָס? איך קאָן דערויף קיין קלאָרען ענטפער ניט געבען. איך געפין פאר נויטיג אונטערצושטרייכען, אז מיר לעבט זיך ניט שלעכט, אז איך געניס פון דעם אַלעם, וואָס א מענש קאָן און ס'איז איהם מאָראַ־ליש ערלויבט צו געניסען. איך זאָג, אז דאָס לעבען איז שעהן, רייצענד און ליב עס מיט מיין גאנצען וועזען. האָב איך מיר אין מענשען אנטוישט? ניין, דאָס אויך ניט. אין פרויען? ווידער אמאָל ניט. איך בין וועגען זיי דער בעסטער מיינונג. איך ליב זיי ווי א יונגער מענש אין מיינע יאָהרען קאָן ליבען. די עטליכע פרויען, וואָס איך קען, זיינען פאר מיר דער אידעאַל פון שעהנהייט, איידעלקייט און צאַרטקייט. און מיינט איהר אפשר, אז נאָך דעם אַלעמען געפין איך גלאָט ניט קיין אינטערעס איבער וואָס עס זאָל זיך לוינען צו לעבען? נאָך אמאָל ניט! האָב איך אפשר מורא פאר'ן טויט? (עס טרעפט אמאָל אזעלכעס, וואָס איינער נעמט זיך דאָס לעבען אוים מורא פאר'ן טויט). ניין, איך קלער אפילו ניט וועגען דעם. אויף צו לעצט וועל איך נאָך צו־געבען, אז איך בין זעהר לעבענס־לוסטיג, פרעהליך, און צו דעם געדאַנק, אז איך וועל מיר אמאָל נעמען דאָס לעבען, האָב איך מיר אזוי צוגעוואוינט, ווי מענשען בכלל פארהאַלטען זיך צו זייער

געוויינליכען אומפאַרמיידליכען טויט... קיין באַשלאָסענע זאַך איז דאָס ביי מיר ניט, באַשליסען באַשליסט נאָר אַזעלכער, וואָס ווייסט אָדער פיהלט, אַז ס'קאָן אַנדערש ניט זיין... אַזאַ טאַט ווערט נאָר באַשלאָסען ביי יעניגע אין מאָמענטען פון גרויס פאַר־צווייפלונג, אין דער צייט, ווען פריהער איז זיי אַזעלכעס אפילו אין די געדאַנקען ניט געקומען... איך האָב עס מיר ניט באַדאַרפט באַשליסען דערפאַר, ווייל דער געדאַנק און געפיהל, אַז איך וועל מיט מיין טויט ניט שטאַרבען, לעבט מיט מיר צוזאַמען, לעבט אַזוי פיל, וויפיל איך בין אַלט, ער איז מיט מיר געבוירען געוואָרען... איך ווייס אפילו ניט, מיט וואָס איך וועל מיר נעמען דאָס לעבען, צי וועל איך מיך שיסען, הענגען אָדער סמ'ען. איך האָב מיר נאָך וועגען דעם ניט פאַרטראַכט, פונקט ווי עס טראַכטען ניט אַלע מענשען, דורך וואָס פאַר אַ קרענק זיי וועלען שטאַרבען... בין איך אומנאָרמאַל? משוגע? האָב איך עס מיר איינגערעדט? ניט דאָס ערשטע, ניט דאָס צווייטע און ניט דאָס דריטע. איך פיהל נאָר, אַז עס זיצט אין מיר עפּעס אַ געהיימע קראַפט, וועלכע נעמט אַן אַנטייל אין מיין לעבען. עס לעבט אין מיר אַ פרעמדער ווילען, וועלכער שטערט מיר דאָך ניט צו לעבען, ווי איך וויל, ווי מיר גלוסט זיך, און פונקט ווי איך האָב קיין אַהנונג ניט וועגען איהם, וואָס ער איז, ווער ער איז, אַזוי האָט ער ניט קיין אַהנונג וועגען מיר, וועגען מיין לעבען און שטרעבען... מיר זיינען ביידע איינגעשמאָלצען איינער אינ'ם אַנדערען און זיינען דאָך פרעמד איינער דעם צווייטען, פונקט ווי מ'לייט צונויף צוויי פאַרשיידענע מעטאַלען און יעדעס באַזונדער האַלט זיך זיין קאָליר און פאַרלירט ניט זיינע אייגענשאַפטען... דאָס לעבען, מיין לעבען, איז זיינס, דאָס הייסט, ס'איז ביי איהם אין די הענט. ער אַליין דאַרף עס ניט, ווייסט אפילו ניט, וואָס דאָס איז אַזעלכעס; ער דאַרף עס נאָר טויטען, און ביז וואַנען ער וועט עס טויטען, איז עס מיינס, מיינס אויף צו לעבען, זיינס — אויף צו שטאַרבען. און פונקט ווי „ער" קאָן מיר ניט שטערען צו לעבען, ווי מיר געפעלט, אַזוי קאָן איך איהם קיין דעות ניט זאָגען צו טויטען מיך, מיט

וואָס פאַר אַ טויט איהם וועט דאָרטען וואַוילגעפעלען... מיר זיינען אינגאַנצען אומאָפּהענגיג איינס פון דאָס אַנדערע...

עס זיינען פאַראַן ניט קיין גרויסע צאָהל מענשען, וועלכע געפינען זיך תמיד אונטער אַ געוויסען היפּנאָז, איבער זייערע נשמות פלאַטערט תמיד אַרום עפּעס אַזעלכעס, וואָס בלייבט אויף שטענדיג פאַר זיי פאַרהילט אין אַ געדיכטען נעבעל און דאָס פיהרט אָן מיט זיי, רעאַגירט אויף זייערע געפיהלען, אויף זייערע געדאַנקען, אויף זייער גאַנצעס וועזען, און וועגען לעבען, וועגען זייער לעבען, בילדען זיך אויס פאַרשיידענע משונה'דיגע באַגריפען, אַז ס'איז עפּעס ניטאָ ביי זיי אַזעלכעס, ווי ביי אַלע מענשען, אַז ס'איז עפּעס ניטאָ אַזעלכעס, וואָס וואָלט באַדאַרפט זיין, אַז ס'איז עפּעס לויטער רעטענישען. אין קורצען: דאָס גאַנצע לעבען איז איין שרעק פאַר עפּעס אומדייטליכעס, נעבעלדיגעס, זיינען זיי תמיד פאַר'מרה־שחורה'ט, געפינען זיך שטענדיג אונטער גע־וויסע איינדריקען, וואָס פּייניגען און מאַטערען די נשמות זייערע און זיי קאָנען זיך ניט אָפּגעבען קיין רעכענונג, וואָס דאָס איז אַזעל־כעס. אַזעלכע מענשען מוזען ענדיגען דאָס לעבען מיט זעלבסט־מאָרד, ווייל דאָס לעבען ווערט ביי זיי מיט דער צייט אָן אמת'ע אָפּקומעניש, אַ גיהינום... דאָס זיינען די אומגלקילכיסטע מענשען אויף דער וועלט... אַזעלכע זעלבסטמערדער זיינען די געפער־ליכסטע, די פאַרביסענסטע. זעלטען ווען עס גיט זיך איין אַזעלכע אָפּצוראַטעווען. זיי נעמען איין די שעדליכסטע גיפטען, קלייבען אויס אַזעלכע ערטער, וואָס ווערט ווייניג אָדער גאָרניט באַזוכט פון קיין מענשען... ביי זיי איז דער טויט גאָרניט שרעקליך, פאַרקערט, שרעקליך איז ביי זיי דאָס לעבען. עס גיבען אַזעלכע, וואָס טוען זיך אָן צוויי, דריי מיתות מיט אַמאָל, מורא האָבענדיג, טאָמער וועט זיך די לעבענס פאַרזאָרגער איינגעבען פון איינער זיי אָפּצוראַטעווען. ביי זיי איז דער טויט אַ מין משיח, אַן ער־לייזער. זיי וואַרפען זיך איהם אין די אָרעמס אַריין מיט אַ ווילדען, תאוה'דיגען פלאַטער, ווי אַ פאַרליבטע צוריצטע פרוי וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון איהר געליבטען... אַזעלכע שרייען

ניט, ליאַרעמען ניט פאַר'ן טויט, מאַכען ניט קיין משוגע'נע העוויות, דרעהען זיך ניט אַרום איבער'ן צימער, פּליקען פון זיך ניט די האָר, לעגען ניט צו אַמאָל צוואַנציג דעם רעוואָלווער צום שלייף אָדער דאָס פלעשעלע מיט גיפט צום מויל, זיי שרייבען ניט קיין קוויטלאַך מיט קיין בריף צו קיין באַקאַנטע, צו נאָהענטע. זיי אַרט ניט, זיי קומט אפילו ניט אויף די געדאַנקען צופרידען צו שטעלען יענעמס נייגעריגקייט... זיי פאַרגעסען אָן דער גאַנ־צער וועלט. ביי זיי זיינען אַלע געדאַנקען, אַלע געפיהלען, קאָנ־צענטרירט אין איין פונקט... זיי פאַרגעסען אינגאַנצען אָן לעבען, מיט וועלכען זיי ווילען מאַכען אַ סוף... און די לעצטע מינוטען לעבען זיי נים מיט'ן לעבען, נאָר מיט'ן טויט... עס פאַרשווינדען די לעבעדיגע אינסטינקטען און במילא דער אינסטינקט, וואָס האָט אַזוי מורא פאַר'ן טויט... קיין שפּור פון שרעק, פון מיט־לייד צו זיך. עס גליווערען ניט די גלידער; פאַרקערט, עס וואַרעמט, דער טויט וואַרעמט!...

בין איך איינער פון די לעצטע? ניין! איך בין עפּעס אַנדערש. איך בין אַ מענש ווי אַלע מענשען. מיך מאַטערט און פּייניגט גאָרניט, דאָס לעבען איז פאַר מיר קיין אָפּקומעניש ניט און דער טויט איז ביי מיר קיין יום־טוב ניט. ער איז פאַר מיר דאָס, וואָס ביי אַלע מענשען דער נאַטירליכער טויט, וועלכער איז אומפאַרמיידליך... מיין פאַרלאַנג איז, וואָס לענגער צו לעבען, נאָר... ווי איך האָב שוין אויבען דערמאָנט, איז עס ניט ביי מיר אין די הענט...

אַזוי גלויב איך. און גלויבען איז אַזאַ מין געפיהל, וואָס איז אוממעגליך איבערצוגעבען אַ צווייטען, און דעם צווייטען איז אוממעגליך עס ביי דיר צו פאַרטיליגען. איך מיין, אַז דאָס איז עפּעס אַ מין באַזונדער אַרט איינענשאַפט; איך האָב געזעהן פיל קלוגע מענשען, וואָס זיינען אַבערגלויביג און, פאַרקערט, נאַראָנים, וואָס זיינען אויף דעם געביט גאַנץ פריידענקער. איך האָב דעם פאַר־גלייך געבראַכט צוליב דעם, מ'זאָל מיך ניט האַלטען פאַר קיין משוגע'נעם. איך זאָג: עס זיינען פאַראַן מענשען, וועלכע

זיינען איבערגעגעבען פון געבוירען אָן אין די הענט פון אַן איבער־נאַטירליכער קראַפט, דאָס הייסט, אַז אַ חוץ דעם מענשענ'ס מוסקולען, וועלכע קאָנען זיך וועהרען אַנטקעגען אויסערליכען שונא, איז פאַראַן נאָך אַ קראַפט, וועלכע איז ניט צום פאַרגלייכען שטאַרקער פון דיר און דו גיבסט זיך, ווילענדיג, ניט ווילענדיג, אונטער... דיין ווילען אַנטקעגען איהר איז קיין ווילען ניט... דו געהסט זי בלינד נאָך; געהסט אין אַזעלכע ערטער, וואו דו פיהלסט, אַז דאָרטען וואַרט אויף דיר דער טויט. און ניט געהן קאָנסטו ניט! ביזט ניט ביי זיך אין די הענט... עס שלעפּט, עס ציהט אַהין מיט אַייזערנע צוואַנגען.

איינמאָל אין אָווענט, קומענדיג אַהיים, האָב איך צו מיין גרויס פאַרוואונדערונג דערזעהן מיין גאָל־מעסער אויפ'ן טיש... איך האָב מיך דעם טאָג ניט ראַזירט, און ווען איך זאָל איהם האָבען געלאָזט ליגען אַזוי פון אויבען־אויף דעמאָלט, צוריק מיט דריי טעג, נאָכ'ן גאָלען, וואָלט איך עס זיכער געוועזען באַמערקט... איך וויל דערמיט ניט זאָגען, אַז דאָס גאָל־מעסער האָט מיר אונ־טערגערוקט אַ געהיימער גייסט, נאָר דאָס אַליין, וואָס איך האָב איהם געקאָנט האַלטען און ניט וויסענדיג, ניט פיהלענדיג איהם, אַרויפלעגען אויפ'ן טיש, דאָס האָט אויך פאַר מיר אַ גרויסע באַ־דייטונג... הייסט עס, אַז די צייט איז שוין געקומען... נאָר וואָס עפּעס גאָר זיך שניידען דעם האַלז? פוי, צום טייוועל! אַ מיאוס'ען טויט אויסגעקליבען פאַר מיר... צי איז ניט מעגליך מיט עפּעס אַנדערש?... צי בין איך שוין אויף אַזוי פיל ניט פריייוויליג, איך זאָל מיר אַליין ניט קאָנען צוקלייבען אַזאַ טויט ווי מיר געפעלט... פוי, איך שטעל זיך מיר פאָר מיט אַן איבער־געשניטענעם האַלז! ניין, אויף קיין פאַל! ניין, איך וויל מיט אַזאַ טויט ניט שטאַרבען!... ערלויב מיר אויסצוקלייבען אַזעל־כען, וואָס מיר געפעלט!... איך האָב אַריינגעוואָרפען דעם גאָל־מעסער אין טיש־קעסטעל.

אַ צווייטער אָווענט.

איך האָב אַ גאַנצען טאָג געקלערט וועגען גאָל־מעסער און

בין געווען ברוגז און שרעקליך אויפגערעגט אויפ'ן פרעמדען ווילען, פאר וואָס ער האָט ניט געפונען פאר מיר קיין פאסיגערען טויט, נאָר קומענדיג אהיים און טרעפענדיג דעם גאָל־מעסער אין טיש־קעסטעל, איז מיר דער כעס אָפּגעגאַנגען. ווי עס איז צו פאַר־שטעהן, וועט ער מיט מיר געהן אויף פשרות, וועט מיר לאָזען אויסקלייבען וועלכען טויט איך וועל וועלען. און פאר וואָס טאקע ניט? וואָס פאר א חילוק איז איהם, דורך דעם צי דורך יענעם?

א דריטער אָווענט.

אך האָב א טעות געהאט. איך האָב געמיינט, אז מיינע טעג זיינען געצעהלטע... זעהט אויס, אז „ער" האָט זיך געוואָלט מיט מיר א שפּיל טאָן, געוואָלט א קאַטאָוועסעל טרייבען, אָדער גלאַט געוואָלט זעהן, ווי איך וועל מיך פאַרהאַלטען צו דעם „עק־זאַמען". נאַרישקייטען, איך בין געווען גאַנץ רוהיג און בין דאָך צופרידען, וואָס עס איז אָפּגעלעגט געוואָרען אויף אַן אומבאַשטימ־טער צייט.

א צעהנטער אָווענט.

אך האָב היינט געהאט זעהר א שלעכטען טאָג. הערט א געשיכטע: איך האָב מיך צופעליג אין גאס געטראָפען מיט מיינעם א חבר, וועלכען איך האָב שוין עטליכע יאָהר ניט געזעהן. איך האָב מיך זעהר דערפרעהט מיט איהם און איהם געבעטען קומען, נאָר ווען איך האָב איהם געזאָגט דעם אדרעס מיינעם, האָט ער אויסגעגלאָצט אויף מיר א פּאָר אויגען, אז איך האָב מיך פשוט דערשראָקען פאר זיי און האָט פלוצלינג אויסגערופען:

— אהינצו? ווען דו גיסט מיר גאָלד!... זעה נאָר א צור־פאַל, דאַרפסטו גראָד וואוינען דאָרטען. דאָרטען האָט זיך צוריק מיט א יאָהר אכט איינער געהאַנגען... דאָס זעלבע צימער, וואו דו וואוינסט.

איך האָב מיך עפּעס ווי אין א רעטעניש אַנגעשלאָגען...

— וואָס הייסט? ווי אזוי, פאַרוואָס און פון וואַנען ווייסטו?

— פון וואַנען איך ווייס? — האָט ער מיט אַן אומעטיג שמייכעלע איבערגעפרעגט. — שטעל זיך פאָר, אַז דאָס איז פאָר־געקומען אין מיין געגענוואַרט... עס הייסט, איך בין געשלאָפען און יענער האָט זיך אָפּגעטאָן זיין שטיקעל אַרבייט אונטער מיין נאָז... איך קאָן דיר ניט איבערגעבען, וואָס איך האָב איבער־געלעבט, ווען איך האָב פּלוצלינג אין דער פריה דערזעהן מיין שכן (מיר האָבען ביידע געוואוינט אין איין צימער) הענגען אָהן אַ סימן פון לעבען... דאָס שרעקליכע בילד האָט מיך אַזוי איבער־ראַשט, אַז איך בין געבליבען ליגען אַ פּאַראַליזירטער; האָב ניט געקאָנט ניט שרייען, ניט רעדען; האָב נאָר געקוקט אויף איהם און געטראַכט: ווייסמאַן! דאָס איז דאָך ווייסמאַן! שטעל זיך פאָר, אַז איך האָב דעם מענשען אפילו נאָך ניט גוט געקענט, ווייל דאָס האָט געטראָפען אַ פּאָר טעג איינגאַנצען נאָכדעם, וואָס איך האָב מיך אַהין אַריינגעצויגען... ער האָט שוין דאָרט געהאַט געוואוינט... איך האָב נאָר געוואוסט די פאַמיליע זיינע: ווייס־מאַן! און אין דער צייט, וואָס איך האָב געטראַכט, אַז דאָס איז ווייסמאַן, וואָלט איך זיך לייכט געקאָנט איינרעדען, אַז דאָס איז ניט ער, נאָר אַן אַנדערער, ווייל דאָס געזיכט האָט זיך אַזוי מאָדנע פאַרענדערט... דו פאַרשטעהסט, אַ צופאַל: קענסט אַ מענשען צוויי טעג איינגאַנצען, ווייסט ניט ווער ער איז, וואָס ער איז, פון וואַנען ער איז און פּלוצלינג דערזעהסטו איהם אַ געהאַנגענעם... אָט ווייס איך! — האָט מיין חבר אויסגערופען, אויפהויבענדיג די אַקסלען, — ווען דו גילדסט מיך אָפּ, וואָלט איך אַהין ניט געגאַנגען.

עפענענדיג די טיר צו מיר אין צימער, האָב איך דאָס ערשטע אַ קוק געוואָרפען אויפ'ן סופיט און האָב ווירקליך דערזעהן אַן אייזערנעם האַטשיק און ס'האָט מיך עפּעס אַ שווידער געטאָן... מאָדנע, וואָס איך האָב איהם די גאַנצע צייט ניט באַמערקט, האָב איך גאָר ניט געוואוסט צי ביי מיר אין סופיט איז דאָ אַ האַטשיק צי ס'ניטאָ... איך האָב מיך זעהר ניט היימליך דערפיהלט אין דעם צימער, אונטער דעם טשוואָק, וואו עס איז אַמאָל אַ מענש גע־

האנגען... שפּעטער מיט אַ פּאָר מינוט האָב איך מיך לענגער אָפּגעשטעלט אויף דעם זעלטענעם צופאַל, וואס גראָד אין דעם צימער, וואו איך וואוין, האָט זיך איינער געהאנגען און פאַר־קערט — וואָס גראָד אין דעם צימער, וואו עס איז פארגעקומען אזא שרעקליכער פאַרפאַל, דארף איך גראָד וואוינען. אויף לעצט באַוואונדער איך אויך דאָס, וואס דער חבר מיינער איז צופעליג געקומען פון אַ פרעמדער שטאָדט און איך האָב זיך צופעליג מיט איהם דעם ערשטען טאָג, פון זיין קומען, באַגעגענט און ער האָט עס מיר דערצעהלט... אין דעם אלעמען זעה איך אַ וואונק, אַן אָנווייזונג אַז איך דארף שטאַרבען מיט דעם טויט... נאָר ניין! איך וועל מיר אויך דאָס מאָל ערלויבען אָפּצוזאָגען פון דעם וואונק, איך דארף נישט דיינע אָנווייזונגען... הענגען זיך געפעלט מיר אויך ניט, איך וועל מיר אויסקלייבען אזא טויט ווי מיר געפעלט און לאָז ער מיר ניט פארדרעהען קיין מח...

אין אַ חודש ארום:

איך בין געשטאַנען אויפ'ן באַלקאָן און זיך געוואָרעמט אויף דער זון. גאַנץ פריה איז עס געווען. אין הויף איז געווען שטיל. די פענסטער פאַרמאַכט, פאַרהאַנגען מיט שטאָרען. מען איז נאָך גע־שלאָפען. דער איינציגער מענש, וואָס איז געווען וואָך אַ חוץ מיר — דער וועכטער — האָט געקעהרט דעם הויף און ארום איהם האָט ארומגעטאַנצט דאָס שוואַרצע הינטעל זיינס און געשמעקט יעדעם פריש צונויפגעקעהרט ביסעל מיסט וואָס איז צונויפגעקעהרט גע־וואָרען אין איין הורבע. עס האָט געבלאָזען אַ וואַרעם פריש ווינטע־לע, איינע פון יענע פרישע ווינטעלאַך, וועלכע מ'קען נאָר פיהלען גאַנץ פריה, ריין פון פאַרשידענע ריחות, וואָס טראָגען זיך פון די קיך־פענסטער און עס דערמאָנט דיר, אַז ערגעץ ווייט הינטער די גרויסע שטיינערנע הייזער, זיינען פאַרהאַן גרויסע, ברייטע, גרינע פעלדער און פאַרהאַן איז דאָרט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז דאָ נישטאָ... פאַראַן איז דאָרט עפּעס אייביגעס שטילעס, געמיטליכעס, צערטליכעס; אַזעלכעס, וואָס יויל, פאַרלאַנגט פון דיר גאָרנישט, נאָר גיט דיר עפּעס אַזוי פיל, און דאָס ווינטעלע, וואָס האָט אין

דעם פריהמאָרגען געבלאָזען איז געווען אַ גרוס פון דאָרטען. עס האָט זיך פארבענקט, וועהטאָגדיג פאַרבענקט, נאָך עפּעס אונ־דייטליכעס און נעבעלדיגעס. און שטעהענדיג אַזוי פאַרטיפט, האָט זיך פּלוצלינג אויבען אויפ'ן פינפטען שטאָק אַ קיך־פענסטער צו־פּראַלט. עס האָט זיך באַוויזען אַ צושויבערטע דינסט מיט אַ פאַר־שלאָפען בייז פּנים, אין איין העמד און מיט אַ קאַץ, וועלכע זי האָט געהאַלטען אויבען ביי'ם פעלכעל אין איין האַנד; און באַלד ווי זי האָט דאָס פענסטער געעפענט, האָט זי דאָס אומגליקליכע נפש, וועלכעס האָט געפלאַטערט מיט די פיסלאַך אין דער לופטען, געגע־בען אַ שמיץ אַראָפּ און אין איין אויגענבליק, מאַכענדיג אַ פּאָר קאָזשעלקעס אין דער לופטען איז זי שוין געלעגען אונטען אויף די שפּציגע שטיינער, האָט איין ריהר געטאָן מיט אַ פיסעל און געבלי־בען ליגען אונבאַוועגליך. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך ווי אַ העל־רויט סטייננעלע אַ לאָז געטאָן פון אונטער'ן קעפּעל אַפיר אַ קליין בלוטיג שטראָמעל. עס איז באַלד אויסגעוואַקסען דאָס הינטעל און באַשמעקט דאָס בלוט, נאָכדעם איז צוגעגאַנגען דער וועכטער מיט'ן בעזים אין האַנד, געקוקט אויף דער קאַץ, געקוקט אַרויף און געזי־דעלט מיט ערגסטע ווערטער.

איך האָב עטליכע מינוט געקוקט אַראָפּ אויף דעם הרוג און מיר איז גאָרניט איינגעפאַלען, אַז דער שרעקליכער טויט פון דעם אומגליקליכען אומבאַשיצט באַשעפעניש זאָל האָבען עפּעס אַ צוזאַ־מענהאַנג מיט מיר, נאָר פּלוצים איז עס מיר איינגעפאַלען און האָב מיך עפּעס ווי פון טיפען שלאָף ערוואַכט... אַך, צום טייוועל!... „ער” האָט, ווייזט אויס, אַ גאַנץ רייכע קאָלעקציע... ניט דאָס איז יענס... גוט וואָס ער האָט אויסגעקליבען אַ קאַץ, ניט קיין מענשען צו באַווייזען מיר, אַז דאָ קען מען אויך געפינען דעם טויט... איך הויב „איהם” אָן צו פאַרשטעהן... ווער ווייס, אויב מיין באַקאַנ־טער, וואָס האָט זיך גע־סמ'ט „אוים ליבע” איז דאָ געווען נישט מעהר... ניין, דאָס איז שוין אַריבער דער מאָס. נאָך וואָס אַזעלכע מיטלען, נאָך וואָס זייטיגע קרבנות, צי איז אַנדערש ניט מעגליך?... גיין, דער טויט געפעלט מיר אויך נישט... און אפשר?... זי האָט

זיך גאָר נישט געמאַטערט... עס געפעלט מיר אַפילו בעסער ווי די ערשטע צוויי... נו, איך וועל נאָך טראַכטען וועגען דעם...

אין אַ צייט אַרום:

הערט אַ געשיכטע: איך האָב געפונען אין הויף אַ שטריקעל, פשוט אין מיטען הויף געפונען. צי איז מעגליך, אַז קיינער זאָל עס ניט האָבען באַמערקט? אַ מאָדנע זאַך! אַ שטריקעל — וועמען קומט עס דען נישט צונוץ. האָט עס קיינער נישט געוואָלט אויפהויבען און איך דאַרף עס דוקא נישט און האָב עס יאָ אויפגעהויבען... איך האָב עס נישט געוואָלט אויפהויבען, נאָר נישט געקענט... איך האָב אַפילו לאַנג געטראַכט: זאָל איך עס יאָ אויפהויבען, צי ניט. יאָ — אין דער צייט, ווען איך האָב מיר געשלאָגען מיט דער דעה אויף יאָ און ניין האָב איך מיר איינגעבויגען און — איך שטעה שוין מיט'ן שטריקעל אין די הענט... אַוועקוואַרפען דאָס האָט זיך מיר נישט געגלוסט. נאָך וואָס? איך וועל עס אימיצען אַוועקגעבען... אָדער אפשר האָט טאַקע אימיצער פאַרלוירען און מ'ווייסט ניט וואו צו זוכען... איך בין געגאַנגען פון טיר צו טיר, אַנגעקלאַפט און געפרעגט: האָט איהר נישט פאַרלוירען קיין שטריקעל... אַלע האָבען געדרעהט מיט די קעפּ און מיך מאָדנע באַטראַכט... קיינער האָט נישט פאַרלאָרען. ווי אויסטערליש! און איך האָב געפונען... איך האָב עס געוואָלט אַוועקגעבען, גלאַט אַזוי אַוועקגעבען, פּטור ווערען דערפון, האָט עס קיינער ביי מיר נישט געוואָלט נעמען. מאָדנע, ווי זאָגט מען זיך עס אָפּ פון אַ שטריקעל... מיר דוכט, אַז אַ שטריקעל איז עפּעס אַזאַ נויטיגע זאַך און אַלע זאָגען זיך אָפּ דערפון. נאָר איבערלאָזען עס פאַר זיך איז מיר עפּעס זעהר נישט אַנגענעהם געווען און אַוועקוואַרפען אויף קיין פאַל נישט געקענט, געוואָלט און ניט געקענט...

איך האָב אַריינגעטראָגען צו מיר אין צימער און אַרונטערגעשליידערט אונטער'ן בעט... איך פאַרשטעה די קונץ, נאָר אַ געשעפט, איך וויל „איהם" באַווייזען אַז איך האָב קיין מורא נישט, אַז ס'וועט ליגען אַ שטריקעל און איך וועל מיך דוקא נישט הענגען... עקשנות האָב איך פיינד... איך וועל מיר שוין דוקא נישט

הענגען, כאָטש דאָ איז פֿאַראַן אַ טשוואָק, כאָטש דאָ האָט זיך איינער געהאַנגען, כאָטש „דו״ האָסט מיר צוגעשיקט אַ שטריקעל אין די הענט אַריין. כ׳וועל „דיר״ באַווייזען, אַז דאָס שטריקעל וועט דאָרט ליגען און פֿוילען, דער טשוואָק וועט זשאַווערען און הענגען וועל איך מיך נישט... וואָס איך וועל מיך יאָ אויפֿהענגען? זאָג איך אַז נישט... ווייסטו וואָס?... ווילסטו זעהן, אַז מיין ווילען איז אויך אַ ווילען וועל איך עס דיר באַווייזען און כדי צו באַווייזען עס דיר, וועל איך נעמען דאָס שטריקעל... אָט אַזוי... וועל איך צו־רוקען דעם טיש... אָט אַזוי... וועל איך אויפֿ׳ן טיש אַרויפֿשטעלען אַ בענקעל... אָט אַזוי... און וועל אָנבינדען... אָט אַזוי... און נאָך וואָס? איך וועל אַריינשטעקען דעם קאָפּ... אָט!... — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

# ביי דער נאַכט אַרבייט.

וויפיל מאָל האָט זיך שוין ביילקע פאַרשוואוירען, זי זאָל ביינאַכט ניט אַרבייטען, — די ביינאַכטיגע ארבייט ציהט פון איהר דאָס חיות אַרויס, — מאַכען זיך אָבער אַזעלכע צופאַלען, וואָס זי מוז אַרבייטען: אַזוי ווי אויף אַ צו־להכעים שיקט איהר גאָט צו עטליכע קונדען מיט אַמאָל, און אַלע ווילען וואָס גיכער; דער רוח זאָל זיי נעהמען! וואָלט איינע צי צוויי געקומען דער־מאָלט, ווען זי זיצט אָהן אַ שטאָך אַרבייט, — נייז, יאָגט עס זיי אַלע מיט אַמאָל אָן.

פאַר ביינאַכטיגער ארבייט האָט ב י י ל ק ע זעהר מורא.. מאָדנע געדאַנקען קריכען איין מוח אריין...

אַז זי האָט געארבייט ביי דער מאָדיסטקע, איז איהר שוין געווען פיל בעסער. דאָרטען, אַז זי איז געבליבען זיצען שפּעט אַרבייטען, איז כאָטש ניט אַליין, — איז געווען פרעהליך. און וויפיל־זשע קללות האָט זי יענער אריינגעלעגט, האָט זיך כאָטש דאָס הארץ געקיהלט. און היינט האָט זי אַפילו דאָס פאַרגעני־גען אויך ניט. ווצמען וועט זי שעלטען, ווצמען? סיידען דאָס פינסטערע מזל איהרס!...

פּע, אַ מיאוס לעבען!

ביילקע איז ביי דער מאַשין געזעסען, וואָס איז האַרט ביים פענסטער געשטאַנען, און גענייט. און פון צייט צו צייט אַ קוק געוואָרפען אין הויף אריין, וואו עס איז געווען פינסטער און שטיל, נאָר אויבען, אויפ׳ן דריטען גאָרן, האָט זיך אַ פענסטער געלייכט פון אַ בלויען נאַכט־לאָמפּ. דאָרטען וואוינט אַ פּאָר פאָלק... ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט... „זי נאָך גאָר אַ יונ־גע... קען זיך מיט איהר ניט. נאָר פון ווייטענס זעהענדיג זי,

דערקענט מען, אַז זי איז נאָך גאָר אַ יונגע". ביילקע וויל זיך אפילו אַליין איינרעדען, אַז זי האָט אַ טעות, אַז יענע איז ניט אַזוי יונג ,ווי איהר דאַכט זיך, און וואונדערליך: עפּעס פאַרדריסט איהר... ערגעץ טיף ביי איהר אין הארצען דרעהען זיך אייפערדיגע שאָטענס אַרום...

זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ מיט די אויגען, צוארבייט זיך און צוטראַכט זיך וועגען זיך און וועגען איהר גורל. אָט האָט זי אַ פּאָר הונדערט רובעל נדן, וואָס וואָלט צוריק מיט אַ פּאָר יאָהר ווען איז נאָך געווען איינגער און פרישער, גענוג געווען, און גראַד האָט זיך איהר ביז אהער קיין חתן ניט געמאַכט, און מעגליך, אַז זי אַליין איז אַביסעל שולדיג אין דעם. זי האָט דורכ־אויס געוואָלט חתונה האָבען דורך ליבע, און יענער, דער געליב־טער, זאָל, געוועהנליך, ניט אָנהויבען צו וויסען, אַז זי האָט געלט, — אַנדערש וואָלט זי געקענט איבערקלעהרען, אויב יענער וואָלט זיך איהר אין ליבע דערקלערט, אַז דאָס איז איבער איהר קאַפּיטאַל; און טאַקע ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט קיינער פון איהרע באַקאַנטע ניט געוואוסט, אַז זי האָט אַ פּאָר הונדערט רובל. איצט ווייסט מען שוין. ביילקע אַליין לאָזט עס צוביסלאַך וויסען... נאָר איצט אויך אונטער אַ מאַסקע: זי רופט עס ניט אָן „נדן", נאָר „עטליכע רובל". נאָר דערווייל האָט זיך נאָך קיינער פון די באַקאַנטע יונגע לייט ניט אָפּגערופען.

ביילקע האַלט פון זיך ניט זעהר. זי ווייסט אָבער, אַז דער וואָס וועט פאַר איהר חתונה האָבען וועט זיין אַ גליקליכער מענש... דאָס האָט זי זיך אויך ערשט מיט אַ צייט צוריק דער־וואוסט... אין די איינגערע יאָהרען האָט זי זיך, פאַרקעהרט, גע־רימט, אַז זי וועט דעם מאַן איהרען געבען דעם קאָפּ אין די הענט. איצט ווייסט זי, אַז ער וואָלט געווען גליקליך פאַר איהר, און ווי וואָלט נאָך געווען, ווען אימיצער זאָל זיך פאַרליבען אין איהר! ... דאָס חיות געהט איהר אויס, אַזוי שטאַרק וויל זי, מען זאָל זיך אין איהר פאַרליבען... די נשמה וואָלט זי אוועקגעגעבען פאַר דעם איינעם, מען זאָל זאָגען, אַז אין ביילקען האָט זיך פאַרליבט אַ

יונגערמאַן... מיט'ן געלט וואָלט זי איהם געמאַכט אַזא סיורפּריז: זואָלט איהם געבראַכט די דריי הונדערטער און וואָלט געזאָגט: „נאַ, מיין טייערער! אַט האָסטו דיר אַ מתנה!"... און די מאַשין? די מאַשין איז דאָך אויך איהרע. ערשט ניט לאַנג אויסגעצאָהלט. ס'הייסט, ס'קומט נאָך אויף איהר עטליכע רובל, נאָר זי הערט איהם, דעם אַגענט, אַ שעהן ביסעל. ער סטראַשעט זי אַפילו, אַז ער וועט ביי איהר צונעמען די מאַשין, נאַריש־קייטען! פאַר אַכטצעהן רובל נעמט מען קיין מאַשין ניט צו... דערווייל לויפט ער איהר נאָך שוין צוויי חדשים, לאָז ער לויפען. זי האָט אַפילו רחמנות אויף איהם: אַ וואוילער יונגערמאַנטשיק... אַ שאָד, וואָס ער ווייסט ניט, אַז זי האָט געלט אין באַנק... נאָר ווי טאָר ער עס וויסען? זי זאָגט איהם דאָך, אַז זי האָט ניט צו צאָהלען, און די גאַנצע צייט האָט זי דען ראַיעל געצאָהלט? אַ שאָד, ס'טוט איהר שוין באַנג... אודאי האָט ער זיך געמוזט בייזערען אויף איהר, און זי, געוויינליך, אַז ער האָט זיך גע־בייזערט, האָט זי אויף איהם געשריען... נו, וואָס דען? ... אַ שאָד! ... זי ווייסט... ס'קאָן זיין! וואָס קאָן מען וויסען! ? ... אַ וואוילער יונגערמאַנטשיק איז ער, זי, ווידער,ביילקע, איז דאָך ניט קיין נאַריש מיידעל, אויך ניט קיין מיאוס'ע... וואָס, אַ מיאוס'ע איז זי? ... און האָט געלט אויך. נו, און וואָס־זשע וואָלט געווען די מניעה?... איצט איז שוין פאַרפאַלען. אודאי פאַרפאַ־לען, אַ פאַרדראָס: אַ יונגערמאַן מיט אַ מיידעל, וועלכע וואָלטען זיך געוויס געקענט פאַרליבען איינס אין דאָס אַנדערע, און וואָל־טען חתונה געהאַט און געלעבט גליקליך...

שאַ, ס'האָט געטראַפען מיט אַ נייטאָרין! האָט אויך גע־נומען אַ מאַשין אויף אויסצוצאָהלען, ס'האָט אָנגעהויבען אריינ־צוגעהן דער אַגענט, נו־נו, און אין עטליכע חדשים ארום האָט ער זיך איהר אין ליבע דערקלערט...

ביילקע שטעלט אוועק דעם עלענבויגען אויף דער מאַשין, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף דער האַנט און פאַרטראַכט זיך, און וואונדערליך: אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געקנוילט אין איהרע

גערדאנקען, איז אין גאַנצען פארשוואונדען געווארען, און געבליבען איז עפּעס א מין שווערע פוסטקייט... ארום הארצען האָט אָנגעווייבעהן צו נאָגען א שטילע אומדייטליכע בענקשאַפט, פון יענע בענקשאַפטען, וועלכע באקומען א באזונדער מאכט, ווען א עלענד האַרץ בלייבט אליין זיצען אין דער שטילקייט... זי האָט ווידער א קוק אין יענעם פענסטער געוואָרפען, און האָט נאָך שטאַרקער די איינזאַמקייט דערשפּירט...

זי הויבט אויף די הענט אין דער הויך, שטעלט ארויס די ברוסט און ציהט זיך... עס קנאַקט ערגעץ א ביין, נאָר זי ווייסט אליין נישט, וואו, און וואס פאַר א טייל קערפּער. אך, דער רוח זאָל עס נעמען, מ'ווערט א תל פון ביינאַכטיגער ארבייט. עס ברעכט די פּלייצע. דער שלאָף שניידט אין די אויגען. אין מויל איז ביטערליך. אוים מענש ווערט מען... זי מוז איצט האָבען די רעכטע צורה! ... זי נעמט דאָס שפּיגעלע פון פענסטער... יאָ, זי האָט קיין טעות ניט געהאט: א טראָפּען בלוט זאָל עס זיין אין די באַקען! ... זי נעצט איין די אונטערשטע ליפּ, גיט קיילעכדיג א רייב דאָס פּנים, ווערט עס אביסעל פרישער. נאָר אויף דעם אָרט, וואָס זי וואָלט באדארפט זיין צופרידען, ווערט זי גאָר פּלוצלינג אויפגערעגט. נו, א שטייגער, איז זי דען ניט שעהנער פון יענעם ווייבעלע, וואָס וואוינט דאָרטען אויבען? פאַרוואָס קומט יענער אַזאַ גליק, און זי זאָל דארפען זיצען ביינאַכט און ארבייטען? ... און ביילקע שעמט זיך עפּעס פאר זיך אליין, און ס'וואָלט איהר געווים אָנגעהויבען פלאַמען דאָס פּנים, ווען יענע כאַפּט דאָרטען אין פענסטער אַ קוק און זעהט זי זיצען ביי דער ארבייט... אזא גרויסע מויד זיצט אזוי שפּעט ביי דער ארבייט, ניין, דאָס איז גאָר ניט פאר איהרע יאָהרען... שלאָפען וואָלט זי שוין לאנג באדארפט... אין צוויי פעסטע אָרעמס וואָלט זי באדארפט ליגען! ... זי שעמט זיך פאר דער נאַכט... פאר די פיר ווענט שעמט זי זיך... זי פיהלט, אז „זי", דאָס גאַנצע ווזען איהר'ס איז פאר עפּעס אנדערש צוגעגרייט, און אויף קיין פאל ניט צוליב דעם, זי זאָל איצט זיצען ביי דער מאשין... צי דארף

זי דערויף א מיידעל זיין ?... צי דאַרף דען די מאַשין האָבען די ברוסט איהרע, מיט וועלכער זי שפּאַרט זיך אָן איהר אָן ? יאָ, זי פיהלט, אז זי באַגעהט עפּעס א מין פאַרברעך, און געגען דעם פאַרברעך פּראָטעסטירט דאָס גאַנצע וועזען איהר׳ס... אלע אברים צוזאַמענגענומען לעכצען נאָך עפּעס אומדייטליכעס, און ביילקע, ניט געקוקט אויף די פּראָטעסטען, אַרבייט דאָך ווייטער... זי מוז אַרבייטען, ווייל די אַרבייט איז דער איינציגער וועג, מיט וועלכען זי וועט קענען צוקומען צו איהר ציל.

שטיל איז אין צימער, און עס דאַכט זיך, אז אלץ הערט זיך צו צו ביילקעס געדאַנקען... אלץ, אפילו די מאַמע מיט די צוויי שוועסטער, וועלכע שלאָפען אין די צוויי הילצערנע בעטען... די דריי שלאָפענדיגע זיינען איצט אזוי ווייט פון איהר, ווייט און פרעמד, ווי די פיר ווענט, ווי דאָס טישעל מיט די פיר בענקלאך... צי ווייסען זיי דען עפּעס מעהר פון די ווענט און פון דעם ביסעל מעבעל אין שטוב, צי טראַכטען זיי דען, אין וואָס פאַר אַנגסטען ביילקע זיצט איצט ביי דער אַרבייט ?... היימי־שער פיהלט זי זיך שוין ביי דער מאַשין. ביידע האָבען זיך איצט צוזאַמענגעגאָסען, אין איין באַוועגליך רוישענדיגע שטיק... מאַשין מיט מענש, מענש מיט מאַשין האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען, און ביידע האָבען א בשותפות׳דיגע אַרבייט געטאָן...

— ביילקע ! — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט דער מוטער׳ס קול : — נאָך ניט צייט צו שלאָפען ? . .

ביילקע האָט זיך עפּעס פאַרשעמט, אליין ניט וויסענדיג, פאַרוואָס, און האָט דער מוטער ניט געענטפערט.

— ביילע !

— וואָסי ?

— נאָך ניט צייט צו שלאָפען ?

— שלאָפסטו דאָך, אז ס׳איז צייט ! — האָט ביילקע האָנאָ־ריסטיש געענטפערט.

— דו מיינסט, אז דו ביסט נאַר א מענש ! — האָט די מוטער ברוגז׳ליך געזאָגט : — פאַרגעסט גאַר, אז מ׳שלאָפט, און

טאַראַבאַנעסט אַזוי מיט דער מאַשין, אַז ס'איז אוממעגליך איינ־צוליגען. מיר האַכט, אַז ס'וואָלט גלייכער געווען אויפצושטעהן גאַנץ פריה, ווען אַלע שטעהען אויף, און נישט זיצען גאַנצע נעכט, אַליין ניט שלאָפען און יענעם ניט לאָזען.

די ווערטער: „דו מיינסט, אַז דו ביסט נאָר אַ מענש", האָבען ביילקען ווי אַ חוזק געקלונגען אין די אויערען... מ'קען שוין מיינען, אַז מ'איז אַ מענש, אַז מ'זיצט אַ גאַנצע נאַכט ביי דער אַרבייט... מ'פיהלט זיך עפּעס אַזוי שלעכט, אַזוי נידערגעפאַלען, אַז עס האַכט זיך, אַז אַלע, די, וואָס שלאָפען, זיינען גרעסער פון דיר, זאָגט גאַר די מאַמע, אַז זי, ביילקע, מיינט, אַז נאָר זי איז אַ מענש, — און דאָס, וואָס די מאַמע זאָגט, אַז ס'וואָלט גלייכער געווען גאַנץ פריה אויפצושטעהן און ניט זיצען גאַנצע נעכט, אָ, דאָס ווייסט זי שוין בעסער פון איהר... ווען די מאַמע זאָל אַ שטייגער וויסען, וואָס זי לעבט איבער אין די אַרבייט־נעכט...

ביילקע האָט אַ לעצטען אומצופרידענעם קוק אויף דער אַרבייט געוואָרפען, וועלכע איז אויף דער מאַשין אונטער דער נאָדעל געלעגען, און נאָך אַ פּאָר מינוט טראַכטען, האָט זי באַ־שלאָסען צו לייגען זיך שלאָפען. נאָר וואונדערליך: ווי זי האָט זיך נאָר אַריינגעלייגט צו דער מאַמען אין בעט אַריין, איז דער שלאָף ווי מיט אַ כישוף אָפּגעטראָטען פון איהר... זי האָט דוקא גאַרניט געטראַכט... נאָר אַ מאָדנע זאַך: די מאַשין האָט זיך עפּעס ווי אַ גולם אוועקגעשטעלט אין קאָפּ... און האָט זי די אויגען געעפענט, האָט זי דאָס פענסטער דערזעהן, דאָס בלויע נאַכט־פענסטער אויבען, אויפ'ן דריטען גאָרען.

# טויט און לעבען.

ס'איז שוין אלעם געווען פארטיג צו דער קבורה, נאָר מ'האָט געוואַרט אויפ'ן איין־און־איינציגען זוהן פון דעם פארשטאָרבע־נעם, וואָס האָט באַדאַרפט קומען פון אַ ווייטער פרעמדער שטאָדט.

אין שטוב איז געווען ליכטיג און אומרוהיג־שטיל. ווייב און קינדער זיינען שוין מיד געוואָרען פון וויינען און געזעסען ארום מת און אָפּגערוהט נעבען איהם. ס'איז שוין געווען אַ פּאָר שעה נאָך זיין טויט; מ'האָט זיך שוין צום טויט צו „זיינעם" אזוי ווי צוגעוואוינט און ס'האָט שוין מעהר געאַרט דאָס וואָס ער ליגט, ווי דאָס, וואָס ער איז טויט... יאָ, זיי איז פאַרגעשטאַנען נאָך אַן ערגערער מאָמענט — דער מאָמענט פון ארויסטראָגען איהם, און צוליב דעם מאָמענט האָט מען געדאַרפט אָנקלייבען פרישע כחות צו באַוויינען דאָס וויינען, דאָס שרייען און דאָס גוואַלדעווען, און ס'איז שוין ביי זיי אזוי אויסגעקומען, אז דאָס שווייגען יעצט ארום איהם איז אויך צוליב איהם, כדי מ'זאָל קענען אין לעצטען מאָמענט איהם ארויסבאַגלייטען מיט שטאַרקערע יללות. יאָ, איז אָבער דער מאָמענט געווען פארבונדען מיט אַ לעבעדיגען, געזונ־טען יונגען מענשען, וואָס מ'האָט ערוואַרטעט פון שעה צו שעה און זיי האָבען שוין מעהר וועגען לעבעדיגען געטראַכט ווי וועגען טויטען... יעדער באַזונדער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם מאָמענט, ווען יענער וועט אַריינקומען און וועט פּלוצלינג דערזעהן דעם טוי־טען טאַטען, און אַ דאַנק אָט דאָס פאָרשטעלען זיך האָט זיך פון צייט צו צייט איינער — אַ צווייטער פון דאָס ניי צוואוויינט אונטערען איינדרוק פון דעם, וואָס יענער וועט איבערלעבען ווען ער וועט פּלוצלונג דערזעהן דעם פאָטער ליגען אויף דער ערד.

ביים טיש זיינען היימיש, ווי ביי זיך אין דער היים, געזע־

סען דריי אידען ביי אָפּענע משניות'ן. איינער האָט שוין דאָס פּאַטשיילקע אויפ'ן משניות אַרויפגעלייגט און די ברילען אויפ'ן שטערען אַרויפגערוקט און ס'איז קענטיג אָן איהם, אז ער פיהלט זיך זעהר גוט און אַ גוטסקייט אַזאַ, וואָס געשטאָרבען איז יענער און ניט ער און וואָס ער, דער לעבעדיגער, צאָהלט זיין לעבעדיגען חוב דעם טויטען. דערפאַר טאַקע, ווייל יענער איז געשטאָרבען און דער איז געבליבען לעבען און, אָפּלערנענדיג אַ פּאָר פּרקים משניות, האָט ער שוין דעם חוב זיינעם אָפּגעצאָהלט און פיהלט זיך גוט. די איבעריגע צוויי האָבען, ווי דער ערשטער, טיף אין זייער וועזען דאָס זעלבע געפיהלט און איינער מיט'ן צווייטען האָבען זיך גאַנץ געמיטליך איבערגעשמועסט מיט אַזאַ געלאַסענקייט און רוהיגקייט און מידער טעמפּקייט, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך ערגעץ שפּעט פאַרזעסען אויף אַ פרעמדער חתונה.

— ווען קומט אָן די באַהן? — האָט איינער ביים צווייטען געפרעגט.

— די באַהן קומט אָן צוויי מיט פינף און צוואַנציג מינוט — האָט דער צווייטער געענטפערט און דערביי אַ קוק געוואָרפען אויפ'ן פאַרשטאָרבענעם'ס ווייב און קינדער, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַר זיי באַווייזען, אז אפילו ניט לערנענדיג האָט ער נאָך אַלץ אין זינען דעם מת, אַז דאָס פּראָסטע רעדען וואָס ער רעדט, האָט אויך צו טאָן מיט'ן טויטען. דער איד מיט די ברילען אויפ'ן שטערן, דער וואָס האָט זיך געפיהלט זעהר גוט, וואָס ער האָט אָפּגעלערענט אַ פּאָר פּרקים משניות און אויפ'ן אָרט זיך ניט געקענט אַריינטיפען ווער ס'וועט האָבען מעהר שכר דערפון, ער אַליין, דער לערנער, צי „יענער“, פאַר וועמען ער האָט געלערענט, — האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם שמועס און האָט אַזוי געזאָגט:

— ער קען נאָך פאַרשפּעטיגען אויך...

— ווער?...

— וואָס הייסט ווער? דער באַהן אַליין בכבודו ובעצמו.

— בע! וואָס איז שייך דער באַהן? דער באַהן, מאָהלט אייך, וועט ניט פאַרשפּעטיגען — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— און אז אַ באַהן פאַרשפּעטיגט איז אויף וויפיל פאַרשפּעטיגט ער — אויף צעהן, פופצעהן מינוט, אויף אַ האַלבע שעה... דער עיקר ער אַליין זאָל ניט פאַרשפּעטיגען.

— וואָס הייסט, ער וועט פאַרשפּעטיגען? אז מ'האָט נאָך נעכטען דעפּעשירט ער זאָל קומען, האָט ער נעכטען ביינאַכט באַקומען די דעפּעשע, האָט ער גאַנץ פריה היינט געקענט אַרויספאָהרען...

— איהר מעגט שוין זאָגען נעכטען ניט היינט...

— וואָס נעכטען?...

— דערפאַר וואָס ס'איז שוין באַלד טאָג...

— אַ חילוק נו, נעכטען צי היינט...

— אַ חילוק איז דאָס שוין גאָר אַ גרויסער... ווייל ווען ס'וואָלט געווען היינט, ווען היינט וואָלט געווען היינט, און ניט נעכטען, וואָלט נאָך פּסח־בער געלעבט איצט...

— יאָ, נו, נעכטען אין דער צייט האָט ער נאָך אודאי ניט געקלעהרט צו שטאַרבען.

— עט, כ'וויים וואָס איהר רעדט... ער האָט עס באַלד געזאָגט, אַזוי ווי ער האָט זיך נאָר אַריינגעלעגט אין בעט, און איך בין צו איהם געקומען אויפ'ן דריטען טאָג איהם מבקר חולה זיין, האָט ער געזאָגט צו מיר כהאי לישנא: משה לייב, מ'רופט!...

— עס שטעהט געשריבען, אז נאָך פריהער מיט אַ חודש, איידער אַ מענש שטאַרבט, טאַנצט איהם שוין דער מלאך המות הינטער די פּלייצעס.

— דערפאַר אז מ'געהט ביינאַכט אַליין אין גאַס און ס'דאַכט זיך, אז אימיצער רופט, טאָר מען זיך ניט אומקוקען, ווייל מ'קען דערזעהן דעם בעל דבר הינטער זיך...

— איז דאָך במילא?...

— זאָג עס ניט, ס'שטעהט געשריבען עד יום מותו תחכה לו... אַ טאָג פאַר'ן שטאַרבען קען מען תשובה טאָן און דער גזר קען אַראָפּגענומען ווערען, אָבער אז מ'קוקט זיך אום און מ'דער־

זעהט „איהם“ שוין, קען מען שוין, רחמנא לצלן, פון שרעק אליין שטארבען.

איינער פון די צוויי האָט זיך גאַנץ געמיטליך אַרויסגענומען אַ בלעכענע פּושקעלע פון קעשענע און דאָס אַ טרייסעל געטאָן, געעפענט און זיך גענומען וויקלען אַ פּאַפּיראָסעלע און דאָס פּאַר־רויכערט פונ׳ם לאָמפּ, וואָס האָט געברענט אויפ׳ן טיש. אַ צווייטער האָט אָנגעשטאָפּט די נאָז לעבער מיט טאַבאַק און פון גוטען גענוס צועפענט דאָס מויל, און די אויגען האָבען זיך איהם באַגאָסען מיט אַ פייכטקייט.

— ווי אַזוי האָט איהר דערפעשירט? — האָט איינער פון די אידען אַ פרעג געטאָן ביי דער ווייב פון פארשטאָרבענעם.

— איך האָב טעלעגראַפירט: פּריעזשאַי, פּאַפּאַ פּרי סמערטי!

— אַז ער האַלט ביים שטאַרבען, הייסט עס?

— אפשר איז ניט אָנגעקומען די טעלעגראַמע? — האָט זיך אָפּגערופען אַ פופצעהן יעהריגע מיידעל אַ טאָכטער פון פאַר־שטאָרבענעם, וואָס איז געזעסען מיט צוויי פאַרשוואָלענע אויגען ,וועלכע האָבען זיך שטאַרק געקלעפּט און נעבאַך געוואָלט כאַפּען אַ דרעמיל.

אַ טעלעגראַמע קומט אָבער אַלע מאָל אָן — האָט איהר גע־ענטפערט די עלטערע שוועסטער, אָבער נאָך אויך אַ יונגע, וועמען ס׳האָט נעבאַך אויך געצויגען און ס׳איז קענטיג געווען, אַז זי איז צופרידען צו רעדען עפּעס וועגען אַ זייטיגער לעבעדיגער זאַך, וואָס זאָל דאָך צו דערזעלבער צייט האָבען צו טאָן מיט׳ן פאַרשטאָרבענעם.

— וועה צו דער מאַמע צו זיינער — האָט די ווייב פון פאַרשטאָרבענעם געזאָגט — אפשר האָט ער זיך איבערגעשראָ־קען! נאָך וואָס האָט מען בעדאַרפט דעפּעשירען „פּרי סמערטי“...

— ס׳וועט חלילה איהם קיין בייז ניט טרעפען — האָט איהר בארוהיגט דער איד מיט די ברילען אויפ׳ן שטערען.

פון נאָהענט און ווייט האָט זיך דאָ און דאָרט געהערט אַ

קרעהען פון הענער און דאָס האָט אויף אַלעמען געוואָרפען אַ שטי־קענדען אומעט... שטיל, באַדעקט מיט שווארצען און מיט ליכט און לייכטער צוקאָפּענס, איז געלעגען דער, וואָס האָט געהייסען פּסח־בער... ער איז געלעגען איינגעהילט אין זיין אייגענער טויטער שטילקייט; געלעגען און געוואַרט אויף אַ לעבעדיגען, וואָס דאַרף פון ערגעץ קומען צופאָהרען איהם, דעם טויטען, צו ברענגען צו קבורה... עס איז אַזוי אויסגעקומען ביי די לעבעדיגע, אַז דער טויטער ליגט און וואַרט נאָר אויף דער איינציגער זאַך, וואס איז נאָך געבליבען דאָ אויף דער וועלט מיט איהם צו טאָן — איהם באַגראָבען... פון דעם וואַרטען פון זיינעם אויף אַזאַ מין זאַך ווי באַגראָבען האָט עס די לעבעדיגע געשווידערט און דערפאַר האָבען ווייב און קינדער געגאַרט, אַז דאָס אויף וואָס „יענער" וואַרט, זאָל וואָס גיכער געשעהן...

ס'איז אַריינגעקומען מאָטעל דער גבאי פון דער חברה־קדישא, אַ הויכער איד, מיט אַ לאַנגער געלער באָרד, מיט אַ גרויסען וואַלד־שטעקען און מיט אַ גרויסע הילעצרנע לאַמטערנע אין האַנד.

— נאָך ניטאָ? — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

ער האָט אַוועקגעשטעלט די לאַמטערנע אויפ'ן טיש און דאָס ליכט אינווייניג געלאָזט ברענען און, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין שוב איז צוגעקומען נאָך אַ פּייערל, האָט זיך דאָך געדאַכט, אַז פונ'ם לאַמטערנע איז פינסטערער געוואָרען. פון די דיקע לאַמטערנע־זיילען האָבען זיך צוואוואָרפען איבער די ווענט געדאָפּעלטע שאָטענס און צווישען די שאָטענדיגע זיילען האָט זיך אַרויסגעזעהן דער שאָטען פון דער ליכט, וואָס האָט געשטעקט אין לאַמטערנע...

מאָטעל דער גבאי האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און גאַנץ געמיטליך געצויגען אין זיך דעם רויך, איהם אַרויסגעלאָזט צוריק דורך די געדיכטע וואָנצעס און דערביי גערעדט צו די אידען, אַז ער פיהלט ניט בקו הבריאה, און אַז איהם

פּעהלט דער קאַנדעל־צוקער, וואָס ער האָט אַלע מאָל מיט זיך און האַלט עס אין מויל צום הוסט. די אידען האָבען איהם אויסגע־הערט זעהר אויפמערקזאַם, גלייך ווי דאָס, וואָס ער האָט ניט קיין קאַנדעל־צוקער וואָלט פאַר זיי וויכטיגער געווען ווי דער בר־מנן. מאָטעל דער גבאי האָט ענדליך דאָך אַ זייטיגען קוק גע־וואָרפען אויף „איהם" און געלאָזט שטעהן די לאָמטערנע אויפ'ן טיש אַזוי ווי ער האָט איהר אַוועקגעשטעלט, און אַליין האָט ער זיך אויסגעצויגען היימליך און געמיטליך אויף דער האַרטער קאַ־נאַפּע, וואָס האָט אַ טרעשטשע געטאָן אונטער איהם. און עס האָט ניט געדויערט לאַנג ווי ער איז איינגעשלאָפען, מיט דער נאָז און מיט'ן אָטעם אין באָרד און אין די וואָנצעס אריין...

און נאָך אין אַן אָרט איז אימיצער געזעסען און געוואָרט אויף יענעם, אויף דעם זעלבען, וואָס מ'האָט דאָרטען געוואַרט אין יענער שטוב, וואו דער מת איז געלעגען...

געהילט אין נאכט, געהילט אין שטילקייט איז זי געזעסען און מיט אונגעדולד אַרויסגעקוקט אויף דער גליקליכער מינוט פון יענעמ'ס קומען. ווי קינדער פון דער אייביגקייט האָבען זיך מיט אייביגקייט געצויגען די שעה'ן און ס'האָט זיך איהר געדאכט, אז לאַנג, לאַנג אין אייביגקייט פאַרזונקען ציהט זיך די צייט פון אַ האַמטענע לעבען, וואָס קלאַפּט אין איהר, מיט אונרוהיגקייט פון טויט. וואָס דאָרטען ערגעץ, אין יענער שטוב, ווערט מיט ליכטיג־קייט אין די פענסטער באַלויכטען, מיט געוויינען און געשרייען און מיט שטילקייט... עס האָט זיך איהר געדאכט, אז עפּעס נאָהענטעס און מחותנ'עשאַפט קומט דאָרט פאָר, אז יענער איז געשטאָרבען צוליב דעם, כדי דער זוהן זאָל דאָ אַהערקומען און ברייִנגען פאַר איהר לעבען און פרייד. ס'איז געווען פאַר איהר עפּעס אַ גרויסער, אונבאַגרייפליך־אומעטיגער גליק, וואָס צוליב דעם טויטען קומט דער לעבעדיגער, איהר געליבטער, און זי וועט, אַ דאַנק אָט דעם טויטען, זעהן דעם לעבעדיגען, דעם יעניגען, וועמען זי האָט שוין ביי אַ האַלב יאָהר ניט געזעהן... און ס'האָט איהר אַזוי געצויגען אַהינצו צו יענער שטוב דאָרטען צו זיין און וויינען, וויינען אויף

דעם גרויסען, גרויסען גליק וואָס איהר ערוואַרטעט אין די נאָ־הענטע און ווייטע שעה'ן.

אויפ'ן גאַניקעל איז זי געזעסען און הינטער איהר איז געווען נאַכטיג צוגעמאַכט טיהר און פענסטער, און הינטער אַרומגע־מאַכטקייט און אָפּגעצאַמטער פינסטערניש איז געשלאָפען טאַטע, מאַמע, שוועסטער און ברודער. נאָר זי איינע אַליין איז פון דעם נאַכטיגען שלאָפעדיגען און שטילען לעבען אַרויסגעשטויסען גע־וואָרען פון שטוב און זיך באַהעפּט און זיך צונויפגעגאָסען מיט נאַכט און מיט שטילקייט... דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען איז איהר אויסגעקומען אַליין, אָפּגעריסען פון אַ גאַנץ שטעדטעל, צו זיצען און וואַך זיין און שפּירען אויף זיך אָט דעם שטילען דופק אין דער נאַכט, וואָס קלאַפּט מיט טויט און מיט לעבען איינצייטיג, און די בענקשאַפט נאַכ'ן געליבטען איז געווען אַזוי ווּיס... פון צייט צו צייט האָט זיך איהר געדאַכט, אַז ערגעץ דאָרטען און דאָ אַרום איהר איז ער איינצייטיג אויף צוויי ערטער מיט אַמאָל...

זי האָט זיך איינגעקוקט אין דער פינסטערער נאַכט אַריין, זיך איינגעהערט אין איהר שטילקייט, און צייטענווייז האָט זיך איהר געדאַכט, אַז זי אַליין איז אַ שטיק לעבעדיגע פאַרקערפּערונג פוןביידען און אַלעם אַרום איהר איז, ווי זי אַליין, פאַרזונקען אין אַ גרויסען ים פון אומעט און בענקשאַפט... זי האָט זיך אויפ־מערקזאַם איינגעקוקט אין די לאַמטערנעס, וואָס האָבען פון צייט צו צייט אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער פינסטערער נאַכט, און אַלע מאָל דערמאָנט, אַז ערגעץ דאָרטען, דאָ ניט ווייט און אויף דער וועלט, געפינט זיך איינער וואָס איז שוין ניט קיין הי־וועלטיגער און וואַרט אויף דעם זעלבען וואָס זי וואַרט ער זאָל קומען איהם באַגראָבען, און זי?...

* * *

ער איז כמעט ווי פאַרבייגעלאָפען נעבען איהר און האָט זי ניט באַמערקט, נאָר זי האָט באַצייטענס דאָס קול איהר'ס נאָכ־געוואָרפען מיט'ן נאָמען מיט זיינעם:

— שניאור ! . . .

אויפ׳ן וועג צום טויטען האָט איהם אַ לעבען איבערגענומען און ער איז שטעהן געבליבען און מיט׳ן לעבען זיך צונויפגעגאָסען און שטיל האָט זיך אין דער שטילער נאַכט געלאָזט הערען די שטימע זיינע, די טענער, וואָס האָבען געציטערט אין די קלאַמערס פון לעבען און טויט.

— איך האָב מיך אַמאָל אויפגעכאַפּט ביינאַכט פון אַ צאַר־טען, זיסען קלאַנג... איך האָב ניט געוואוסט וואָס דאָס איז און נאָכדעם ווי איך האָב מיר איינגעקוקט אין דער פינסטערניש האָב איך דערזעהן אויף דער וואַנט איבער מיין בעט מיין פידעל הענ־גען. האָב איך פאַרשטאַנען, אז דאָס האָט אַ סטרונע געפּלאַצט. פּונקט אזוי, מיין ליבע, האָט מיר איצט דיין שטימע אַ קלונג געטאָן, איצט־אָ, אין מיין גרויסען אומעט... יאָ, איך ווייס שוין, און דאָ פאַרביילויפענדיג דיין שטוב האָב איך דאָך אַ טראַכט געטאָן ווי דו שלאָפסט דאָרטען; איך געה דאָ פאַרביי און דו ווייסט ניט פון דעם...

ביידע זיינען געשטאַנען צונויפגעגאָסען און אזוי לאַנג ווי זיי ליבען זיך האָבען זיי נאָך ניט געפיהלט אזעלכעס ווי זיי האָ־בען דאָס מאָל געפיהלט... עפּעס אַ מין גרויסען, שווערמוטיגען אומעט, וואָס האָט עפּעס אזוי געצווינגען און געפּייניגט די הערצער זייערע... ס׳איז געווען דער העכסטער מאָמענט פון ליבע, דער העכסטער שטאַפּעל, וואָס גרענעצט זיך מיט טויט און געהאַט האָט ער אַ נעבעלדיגען, כמעט פינסטערען באגריף וועגען ריינקייט און וועגען ריינעם געוויסען אַנטקעגען פאַרשטאָרבענעם פאָטער דוקא מיט דעם, וואָס ער שטעהט דאָ צוזאַמענגעגאָסען מיט דער געליבטער מיט זיינער, ווי ער וואָלט מיט דעם צום טויט עפּעס אַ חוב געצאָהלט, אָבער זי האָט איהם דאָך צולעצט גענומען אָפּצו־שטויסען פון זיך :

— געה, געה, לויף אהינצו גיכער, דאָרטען וואַרט מען !

און ער האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט. ס׳האָבען אַלע אברים געוויינט אין איהם און זיין קול האָט געציטערט :

— איך קען ניט! איך קען ניט אוועקגעהן פון דיר!

און דארטען ערגעץ, הויך אין דער וועלט, הויך און ווייט אין הימעל האט זיך א קלאהרער, גרויסער, פינקעלדיגער שטערן באוויזען און געדאכט האט זיך, אז די נאכט איז רייפער און קליגער געווארען, באשיינט פון אויבען מיט דעם מארגען־שטערען, וואס איז ווי געקומען אנטקעגען דער ביינאכטיגער וועלט, האט זיך פארטראכט וועגען זיך און וועגען נאך פיל, פיל טויזענדער זאכען, וואס זיינען דורכגעלאפען אין דעם שטילען נאכטיגען לעבען... וועגען וועלטען גאנצע, וואס זיינען געשאפען געווארען וויטער צום לעבען און וויטער צום שטארבען: צו אייביגער אונענדליכקייט, געשלאסען אן דער ענדלאזער קייט פון טאג און נאכט און פון לעבען און טויט...

— יא, איך מוז שוין געהן! — האט זיין קול געציטערט און, זיך פארהאלטענדיג נאך עטליכע מינוט נעבען איהר, האט ער געזאגט: — איך בין פארבייגעגאנגען דעם בית־עולם און פון וויטען דערזעהן פון צווישען די בוימער א פייעריל ארויסשיינען, און מיר איז אזוי שרעקליך געווארען... איך האב געטראכט: אט ווי שטיל מ'באגראבט מענשען! און ס'איז מיר געווארען אזוי שרעקליך, אז איך האב קיין טרעהר ניט געקענט לאזען... איך בין געוועזן זיכער, אז ס'איז שוין נאך אלעמען, און בין ארויף אויפ'ן בית־עולם און צוגעקומען צום פייעריל — האב איך דערזעהן א ליידיגען גרוב און ביים גרוב דעם שמש זיצען און נעבען איהם איז געשטאנען א לאמטערנע... איך האב גלייך פארשטאנען פאר וועמעס־וועגען דער קבר איז גרייט... יא, דאס ווארט ער דאך אייגענטליך אויף מיר, אויף מיין קומען.... איך האב געקוקט אין גרוב אריין און אויף דעם מענשען, וואס איז געזעסען און געהיט דעם גרוב, און ער האט געקוקט אויף מיר אוןביידע, מיר צוויי מענשען, לעבעדיגע, האבען זיך צונויפגעטראפען אויף א טויט־ארט נעבען אן אפענעם קבר און ביידע האבען מיר איינער צום אנדערען קייןווארט ניט אויסגערעדט... יא, וועגען מיין טאטען האב איך שוין גארניט געהאט ביי איהם צו פרעגען און געגארט

ביי איהם צו פרעגען אויף אן אנדערען, א נעהענטערען מענשען א פרעג צו טאָן...

זי האָט איהם מיט א קוש דאָס מויל זיינס פאַרשטאָפּט און איהם אָפּגעשטויסען פון זיך און ער איז אַוועק מיט א פול־געלאַ־דענעם הארץ פון ליבע און טויט... ס'איז איהם אזוי שווער און שלעכט־גוט געווען און אלעס אין איהם האָט זיך געצאַפּעלט צווי־שען צוויי שווערע קלאַמערס, צווישען לעבען און טויט, און באַ־גלייט האָבען איהם צוויי געטרייע, ליבע אויגען פון דער געליבטער און פון אויבען, פון הימעל אראָפּ האָט אראָפּגעקוקט און געשמיי־כעלט דער מאָרגען־שטערען . . .

# אַ באַגעגעניש.

איך האָב גאָר פּלוצים דערהערט הינטער זיך שטילע האסטיגע טריטעלאך... טריטעלאַך אַזעלכע, אַזוי ווי יענע ווי מ'הערט זיי ניט, נאָר ס'דאַכט זיך בלויז, אַז מ'הערט זיי... ביינאַכט, אין אַ שפּעטקייט און פון ווינטער־קעלט קען זיך אַמאָל אַזעלכעס דאַכטען... ס'איז געווען שפּעט און ס'איז געווען ווינטער, איך בין פון אַ פרעהליכער, ווארימער שטוב אהיים געגאַנגען, אַהיים, וואו מיך האָט אין אומגעדולדיגען רוגז ערוואַרטעט מיינער אַ נאָהענטער מענש...

קעלט און שפּעטקייט האָבען מענשען און טומעל פון גאַס אָפּגעראַמט, פאַרטריבען זיי אין הייזער און צווישען ווענט, אבער האָרטען איז אויך שטיל, אומעטום איז שטיל, אינעווייניג און אויסענוועניג. אַ קאַלט ווינטעל באַגלייט מיך. אַ ווינטעל?... ניין, דאָס בלאָזט די קעלט אַזוי. ס'איז מעהר קעלט ווי ווינט, און עס וואַרפט מיר און טראָגט מיר אונטער אזוי פון צייט צו צייט אַ פּאַפּירעל וואָס הויבט זיך און פאַלט און רוקט זיך אַזוי הינטער מיר, טראָגט זיך און רייבט זיך אין די שטיינער און שורשעט פּאַפּירענדיג מיט שטילקייט און אומעט פון שפּעטקייט און מער רערישער ווינטער־קעלט. און אַזוי געהענדיג האָט מיר עפּעס אָנגעהויבען נאָכצוגעהן. נאָר געמיינט, אַז עס דאַכט זיך מיר, און קענענדיג זיך, אַז מיר קען זיך אַמאָל אַזעלכעס דאַכטען, האָב איך זיך לאַנג ניט אומגעקוקט און געלאָזט אָט דאָס דאַכטעניש ס'זאָל מיר נאָכגעהן. ווען איך האָב זיך ענדליך אומגעקוקט, האָב איך דערזעהן, אַז דאָס מאָל האָב איך ווירקליכקייט אומזיסט אָנגענומען פאַר אַ דאַכטעניש... און אַזוי ווי איך בין שטעהן געבליבען, אַזוי איז דאָס וואָס איז מיר נאָכגעגאַנגען, זיך אָפּגע־

שטעלט און זיך אַזוי זייטיג פאַררוקט, ווי ס׳וואָלט ניט געמיינט מיך. און נאָכדעם, ווען איך בין ווייטער און לענגער געשטאַנען, האָט זי אַזוי אויסגעדרעהט דאָס קעפּעל איהר׳ס און געוואָרפען אויף מיר אַ גלאַנציגען ליכטיגען קוק, ווי זי וואָלט געמיינט צו פרעגען: וואָס הערט זיך עפּעס, ווייטער מיטגעהן און מ׳וועט ערגעץ אויף אַן אָרט קומען?

איך האָב זי אַ גלעט געטאָן און זי האָט זיך עלאַסטיש אונטערגעבויגען און זיך אַזוי מיט פרעמדקייט אויסגעגליטשט פון אונטער דער האַנד און געוואָרפען אויף מיר אַ פרעמדען, איינזאַמען בליק פול מיט חשד און ניט־צוטרויען צו מיר. אפשר? ווער ווייס, אפשר איז איהר אין דעם מאָמענט איינגעפאַלען, אַז איך בין אַזאַ היימלאָזע באַשעפעניש ווי זי, און אויב אַזוי, טאָ נאָך וואָס־זשע זיך לאָזען גלעטען פון אַ היימלאָזען פאַרשויין?

איך בין ווייטער געגאַנגען און זי איז מיר נאָכגעגאַנגען מיט אַ לויפענדיג גענגעלע. און זעהר אָפט איז דאָס גענגעלע איהר׳ס פאַרשלונגען געוואָרען אין ווינט און אָפט פאַרטויבט געוואָרען פון אַ שטיקעל פּאַפּיר, וואָס האָט זיך נאָכגעשאַרט הינטער די פיס. און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז אַ שטיקעל שטילקייט געהט מיר נאָך, אַ שטיקעל שטילקייט פאַרקערפּערט און אויפגעלעבט אין אַ קערפּער.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס נאָכלויפען נאָך מיר איז ניט פון גרויס ליבשאַפט צו מיר, נאָר פשוט זי איז היימלאָז, ס׳איז איהר קאַלט, זוכט זי אַ שטוב וואו זיך אָנצואוואַרעמען און אפשר טאַקע כאַפּען אַ ביסען אויך... און איך האָב שוין באַצייטענס אָנגעהויבען צו ליידען דערפון. איך האָב ניט געוואָלט זי זאָל בלייבען מיט מיר, וויסענדיג פאָראויס, אַז איך קען זי ביי מיין בעסטען ווילען אין שטוב ניט אַריינעהמען... ווייל איך בין ניט אַליין... די ווייב וואָלט מיך אַרויסגעטריבען מיט איהר אינאַייגעם... זי גלייכט זעהר ניט אָט די חברה... און אין דער אמת׳ן... טאַקע ווער ווייס זי? ... אפשר איז זי ניט קיין ריינע.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף איהר און געטראַכט

ווי אַזוי, אויף וועלכען אופן איהר צו וויסען געבען אַז ס׳איז אומזיסט די ארבייט איהרע, אז דאַס גאנצע נאָכגעהן איהרס נאָך מיר איז אַרויסגעוואָרפען, און געוואָלט זאָגען, אַז פאַר איהר וואָלט גלייכער געווען זי זאָל פּרואווען דעם גורל איהרען אויף א צווייטער פּערזאָן, מסתמא וועט נאָך ווער דורכגעהן דאָ, אפשר וועט איהר יענער, אפשר איז יענער אַזאַ איינזאַמער ווי זי און האָט ניט און אויף איהם וואַרט ניט מיט רוגז א ווייב אין דער היים — און אפשר... נאָר ווי אַזוי זאָגט מען דאָס איהר, אויף א וואָסער שפּראַך גיט מען דאָס איהר צו פאַרשטעהן? האָב איך ניט לאַנג געטראַכט און געזאָגט צו איהר אויף מאַמע לשון:

— הער, מיין טייערס! איך קען דיך אין שטוב אריין צו זיך ניט נעמען... איך וואָלט דיך מיט פאַרגעניגען גענומען צו זיך, נאָר, פאַרשטעהסטו מיך, איך האָב א ווייב אין דער היים, וואָס ברומט שוין דאָרטען אַזוי אויך אויף מיר וואָס איך בין נאָך אַזוי שפּעט ניטאָ, און אַז זי וועט מיך נאָך דערזעהן מיט דיר, וועט שוין אונז ביידען ניט זיין וואָס מקנא זיין.

אויסגעהערט דעם מאמר מיינעם און שטעהט. נאָך דער רעדע, וואָס איך האָב צו איהר געהאַלטען, האָט זי ערשט מעהר צוטרויען געקראָגען צו מיר און זיך געלאָזט איינמאָל און א צווייטען מאָל א גלעט טאָן. איך האָב איהר אריינגעקוקט אין די אויגען אריין און געזעהן ווי זיי זיינען ליכטיג און גרין און קור־קען אויף מיר מיט אַזוי פיל ליכטיגען טרויער און פאַספאַרישער איינזאַמקייט...

זי האָט זיך עלאַסטיש אויסגעבויגען און אָפּגעטראָטען פון מיר און פון מיין האַנט, ווי זי וואָלט דערמיט געזאָגט, אַז פאַר דער ערשטער באַקאַנטשאַפט איז שוין גענוג געגלעט, און האָט זיך אַזוי פון ווייטען צוגעשטעלט מיט שטילקייט און מיט וואַר־טעניש איך זאָל ווייטער געהן, וועט זי מיר נאָכגעהן. אָבער מיר איז דאָס ניט אָנגענעהם געווען: ווי אַזוי וועל איך עס קענען זי לאָזען שטעהן הינטער דער טיר נאָכדעם ווי איך בין מיט איהר

אזא שטיק וועג געגאַנגען און פאַרבראַכט... וואָס וועט זי טראַכ־טען וועגען מיר און בכלל וועגען מענשען... אַ? וואָס?... גע־גאַנגען איין וועג מיט איהם, צו זיין איינזאַמקייט זיך באהעפט, און ער האָט מיך געגלעט און געלאָזט נאָכגעהן נאָך זיך, און דאָ פלוצים אזא פעלשונג... נאָר וואָס האָב איך געקענט טאָן? פאַראוים זי אָפּטרייבען פון זיך? מיט וואָס פאַר אַ רעכט? זי געהט דען אויף מיין ערד?... יאָ... בפירוש!... ס'האָט מיך גע־קימערט, איך האָב ניט געקענט דולדען דעם געדאַנק, אַז זי זאָל האָבען אַ שלעכטע מיינונג וועגען מיר און וועגען מענשען... און אפשר?... ווער ווייס, מעגליך אַז זי קען שוין אונזערע לייט זעהר גוט, מעגליך אַז איהר האָט שוין ניט איינמאָל אַזעלכעס פּאַסירט, וואָס מ'האָט זי פאַרפיהרט און אָפּגענאַרט, אַנדערש וואָלט זי צו מיר מעהר צוטרויען געהאַט און וואָלט ניט געווען אַזוי פאַרדעכ־טיג און צוריקגעהאַלטען... איך זעה, איך דערקען אין איהר, אין איהר גאַנצער באַנעהמונג, אַז זי פיהלט צו מיר קיין צוטרויען ניט, אַז זי נעמט אויף מיינע הענט, אַזוי זיך, עפּעס כמעט ווי ניט גערן, און גלעטענדיג פיהל איך ווי איינצייטיג זי לאָזט זיך גלע־טען, ווי איינצייטיג ציהט זי זיך צו באַפרייען פון מיינע הענט און איז אַזוי קלוג אין איהר האַלטונג, רייסט זיך פון מיינע הענט אַזוי פאַרזיכטיג, ווי זי וואָלט מיר איינצייטיג געוואָלט באַ־ווייזען, אַז אמת, אַז יאָ ס'איז איהר גאַנץ אַנגענעהם, נאָר... אַז עס איז איבעריג און איך פיהל אין איהר די חכמה פון לעבען. אָט דער קלייגער אינסטינקט פון אָפּהיטען זיך, איהר לייב און איהרם אַלעם איינגאַנצען וואָס זי איז, אָפּהיטען פאַר דעם פאַר מיר עפּעס אַנדערש, ניט דאָס וואָס זי איז... פאַר מיר פון אַן אַנדער מין...

אפשר פון צופיל ראַפינירטקייט, נאָר דעם אמת געזאָגט, קיין גוטער בטבע בין איך ניט און האָב קיין מוט ניט געהאַט משלח זי צו זיין פון מיר, וויסענדיג פאַראויס, אַז דאָרטען ביי דער טיר וועט מיר אויסקומען מעהר „העלדען־מוט“ געגען איהר צו באַוויי־זען. איך בין געשטאַנען, מיר דאַכט זיך זעהר לאַנג געשטאַנען, און וואָלט אויך לענגער געשטאַנען, ווען ס'וואָלט אַזוי קאַלט ניט

געווען און וואָלט געזעהן וואָס דער סוף וועט זיין, צי וועט זי שטעהן אַזוי לאַנג ביז וואַנען איך וועל שטעהן, צי איהר וועט עס דערעסען ?

איך האָב פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און דאָס ברענענדיגע שוועבעלע אַזוי אַ וואָרף געטאָן צו איהר, אַז זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָן אַ זייט, אויף עטליכע טריט ווייט זיך אָפּגעוואָרפען מיט רוגזה און אינגאַנצען פאַרגעסען אין מיר. זי האָט זיך פאַרטראַכט אויף דעם ברענענדיגען שוועבעלע און האָט עס באַטראַכט אַזוי לאַנג מיט די אויגען, ביז עס האָט אויסגעברענט אינגאַנצען און נאָכדעם, ווען עס האָט זיך אויסגעלאָשען און ווען עס איז שוין אינגאַנצען געווען אויסגעגליהט, האָט זי ערשט אַן אומעטיגען און ברוגז'ן קוק אויף מיר געוואָרפען און פאָרזיכטיג צוגעגאַנגען און באַשמעקט, און ווען זי האָט געזעהן, אַז ס'איז שוין אויסער גע־פאַהר האָט זי ווידער אויף מיר אַ קוק געוואָרפען און דערזעהן דאָס פּייערל וואָס שטעקט ביי מיר אין מויל, האָט זי אַ ווײַלע געקוקט אויף מיר, עפּעס מיט אַ מין ישוב און זיך אָפּגעטראָגען אָן אַ זייט מיט אַן אָנשטעל, אַז זי האָט זיך שוין אינגאַנצען מייאש געווען, אַז זי האָט גאָר אין מיר פאַרגעסען, אָדער ווי זי וואָלט זיך דאָרטען געוואָלט מיט זיך מיישב זיין, צי עס לוינט זיך מיר ווײַ־טער נאָכצוגעהן, צי ניט; צי זי זאָל דאָס באַצייטענס אויפגעבען.

דאָ האָב איך געמיינט ווער איך זי שוין אָן. ערשט ווען איך בין אָפּגעגאַנגען אַ היבש שטיקעל וועג, איך הער ווי ערגעץ נאָהענט נעבען מיר דראַפּעט זיך עפּעס אויף אַ בוים; איך קוק זיך אום אָן אַ זייט, — ערשט איך דערזעה זי אויף דעם שטאַם פון אַ בוים; אַ פינף זעקס טריט פון מיר. זי שטעהט אַזוי און האַלט זיך אַזוי לייכט און קונציג אויף דעם שטאַם און פאַרדרעהט קאָקעטיש דאָס קעפּעל צו מיר, קוקט זי אַזוי צו מיר, ווי זי וואָלט געוואָלט פאַר מיר באַווייזען וואָס פאַר אַ קונצען זי קען מאַכען. מיר איז זעהר געפעלען געוואָרען דער קלוגער איינפאַל... דאָס האָב געמיינט צו זאגען, אַז זי געהט מיר גאָר ניט נאָך, ניין, אַזוי זיך — מען טרעפט זיך... פריהער דאָרטען, אויפ'ן מיטען וועג,

איצטען בין איך דאָ אויפ'ן בוים. אַז דו ווילסט, זעה... דו קענסט אַזעלכעס ניט...

איך בין אַזוי צוגעגאַנגען צו איהר און פון ווייטען נאָך אויסגעשטרעקט די האַנט, כדי צו באַווייזען איהר, אַז איך מיין איהר קיין שלעכטס ניט צו טאָן. איז זי אַזוי געשטאַנען און זיך געהאַלטען אויפ'ן בוים און האָט אַרויסגעקוקט אויף מיר און אויף מיין צוגעהן. און איידער איך בין צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהר, האָט זי זיך געגעבען אַ דרעה אוים און זיך אַריבערגעדראַ־פעט אויף דער צווייטער זייט בוים און אַזוי פאַרקוקט צו מיר פון יענער זייט אין מיין זייט, — פון איהר צו מיר.

און איך האָב שוין בעת מעשה געטראַכט, אַז מיר זיינען צופיל פאַרטאָן אין זיך און איין מענש אין אַנדערען און אין דעם גאַנצען לעבען אין אונזערען און מיר באַמערקען ניט דאָס לעבען פון אַנ־דערע ברואים וואָס דרעהען זיך אַרום אונז, אַז זיי האָבען אויך אַ לעבען און אַ וועלט און פאַרשטעהען דאָס לעבען אַזוי ווי מיר און זיינען אפשר אין זייער לעבען און צו וואָס זיי באַדאַרפען גאָר ניט נארישער פון אונז.

איך האָב געטראַכט, אַז נאָר אין אַזאַ צייט ווען דו בלייבסט אַליין אָהן מענשען און באַגעגענסט זיך מיט אַ לעבעדיג באַשעפע־ניש פון אַן אַנדער מין און ערשט דאַמאָלסט קען מען עס באַ־מערקען, און נאָך דעם אַלעמען האָב איך דאָך גאָר ניט געקענט טאָן פאַר איהר נאָך אַלע איהרע חכמות און כיטרע קונצען, „דו וועסט דאָך פאָרט מוזען בלייבען אין דרויסען אויף דער קעלט", האָב איך געטראַכט.

איך בין איין מאָל אוועק און אַ צווייטען מאָל זיך אומגעקוקט און געזעהן ווי זי שטעהט נאָך אַלץ אויפ'ן בוים, און אַז זי לאָזט מיך פון אויג ניט אָפּ און עס האָט מיך אַ ביטערער רחמנות דורכגענ־נומען צו דער בריאה, וואָס פיהרט אַזאַ קלוגע פּאָליטיק מיט מיר און וואָס האַלט זיך איינצייטיג מיט מעהר זעלבסטווירדע ווי אַ מענש ווען ער וואָלט זיך געפונען אין אַזאַ לאַגע ווי זי געפינט זיך.

איך האָב מיך אומגעקוקט און אנטקעגען שיין פון לאַמטערנע געזעהן ווי עס גלאַנצען איהרע אויגען מיט גרינעם פייער, און דאָס מאָל האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך זעה עפּעס אַ פאַר־שטעלטע זאַך, אַז אייגענטליך איז דאָס ניט דאָס, וואָס איך זעה, נאָר עס איז עפּעס אַנדערש... גרינע חכמה געזעהן וואָס האָט גע־לויכטען ווי צוויי טיפקייטען פון אַ טיפקייט אַרויס און איך האָב שוין צו איהר דאָס צוטרויען פאַרלאָרען. איך בין מיט דרך ארץ צוגעגאַנגען צו איהר... מיט יענעם דרך ארץ, וואָס אַ מענש קריגט אַמאָל פאַר דער היימישער חיה ווען ער בלייבט מיט איהר אַליין אין שטוב אויג אויף אויג אין אַ שפּעטיגער נאַכטיגער שעה...

איך בין צוגעגאַנגען און פון ווייטענס אויסגעצויגען די האַנט און זי אַ גלעט געטאָן. זי האָט אַרונטערגעבויגען דאָס קעפּעל, פאַרבויגען די אויערען און צוגעזשמורעט די אויגען.

— קיץ

— ניאַ־אַ־אוו!

איך האָב זי גענומען אויף די הענט און צוגעקומען צו דער טיהר פון מיין שטוב, האָב איך זי פּאַמעליכקע אויפגעשלאָסען, און ווי איך בין אַריין מיט מיין אורח'טע אין שטוב, האָט זי גלייך געגעבען אַ שפּרונג אַראָפּ פון מיינע הענד און איז פאַר־שוואונדען געוואָרען. אָבער דערמיט ענדיגט זיך ניט די מעשה. דאָס ערגסטע קומט ערשט; עס קומט ערשט דאָס, וואָס איך האָב דעם גאַנצען וועג מורא געהאַט דערפאַר.

אין מיטען נאַכט אָדער נאָך שפּעטער, האָט מיך די ווייב מיינע אויפגעוועקט און געפרעגט וואָס איך האָב עס אַזעלכעס גע־בראַכט מיט זיך, און גלייך געקראָגען אַ שטרענגען באַפעל, איך זאָל שוין געהן אַרויסטרייבען אָט דאָס וואָס איך האָב מיט זיך מיטגעבראַכט, אָט דאָס־אָ וואָס האָט אין קיך אַלעס איבער־געקעהרט.

איך האָב גאָר ניט געקענט מאַכען און גענומען אַ שטעקען אין איין האַנד און אַ ליכט אין דער צווייטער און האָב אָנגע־

הויבען צו זוכען און צו טרייבען די קאַץ... אַט געפין איך זי, טרייב זי און אַט ווערט זי פון מיין געפינען זי און טרייבען זי פארשוואונדען. האָב איך זי פון דאָס ניי געדאַרפט אויסזוכען און ווידער טרייבען און ווידער יאָגען... איין גאָט ווייסט דעם אמת, מיט וואָס פאַר א הארץ איך האָב עס געטאָן. איך האָב מיך געשעמט... פאַר איהר, פאַר דער קאַץ האָב איך מיך געשעמט... איך האָב מיך געשעמט פאַר מיין מענשליכע באהאנדלונג... איך האָב מיך באמת געפיהלט, ווי א פארברעכער, ווי איך וואָלט געפעלשט אין איהר...

נאָר זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, טאַקע נאָר א מענש קען אזעלכעס טאָן... אָפּגעהן א וועגביידע צוזאַמען און ביידע דעם גאַנצען וועג פארבראַכט און ביידע געקומען אין שטוב אריין... און צום סוף... וואָס האָט זי געקענט איבער מיר טראַכטען? נאָר גלויבט מיר אויפ'ן וואָרט, אז איך האָב... איך האָב זי געטריבען און זיך געשעמט פאַר איהר ווי א גנב... איך האָב זיך מורא געהאַט מיט איהרע אויגען צו טרעפען...

# אין אַ שטורעם נאַכט.

ס׳איז געווען אַ פּאָר שעה נאָך זון־אונטערגאַנג און אַ פּאָר שעה צו זון־אויפגאַנג, און ס׳האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז צווישען צוויי זונען שטיקט זיך די נאַכט. צווישען צוויי זונען, איינע אין מערב און די צווייטע אין מזרח.ביידע באַהאַלטען אונטער דער ערד און ביידע האַלטען אויף די היץ אין דער לופט. אַ שטילע, אַ פינסטערע וואַרימע לופט אָהן זון, אָהן פייער. ווי אין טיפען חלשות זיינען געלעגען אויסגעצויגען די גאַסען, הייזער און שטיינער זיינען ווארעם געווען, ווי האַרטע פאַרגליווערטע קערפּערס ניט לאַנג נאָך יציאת נשמה.

דאָ און דאָרטען האָבען זיך מענשען געשלעפּט, ווער פון אַ גערטעל, ווער פון אַ פּאַרק און יעדער איינציגער פון זיי האָט געפיהלט די איבעריגקייט פון קערפּער און פלייש. מ׳איז געגאַנגען ווי אויף וואַטענע פיס, זיך געוואַקעלט ווי שכורים; ווי היימלאָזע האָבען זיך די מענשען געשלעפּט אין דער שפּע־טער שעה. שרעקלאָך הייס איז געווען אין דרויסען און נאָך שרעקלאַכער די שטוב און דאָס געלעגער. די שטיינער אונטער די פיס זיינען ווארעם געווען און האָבען מיט זייער ווארעמקייט און האַרטקייט באַשווערט דעם גאַנג. נאָהענט ביי די הייזער האָט פון די הייזער מיט וואַרימקייט געזעצט און דאָס בלוט האָט געשלאָגען אין קאָפּ אריין.

און איבער שטאָדט, איבער גאַסען און הייזער האָבען ליכטיגע פלעקען, ווי אין היציגען שווארצען פיבער, געצאַפּעלט. פון אַלע פיער זייטען האָט די היציגע נאַכט מיט ליכטיגע פלעקען געפיבערט שטיל, אָהן דונער, ווי אימיצער וואָלט זיך מיט פּאַספּאָר געשפּילט. עס האָט זיך געדאַכט, ברעמען צי־

טערען מיט ליכטיגקייט פון אויבערשטע ווייטע וועלטען פון הייסע פייערדיגע הימלען, וואָס ליגען ערגעץ באהאלטען פון נאַכט און פינסטערניש. די ליכטיגע פלעקען האָבען זיך גע־גליטשט אויף הייזער און אויף שטיינער, מיט ליכטיגער לייכט־קייט זיך געגליטשט און באוויזען שווארצע שווערקייט פון הייזער און שטיינער.

און מענשען פון טאָג, וואָס האָבען אין דער נאַכט זייער רוה געזוכט, האָבען פאַרטגעזעצט דעם טאָג מיט ניט רוהען און ניט שלאָפען. האלב־נאַקעטע האָבען זיך מענשען ארומגעדרעהט פון שטוב אין הויף און פון הויף אין שטוב, און ערגעץ קיין אָרט פאַר זיך ניט געפונען. ווי גלגולים פארשאָלטענע זיך ארומגע־דרעהט, אָבער אומעטום איז הייס געווען, ס'איז אין ערגעץ קיין לופט ניט געווען. מ'האָט זיך געטאַסקעט פון די שטיבער מיט מאַטראַצען און קישענס, געלאָזט אין די הייזער ווייסע ווייכע געלעגערס און אויף הארטע שפיציגע שטיינער אראָפגעוואָרפען א מאַטראַץ, א קישען, נעבען אימיצען און נעבען אימיצענס געלע־גער. אָבער אויך אונטער'ן פרייען הימעל איז קיין לופט ניט געווען, ווי ס'וואָלט ערגעץ א געהיימע קרעפטיגע האנט דעם לופט־שטראָם פארהאַמעוועט.

און ס'האָט געמאַטערט מידקייט פון טאָג און געפייניגט דער נאַכטיגער שלאָף. מ'האָט ניט געקענט אויף זיין, ניט געקאָנט רוהען, ניט געקאָנט שלאָפען. ס'איז קיין לופט ניט געווען. ביי פילע מענשען האָט זיך געלאָזט בלוט פון די נעזער.

און פון אויבען, אָהן באשטימטקייט פון זייטען און ערטער, האָט זיך דער נאַכטיגער הימעל אָהן אויפהער מיט פּאָספאָר געשפּילט, האָט פון פינסטערער אומבאשטימטקייט ליכטיגע פלעקען אין דער שטיקענדיגער פינסטערניש געוואָרפען, עפּעס ווי אימיצער וואָלט געוואָלט פון אויבען קוקען אראָפּ, נאָר קאָן דעם בליק ניט איינהאַלטען, צאַפּלען זיך די בליקען און ס'פיבערט

די אָהן לופטיגע שווארצע נאַכט, מיט ליכטיגע פלעקען פיבערט זי, ווי זי וואָלט אין היציגע שלאַפקייט געלעגען.

---

אַ לופטעלע איז פון ערגעץ געקומען און אַ ריהר געטאָן אָהן־לופטיגקייט און אומבאַוועגליכקייט און פון׳ם לופטעלע איז אַ ווינטעלע אויסגעוואַקסען און אַ ריהר געטאָן בלעטלאך פון בוימער, וואָס האָבען זיך אַ הויב געטאָן און אַ שאָקעל געטאָן מיט גרינגקייט און לייכטקייט און מיט לשון פון בלעטער און מיט לשון פון בוימער אַ זאָג געטאָן, אַז עס האָט זיך שוין געענדיגט היץ און שטילקייט, אַז ס׳הויבט זיך שוין עפעס נייעס אָן, און דאָס נייע האָט זיך האַסטיג אָנגעהויבען: מאָמענטאַל האָבען אַלע בלעטלאך פון אַלע בוימער פון אַלע זייטען אָנגע־הויבען צו צאַפּלען מיט צווייגעלאך דינינקע אין ערגעץ אין אומבאַשטימטער ווייטקייט און הויכקייט האָט זיך איינס נאָך דאָס אַנדערע און איינס נעבען אַנדערען בליציג, פייעריג און שליינגענדיג דער הימעל אַ שפּאַלט געטאָן און די בוימער האָבען, ווי איבערגעשראָקענע, זיך צורוישט און זיך צואוויגט מיט צווייגען און מיט קעפּ אַהער, מיט קעפּ אַהין, ווי געטאַפּט, ווי געזוכט פון וואַנעט, פון וואָס פאר אַ זייט ס׳קלייבט זיך אָנ־צוקומען ווינט און שטורם.

פייערדיגע שלענג שפּאַלטען אומבאַשטימטע הויכקייט מיט שטילקייט פאר׳ן אויער, אָבער מיט ליכטיגען רעש פאר׳ן אויג. עס בלענדט און שווינדעלט ליכטיגקייט און פינסטערניש, און עס דאַכט זיך, אַז איינס דאָס אַנדערע שלינגט און איינס דאָס אַנדערע קאָן ניט איינשלינגען און ראַנגלען זיך אין גרויסקייט און ברייטקייט פון רוים מיט שטילער רעש׳יגער בלענדעניש... בליץ־שטיל, שטיל־בליץ, שטילער רעש און פלוצים!...

שטילקייט האָט געפּלאַצט אויף איין אָרט און אומעטום, ערד און הייזער האָבען אַ ציטער געטאָן, ערגעץ איז אַ שויב ארויס־געפאַלען און מיט׳ן פאַלען און מיט׳ן קלאַנג זיך צוקלאַפּט און אין קלאַנגעלאך זיך צוברעקעלט און צושאָטען.

און ס'האָט זיך אָנגעהויבען...

באַגלייט מיט בליצען, באַגלייט מיט דונער, מיט ליכטיג־קייט און רעש באַגלייט, האָט זיך אַ בורע צוואָרפען, אַ בורע צושפּרייט און אַ קער געטאָן די גאַסען, אַ הויב געטאָן דאָס אויסגעאַקערטע אין דער לופטען און אויף הייזער און אויף בוימער שטאָדטיגען שטויב געוואָרפען. בוימער האָבען זיך מיט צווייגען צואַוויגט און מיט בלעטער צורוישט. בוימער מיט שטורם, שטורם מיט בוימער האָבען זיך צוקרעכצט. שטאַמען פון בוימער האָבען געסקריפּעט און בלעבענע שילדען האָבען געקנאַקט און איינע אין אַ צווייטע האָט זיך אָפּגעריסען פון דראָט און פון אייזען מיט בלעכענעם קנאַק און דונער זיך אַ טראָג געטאָן און רעש'יג געפאַלען אויף שטיינער.

צווישען שטויב און שטורם זיינען אומבאַמערקט איינ־צעלנע גרויסע טראָפּען וואַסער געפאַלען, וואָס האָבען אויף דער ערד ניט געקענט פאַלען און ס'האָט ערגעץ וואו ווי אַ ניסעל אַ קלאַפּ געטאָן אין אַ דאַך, אין אַ שויב אויף בלעך און אויף גלאָז ווי אָנגעזאָגט: אָט־אָט באַלד קומט עס. נאָך יעדען בליץ, נאָך יעדען דונער האָבען אַלץ אָפטער און אָפטער אַזעלכע טראָפּען אָנגעקלאַפּט אויף דעכער און אויף פענסטער און ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבען.

די שטורמדיגע לופט האָט זיך פּלוצים אין אַ וואַסער־שטורם פאַרוואַנדעלט. אַ כוואַליע אַהער, אַ כוואַליע אַהין און מיט אימפּעט געשווענקט גאַסען און הייזער. כוואַליעס גאַנצע זיינען אויף די שטיינערנע בריקען און שטיינערנע טראָטואַרען געפאַלען. עס איז געפאַלען מיט אַזאַ שטאַרקען אימפּעט, אַז די שפּריצען האָבען זיך געהאַלטען אַ האַלב אַרשין אין דער הויך און געדאַכט האָט זיך, אַז אַלע שטיינער צוזאַמען זיינען איין פאַנטאַן געוואָרען.

ערגעץ אויף איין אָרט, ערגעץ אויף אַ צווייטען אָרט האָט זיך מיט דיקער, מאַסיווער שווערקייט אַ צווייג פון אַ בוים אָפּגעבראָכען און האָט זיך ווי אַ בוים אָפּגעלייגט אויף דער

ערד, אַ צווייג מיט צווייגען, מיט בלעטער, מיט שפּיצען אַראָפּ און מיט'ן שטאַם אַרויף, וואָס איז געבליבען הענגען אויפ'ן בראָך, און נאָך ערגעץ האָבען זיך קרעכצען דערהערט. אַ וואָרצעל נאָך אַ וואָרצעל האָט געפּלאַצט און געפאַלען אין אַ בוים, מיט שטורם פון אייגענעם פאַלען זיך אויסגעצווייגען, מיט ערד און מיט שטיינער האָט זיך אַ קאָפּ באַוויזען, אַ קאָפּ מיט צעפּ, און נעבען קאָפּ אַ גרוב, וואו ס'האָט אַרויסגעשטעקט וואָרצלען פון אַלע זייטען און מאָמענטאַל איז דער גרוב פאַר־גאָסען געוואָרען.

און אויבען האָבען זיך שטיקער הימעל געשפּאָלטען מיט ליכטיגען און גלענצענדען רעש פאַר'ן אויג. ביי יעדען בליץ האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ גאַס מיט וואַסער, פון יעדען דונער האָט אַ ציטער געטאָן אַ גאַס מיט הייזער און געדאַכט האָט זיך, אַז די גאַנצע נאַטור איז אין אַ ווילדע משוגעת אריינגעפאַלען. פאַרוואַסערט און פאַרטויבט איז די גאַנצע לופט־אַטמאָספערע געוואָרען. וואַסער מיט שטורם, שטורם מיט וואַסער, באַגלייט מיט בליץ און דונער. נאָך יעדען בליץ, נאָך יעדען דונער האָט זיך דער וואַסערדיגער שטורם געשטאַרקט, כוואַליעס גאַנצע האָבען זיך שטורמדיג געטראָגען, זיך געוואָרפען אויף ווענט, אויף טירען און אויף פענסטער און ס'האָבען געקנאַקט בלעכענע דעכער פון ציגעל און שטיינער, וואָס איז אויף זיי געפאַלען פון די צואווייקטע קוימענס. און איין הויז און אַ צווייטע האָט פון זיך די ליימיגע געפּוצטע פעל אַראָפּגעוואָרפען און געבליבען אין שטיינערנער נאַקעטקייט אויף איין אָרט און אויף אַ צווייטען אָרט האָט עס פאַרשוועגקט דורך אַ לאָך, דורך אַ שפּאַלט פון אַ דאַך, אַ סופּיט צונעצט און מיט שווער־קייט פון ליים און וואַסער איז אויף די פּאָדלאָגעס שווערע פּלאַסטען געפאַלען און נאָך אין אַ הויז און נאָך אין הייזער האָט אַ וואַנט אָנגעהויבען צו נעצען. דער שפּאַליר האָט זיך אָפּגעטיילט בייכיג, שוועך־מוטיג, פון נאַסקייט און פון חורבן.

אין פאַרשידענע ערטער, אָהן באַשטימטקייט פון שטח, האָט

זיך נאַכט, האָט זיך שטורם מיט ראַזע, ברייטע פּנים'ער באַ־וויזען. די ראָזע פּנים'ער האָבען זיך געטוקט, צוריק ליכטיג געוואָרען. מיט טויבען־קלאַנג האָבען זיך געלאָזט הערען קירכען־גלאָקען. ס'האָט געקלונגען, ס'האָט געברומט, ס'האָט געגעצט און ס'האָט זיך צוואויגט די נאַכט מיט אומגליק, מיט שטורם און פייער, מיט וואַסער און מענשען־קולות, מיט שרעק פאַר וואַ־סער, מיט שרעק פאַר פייער.

ס'האָט געברענט אינווייניג אין הייזער, געפרעסען מעבעל, געלעקט די ווענט און געשטעקט צינגער צו פינסטערניש, צו וואַ־סער. דורך די געפּלאַצטע שויבען האָבען זיך צינגער געריסען און באַלויכטען מיט אומגליק פון פייער, אומגליק פון וואַסער און געפרעסען די אינווייניגסטע געדערים פון די הייזער און אַדורכ־געפרעסען וואָס ס'האָט זיך געלאָזט אַזוי לאַנג, ביז ס'האָט זיך פייער מיט וואַסער און שטויב צוזאַמענגעטראָפען. און וואַסער־דיגע גאַסען האָבען זיך געשפּילט און געשפּיגעלט מיט וואַסער און פייער, זיך געשפּיגעלט ווי גלאַנציגע חלפים פון פאַרדאַרבונג און טויט... דער גרויסער קאַסמאָס האָט זיך מיט זיינע שאַרפע חלפים אין די גאַסען צושפּרייט.

***

דער צופלוס פון וואַסער איז געווען ניט אין פאַרגלייך פיל שטאַרקער פון'ם אַפּלויף, און ס'האָט זיך מיט ווילדען אימפּעט אָנגעהויבען אריינצוגיסען אין די קעלערס און אין די קעלער־שטובען... צו אַרימקייט געקומען, זיך אַריינגעיאָגט און זיך צוגאָסען שטוביג, פיר־קאַנטיג און שטורמדיג אויפגעהויבען האָלץ און מעבעל און אַנדערע שטוב־זאַכען און אָנגעגאָסען, אָנגעפילט קעסטלאַך מיט וואַסער, זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט וואַסער אין דרויסען, טאַסקענדיג מיט זיך שטוביגע זאַכען און אונטער דער שטאָדט האָט זיך דאָס היימישע טייכעל צואוויגט, דאָס קליינע טייכעל האָט זיך אָנגעבלאָזען ווי טויזענדער שדים וואָלטען אין דעם אריינגעשפּרונגען. זי אָנגעבלאָזען און אַרויס פון מולטער און האָט היימישע, שכנ'ישע שטיבלאַך אויפגעהויבען, צוגלידערט

און אַ כאַפּ געטאָן אויף די ריזיגע וואַסער־פּלייצעס, צוזאַמען מיט פרעמדער וואַסער, אין שטאָדט אריין. און ס'האָט זיך אויסגע־מישט הימעל, ערד און קולות, זיך צוזאַמענגעגאָסען אין וואַ־סערדיגער שרפה, צונויפגעגאָסען אין איינעם, גאַסען און הייזער און איין מענש פון צווייטען אָפּגעריסען. טויזענדער קולות האָבען געשריען פאר זיך און פאר אַנדערע, וואָס די, וואָס האָבען גע־שריען, האָבען ניט געוואוסט וואו יענע זיינען אַהינגעקומען. ס'האָבען אַלע מיט איין קול געשריען אויף דער שווידערליכער פרעמדקייט פון וואַסער, וואָס האָט זיך צו היימיש אין שטאָדט געמאַכט... ניט געבליבען קיין נאָהענטקייט און ווייטקייט. אַלעס נאָהענט, אַלעס וויַיט: נאָהענטקייט ווי ווייטקייט, ניט צו דער־גרייכען...

וואַסער!...

וואַסער אין דער לופט, לופט און וואַסער, וואַסער אין שטאָדט, וואַסער אין די גאַסען; גאַסען אין וואַסער, וואַסער אין הייזער, הייזער אין וואַסער; אָהן אַ ערד, אָהן אַ הימעל; אַלעס צוזאַמען, אַלעס אין איינעם צונויפגעגאָסען; רעש פון וואַסער, רעש פון שטורם און פון דונער און פון בליץ און צווישען אַלעס און אַלעמען:

מענשען קולות.

די גאַסען האָבען זיך אָנגעפּוישט, געבושעוועט מיט היימיש־קייט פון שטוביגע זאַכען, אין שווידערליכער וואַסער־פרעמדקייט אויסגעטיילט מיט לענג פון גאַס, מיט לענג פון וואַסער איין זייט הייזער פון דער צווייטער.

פון דעכער און פון בוימער זיינען מענשען געוואַקסען, פיל זיינען פארבלינעט געוואָרען פון שטורמדיגע שטראָמען, וואָס האָ־בען געבושעוועט אין דער לופט, אָהן אָטעם געבליבען און אראָפּ־געפאַלען. פון שווערקייט האָבען זיך צווייגען געבראָכען און אראָפּגעפאַלען. זיינען מענשען מיט צווייגען פארטראָגען געוואָרען מיט'ן שטראָם, און אַלץ אָפּטער און אָפּטער האָט זיך אין שטאָדט אריין, אין גאַסען אריין, ארייגעריסען שטיקער געהילץ. אברים

פון הייזער און זאַכען פון הייזער פון אונטער שטאָדט, פון אַרום שטאָדט, אין אָרימקייט געקומען מיט שטורם און זיך באַהעפט מיט שטאָדטיגער אָרימקייט און אָנגעקלאַפּט זיך אין שטיינערנע ווענט, ווייטער געלאָפען און ווייטער געקלאַפּט. אַלץ עפּטער און עפּטער זיינען אויף געהילץ און אויף שווימענדיגע דעכער מענשען געקומען. פילע פון זיי צוקלאַפּטע, צו'הרג'עטע און דערטרונקענע, וואָס זיינען פאַרשטאַרצט געוואָרען אויף די אָהן־אָרטיגע ערטער און געטראָגען געוואָרען מיט'ן געהילץ אין גאַסען צווישען הייזער.

ערגעץ אויף איין אָרט, ערגעץ אויף אַ צווייט אָרט האָט עס אַ פונדאַמענט אונטערגעשווייַנקט, אַ וואַנט פון אַ וואַנט האָט זיך אויסגעטיילט און זיך צופאַלען און מיט עטלאַכע טויטען זיינען די אייגענע מענשען פון הויז און פרעמדע מענשען, וואָס זיינען געקומען זיך באַהאַלטען, אומגעקומען.

איבער פאַרנעם פון שטאָדט האָט געטראָפען, אַז אַ מוטער האָט אַ פרעמד קינד געכאַפּט, עס אָנגענומען פאַר איהר אייגענס און ערגעץ האָט די מוטער פון קינד איהר קינד באַוויינט און נאָך ערגעץ האַלט זיך אַ פרוי מיט אַ קישעלע אויף די הענט און מיינט, אַז זי האָט דאָרטען דאָס ניט לאַנג געבוירענע קינד איהר'ס. זי האַלט זיך שטאַרק מיט'ן קישעלע און זי ווייסט ניט, אַז זי האָט עס גלייך פאַרלאָרען אין וואַסער אריין, לויפענדיג פון וואַסער.

ס'האָט איין מענש דעם צווייטען פאַרלאָרען אין אייגענער שטאָדט, אין היימישע גאַסען און אַרום אייגענע הייזער פרעמד געבליבען: אויף ערטער אָהן ערטער אין גרויזאַמער פרעמדקייט פון וואַסער, אין הילפלאָזער, שוידערליכער איינזאַמקייט פון צואַ־ווילדעוועטער נאַטור — אליין אומבאַהאָלפען און עטליכע צוזאַמען אַזוי הילפלאָז, ווי די גאַנצע שטאָדט, ווי אַלע צוזאַמען, ווי איינער מיט אַ סך און אַ סך מיט איינעם, ווי יעדער איינציגער פאַר זיך...
... וואַסער ! ! !

ס'איז שוין געווען עטלאַכע שעה אין טאָג און קיינער האָט ניט באַמערקט ווען די נאַכט איז אַוועק און ווען דער טאָג איז געקומען. דער טאָג איז מיט שוואַרצע, געדיכטע וואָלקען געקומען

און געדאַכט האָט זיך, אַז די נאַכט האָט זיך אויפ'ן הימעל פאַרקלי־בען און פאַרטגעזעצט פאַרפלייצונג און פאַרוויסטונג. די שוואַרצע נאַכט הויבט זיך אין בלייכען וואַסערדיגען טאָג אריין, מיט פייער־דיגע שלענג געשפּאָלטען און געצאַפּעלט האָט די שטורמדיגע וואַ־סער־לופט מיט „רעגען בויגענדיגע" פאַרבען.

און ס'האָבען זיך געהויבען די גאַסען. גאַסען און בוימער זיינען קירצער געוואָרען און געבושעוועט ארום אומבאַוועגליכקייט פון שטיינערנע ווענט און צייטענווייז האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס וואַסער שטראָמט פון די הייזער ארויס און מיט קאָסמאָסישער ווילדקייט שפּילט עס זיך מיט שטוביגע זאַכען, וואָס טראָגט פון פענסטער ארויס און פון פענסטער אריין און קלאַפּט מיט הילצערנע אברים פון הילצערנע הייזער און שטיינער פון שטיינערנע הייזער. און מיט שטוביגע זאַכען שפּילען זיך גאַסען, מיט שוידערליכער היימישקייט האָט זיך טויט באַדעקט. און דער הימעל פון אויבען ווערט אַלץ דיקער, ווערט אַלץ שוואַרצער און גיסט און שמייסט מיט שטראָמען גאַנצע, מיט גאַנצע טייכען און צווישען הימעל פון אויבען און וואַסער פון אונטער און וואַסער אין דערמיט; צווישען לופט, צווישען וואַסער, גוסס'ט פאַר דער צייט דער טאָג. אין עטלאַכע שעה נאָך זיין געבוירען איז דער גרויסער זומער־טאָג דערשטיקט געוואָרען...

ערגעץ אויף אַ דאַך, אָנגעהאַלטען אָן אַ קוימען, האָט זיך אַ משוגענער (וואָס איז ערשט משוגע געוואָרען) באַוויזען און האָט אויסגעשריען:

— משיח קומט! — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

# צװײ.

עס טרעפט מ׳דערצעהלט דיר: געשטאָרבען דער און דער, און װײסט ניט װער דאָס איז, פאַרדריסט עס; גאַלינגט עס דיר זיך דערװיסען, טוט עס דיר שטיל הנאה; עפּעס ביזטו אומדײטליך און נעבעלדיג צופרידען, װאָס דו האָסט דעם פאַרשטאָרבענעם געקענט... עפּעס עהנליכעס האָב איך ערשט ניט לאַנג איבערגעלעבט װען די װירטין פון מײן דירה, װאָס האָט אַ שװאַכקײט אַזעלכע נײעסען צו דערצעהלען, האָט מיר גאַנץ פריה, װי איך האָב זיך נאָר אין עס־שטוב באַװיזען, דערצעהלט, אַז בײנאַכט איז פּלוצלינג אַ יונג װײבעל געשטאָרבען. איך האָב זיך אָנגעהויבען אויסצופרעגען, װי האָט דאָס װײבעל אויסגעזעהן, װי אַזוי האָט זי געהײסען און װאו האָט זי געװאוינט? מײן װירטין האָט געמישט מיט׳ן לעפעלע די טײ און געקוקט אויף מיר מיט אַ שעלמיש שמײכעלע. איך האָב מיך עפּעס ניט הײמליך דערפיהלט און געזאָגט:

— מאַדאַם! עפּעס קוקט איהר אויף מיר פאַרדעכטיג. אין װאָס באַשטעהט אײער פאַרדאַכט?

זי האָט זיך צולאַכט. אַזוי לאַכען קאָנען נאָר זאָרגלאָזע פרויען און בײ אַזעלכע איז שװער צו דערגעהן, צי געהט דאָס געלעכטער פון טיפען הארצען, צי עס לאַכט זיך פון זאָרגלאָזיגקײט.

זי האָט מיר קאָקעטיש אַ דרעה געטאָן מיט׳ן אָנװײז פינגער, װעלכער איז װי אַ פאָס מיט רײפען געװוען אָנגעשלאָגען מיט מאַסיװע גאָלדענע רינגען.

— מאַדאַם ראָזענבערג!

— בראַװאָ! בראַװאָ! — האָט זי געפּאַטשט מיט די הענט.

— איהר קאָנט זײן אַן אַקטיאָר.

— נאָר אום גאָטעס ווילען! איהר האָט דאָך דערצעהלט פון א ווייבעל, וואָס איז פלוצלינג ביינאכט געשטאָרבען.

— וועגען דעם טאקע...

— איהר לאַכט פונ'ם ווייבעל, וואָס איז געשטאָרבען?

— גאָט באהיט! — האָט זי אויף א ווײלע געמאכט אַן ערנסט פנים. — פון אייך לאַך איך!...

— פון מיר?...

— איהר מאכט אזא אַנשטעל, ווי איהר וואָלט שולדיג געווען גאָט די נשמה...

— מאדאם ראָזענבערג, איך הויב אייך ניט אָן צו פארשטעהן. רעדט דייטליך, וואָס מיינט איהר?

— איך מיין, אז איהר האָט דאָס ווייבעל זעהר גוט געקענט...

— איך דאָס ווייבעל?... וואָס פאַלט אייך איין?

זי האָט ניט געענטפערט. אויף איהר פריש פריהמאָרגענדיג געזיכט האָט זיך אַן אומעט צוגאָסען; די ליפּען האָבען זיך פאר־צויגען מיט ווייבליכער שלעכטקייט און פאר זיך באהאלטענעם פארדרוס... זי האָט זיך שוין פארקוקט אָן א זייט כדי אויף מיר צו קוקען. דער מאָמענט איז פאר מיר העכסט שפּאַנענד געוואָרען. ארומגעגאנגען דעם טיש האָב איך זיך איהר אַוועקגעשטעלט פאר די אויגען און געוואַרט, אַליין ניט געוואוסט אויף וואָס... ענדליך האָט זי אויף מיר אַוועקגעשטעלט איהרע אויגען מיט'ן זעלבען שעלמיש שמייכעלע און מיט א פארדריסיגען טאָן געזאָגט:

— צי האָט איהר ווירקליך פארגעסען ווי איהר זייט איינ־מאָל שבת־צו־נאכטס געקומען און מיר און מיין מאַן דערצעהלט, אַז איהר האָט ערגעץ עפּעס א זעלטען סימפּאַטיש ווייבעל געזעהן, א ווייבעל מיט אויסערגעוועהנליך גרויסע, שוואַרצע, צי ברוינע אויגען און אז עפּעס איז צווישען אייך פאָרגעקומען אַזעלכעס...

— אָט דאָס ווייבעל איז געשטאָרבען? פלוצים געשטאָרבען.

— א, אַ, איצט ווייסט איהר שוין?

איך בין ווירקליך געווען איבערראַשט, אָבער איינצייטיג

בין איך געווען צוטומעלט פון מיין ווירטין. איך האָב ניט גע־קענט באַנעהמען איהר טריאומפירענדען טאָן...

— פון וואַנעט־זשע ווייסט איהר, אז דאָס איז דאָס זעלבע ווייבעל?

— מיין ליבער שכן! — האָט מיין ווירטין אויסגערופען מיט א סאַרקאַסטיש שמייכעלע... איהר זעהט דאָך, אז איך וויים... איך געדענק אייער באַגייסטערונג און איהר האָט איצט געוואָלט מאַכען אָן אָנשטעל, אז איהר האָט שוין גאָר אָן דער גאַנצער גע־שיכטע פאַרגעסען.

זעהט אוים, אז מיין דאַמע האָט מיר חושד געווען, אז איך האָב עפּעס פון איהר געוואָלט פאַרלייקענען; און וואונדערליך: מיר האָט זיך אָנגעהויבען צו דאַכטען, אז ס'איז טאַקע צווישען מיר מיט „יענער" עפּעס פאָרגעקומען. געוועהנליך, ניט דאָס וואָס מיין דאַמע האָט דאָרטען ביי זיך געטראַכט. איך האָב מיך דער־מאָנט אין דעם שבת'דיגען פאַרנאַכט. „זי" איז געזעסען פאַר דער טיר אויף א דעמבען קלעצעל צניעות'דיג פאַרלייגט א פוס איבער א פוס... וואַרעמדיג אָנגעטאָן אין א טערקישען פעניואר. נעבען איהר איז געזעסען א געלער יונגערמאַנטשיק. קענטיג דער מאַן איהרער, שבת'דיג פאַרפּוצט מיט א פאַפּירענעם קאָלנער און מיט קאַשקעטעל אויפ'ן קאָפּ. זי איז געזעסען מיט א זייט צו איהם און א ראָזע פאַרב האָט געגליהט אויף איהר מאָגערען, נאָר אויסערגעוועהנליך סימפּאַטיש, כמעט מיידליש געזיכט. איך האָב מיך א לענגערע צייט ארומגעדרעהט אנטקעגען איהר און עפּעס א באַהאַלטען געפיהל האָט מיך צוגעשמידט צו דער אומ־באַקאַנטער... כאָטש זי האָט אויף מיר ניט געקוקט, האָב איך דאָך געפיהלט, אז זי שפּירט מיין געגענוואַרט און לעבט עפּעס שטיל איבער... איך האָב עס דערקאָנט אין דעם, וואָס זי האָט זיך עפּעס אזוי ווי פרעמד געהאַלטען צום מאַן, אז זיין נאָהענט־קייט איז איהר געווען צו לאַסט. די אויגען האָבען ביי איהר געגלאַנצט פון א טיפער אינערליכער איבערלעבונג... איך האָב געשפּירט, אז דאָס ווייבעל ליידט פון עפּעס, געשפּירט אז זי

איז עפּעס אַזוי, אַז זי איז נאָך קיינמאָל, ביז זי האָט מיך ניט געזעהן, אַזוי ניט געווען... אויף אייביג ווייט, אויף אייביג פרעמד, אויף אייביג פאַראורטיילט ניט צו באַגעגענען זיך מיט אַ מענשען וואָס איז איהר נאָהענטער פון דעם, וואָס זיצט נעבען איהר און אויף אייביג, האָב איך ווייטער געטראַכט, וועט בלייבען אין זכרון, אַז דער נאָהענטער האָט זיך דאָך אויף איהר האַרי־זאָנט געוויזען.

איך האָב געפיהלט, איהר נאָהענטקייט צו מיר און האָב אויף אַ מאָדנעם אופן איבערגעלעבט אַ שטיק לעבען איהרס, האָב זיך אַריינגעריסען אין די טיפקייטען פון איהר נשמה... איך האָב טיף עפּעס געטראַכט און נאָך טיפער געפיהלט, אַז...

— הערט, — האָב איך געזאָגט צו מיין ווירטין — זי איז גאָרניט קראַנק געווען? זי איז פּלוצים געשטאָרבען?

מיין דאַמע האָט זיך צולאַכט:

— זעהסט, ער האָט זיך געוואָלט מאַכען תמ׳עוואַטע, אַז ער קען זי גאָרניט... אַי, בין איך אַ מבין אויף אַ טשאַד!...

— וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען?

איך בין צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ גערטעל אַריין, האָב אויף בוימער נאָך ניט אינגאַנצען צולאָזטע און אויף פריהלינג גרעזלאַך געקוקט און מיר האָט אַזוי וועה געטאָן דאָס האַרץ פאַר דער אומבאַקאַנטער. פיל מעהר האָט מיר פאַר איהר געאַרט, ווי עס וואָלט אַ נאָהענטער פון די נאָהענטסטע געשטאָרבען...

וואָס אַזעלכעס איז געשעהן?

איך האָב מיך דערמאָנט ווי זי האָט זיך אַזוי פרעמד גע־פיהלט אין שבת׳דיגען טומעל און איך האָב מיך געוואונדערט: וואָס שטעה איך, איהר נאָהענטער, פון ווייטען? פאַרוואָס בין איך ניט נעבען איהר? איך האָב געשפּירט, אַז איך האָב זיך אויף אַן אויסטערלישען אופן צונויפגעגאָסען מיט דעם ווייבעל׳ס נשמה, און דערצעהלט האָט זי מיר שטומערהייד אַ גרויס שטיק טראַגעדיע פון אַ פאַרבאָרגען אומגליקליך לעבען...

— מאַסיע שערמאַן, דער סאַמאָוואַר ווערט קאַלט!

מיין ווירטין האָט מיך פּלוצים אַ גלעט געטאָן איבער'ן קאָפּ און מיט אַ שעלמיש שמייכעלע און פלאַמענדיגע אויגעלאַך געזאָגט:

— נו, נו, גענוג, נעהמט זיך ניט אַזוי שטאַרק צום האַרצען.

געקוקט אויף דער דאַמע און ניט אָנגעהויבען צו וויסען וואָס זי וויל פון מיר. טיף אין האַרצען האָבען געברויזט שווער־נעבעל־דיגע געפיהלען און אין נעבעל האָט געבלאַנזשעט אַ געדאַנק, אַז איך האָב עפּעס אַן אומדירעקטע שייכות צום ווייבעל'ס טויב... אַז עפּעס... נאָר וואָס וויל אָט די לעבעדיגע פון מיר האָבען?

— איהר פלעגט זיך אָפּט מיט איהר זעהן?

— מיט וועמען?

— נו, מיט וועמען! אָט ווייסט ער שוין ניט מיט וועמען...

— ? ? ?...

— וואָס קוקט איהר מיך אַזוי אָן?

— פון וואָס איז זי געשטאָרבען?

— איך מיין, אַז איהר באַדאַרפט עס בעסער וויסען פון מיר.

— איך שווער אייך ביי וואָס הייליג איז, אַז איך האָב דאָס ווייבעל מעהר ווי יענעם מאָל ניט געזעהן.

— איין מאָל?

— יענעם מאָל.

זי האָט אויסגעשאָסען אַ געלעכטער:

— איהר קענט אפילו קיין ליגען ניט זאָגען.

די דאַמע האָט מיך שוין ארויסגעבראַכט פון געדולד:

— איך שווער אייך, אַז איך האָב זי ניט געקענט... איך וויים אפילו ניט ווי אַזוי זי האָט געהייסען...

— איך וואָלט אייך גערן געגלויבט — האָט מיין דאַמע געזאָגט נאָר קוקענדיג אויף אייער פאַרצאָרענט פּנים...

יאָ, איך האָב עס געפילט... איך האָב מיך ווירקליך געפילט פאַרביטערט פון דעם פּלוצלונגען טויט פון דער אומבאַקאַנטער און איך האָב געמוזט שווייגען. איך האָב שוין קלאָר פאַרשטאַ־

נען, אַז וואָס איך זאָל ניט רעדען צו דער פלײשיגער דאַמע וועט זי זיך שוין בלײבען בײ דאָס איהריגע.

איך האָב מיך ענטשולדיגט פאַר איהר, אויף גיך אַרײַן אין מײַן צימער, געשווינד אַרויפגעכאַפּט אויף זיך דעם פּאַלטאָ, אַרויפגעוואָרפען דעם הוט אויפ'ן קאָפּ און אַרײַנקומענדיג צוריק אין עס שטוב געפרעגט:

— ס'איז נאָך ניט שפּעט?

— איך מײן אַז ניט — האָט זי געענטפערט מיט אַ סאַר־קאַסטיש שמײכעלע — לויפט גיכער! זי האָט עס בײ אײך כשר פאַרדינט...

לויפענדיג צו דער לויה איז מיר אײנגעפאַלען: מײן ווירטין איז אין מיר פאַרליבט...